STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02035

DI HOKHME FUN HOKHMES

Dov Sadan

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דב סדן

✶

די חכמה פון חכמות

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן דורך דעם
קאַרפּמאַן־פאָנד
אין אָנדענק פון שמואל און דאָראַ קאַרפּמאַן ע"ה (לאָס־אַנזשעלעס)

✶

This book was published through the
Karpman-Fund
in memory of Samuel and Dora Karpman (Los Angeles)

ד ב   ס ד ן

די חכמה פון חכמות

(צו דער ביאָגראַפיע פון וואָרט און ווערטל)

הוצאת
י.ל. פרץ
ישראל

תשכ"ח / 1967

DOV SADAN

DI CHOCHME FUN CHOCHMES

Studies in Yiddish Sayings

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Street, Tel-Aviv.

*

דב סדן / די חכמה פון חכמות

פאַרלאַג י. ל. פרץ, רח' אלנבי 31 תל־אביב

©

נדפס בישראל תשכ"ח
Printed in Israel, 1967.

סודר במסדרת חגון את חגון / נדפס בדפוס הפועל המזרחי תל־אביב

תוכן

	דריי הערות	7
.1	אייער און הינער	11
.2	פרעמדע הענט	15
.3	צווישן שמאַנט און שמאַלץ	19
.4	אַ ביסל מעסערשטעך	26
.5	מעשה באַנקראָט	34
.6	גדולת המן	41
.7	פויסט תרתי משמע	47
.8	מעשה בהמה	50
.9	אַז עס קלינגט	54
.10	אַליין און ריין	65
.11	אַ קאַפּ יצר הרע	68
.12	אַ מאָדנע דאַנק	76
.13	פּול און ליידיק	81
.14	אַ מעשה מיט אַ בעזעם	87
.15	קאָסע און לוח	94
.16	אַריין מיט אַ באַסאַמאַ	107
.18	מאַכן אַ גאַרטל־הענגער	127
.19	האַפּן — תרתי משמע	141
.20	וועגן שמירן און פאָרן	149
.21	וועגן אלטן בעלזער	157
.22	איבער אַ סאָרט קעצלעך	160
.23	עפּעס וועגן גאָרנישט	165
.24	צווישן עופה׳לע און נפל׳ע	174
.25	צווישן תורה און לאָקשן	182
.26	צווישן מומע און שטיין	189
.27	צווישן וואַנט און ווינט	195

דריי הערות

א

כמעט פון קינדוויז אָן האָט מיך געצויגן צום חן און צום סוד פון ייִדישן וואָרט, ווערטל, גלייכווערטל. וואָס איז זייער אָפּשטאַם, געבנזע, באַטייט; וואָס פאַר גלגולים זענען זיי אויסגעשטאַנען, וואַנדערנדיק איבער לענדער און צייטן; וואָס פאַר קרן האָבן זיי געבראַכט מיט זיך און וואָס האָבן זיי געגאַשט אויפן לאַנגן וועג, ביי די שכנים; וואָס איז זיי, אויף זייער וואָגל און וואַנדער, צוגעקומען און וואָס איז זיי אָפּגעקומען; ווי אַזוי האָבן זיי זיך אויפגעהאָדעוועט און ווי אַזוי האָבן זיי זיך דערהאַלטן — אָט אַ בינטל קשיות, וואָס ווילן פאַרענט־פערט ווערן. זאָגט אפילו דאָס ווערטל: נאָך אַ תירוץ גייט מען נישט אין וואַלד אַריין; אָבער דאָ מוז מען זיך בפירוש לאָזן אין אַ טיפן, צומאָל גאָר טונקלען וואַלד, און מען מוז זייער געוואָרנט זיין, חלילה נישט צו פאַרבלאָנדזשען. אָבער קיין אַנדערע ברירה איז נישטאָ, ווי זיך לאָזן אין זיינע געדיכטענישן און מיט גרויס באַזאָרגטקייט און התמדה נעמען נישטערן, כדי פון זייערע פאַרשלונגענקייטן אַרויסצוקלאָרן אַ באַשייד פון דעם האַלבן מניין רעטענישן, וואָס האָבן זיך אַלע אָן מיט סאַמע וואָווין: וואָס, ווער, ווען, וווּ און ווי.

ב

מיינע זוכענישן האָבן זיך געצויגן יאָרנלאַנג, תחילה פראַגמענטאַריש און ספּאָראַדיש, לימים אַלץ סיסטעמאַטישער — אין מיינע צוויי אַנעקדאָטן־ביכער וואָס האַלטן יעדעס צו 1001 אַנעקדאָטן — „קערת צימוקים" (תש"י), „קערת אגוזים" (תשי"ג), איז מיר אויסגעקומען אַ סך מאָל אָנצוווייזן אויף ייִדישע ווערטלעך, ווי אויך אויף דעם גרונטיקן אָדער זייטיקן מקור זייערן. מיט אַ פּאָר יאָר

פריער האָב איך אויך אָנגעהויבן צו פאַרשרייבן ווערטלעך, סיי די וואָס איך געדענק פון מיין געבוירנשטאָט, בראָד, סיי די וואָס איך האָב זיי ערגעץ אַנדערש געהערט אָדער געזען, און בעיקר די, וואָס געפונען זיך בכלל נישט, אָדער געפונען זיך אין אַן אַנדערער פאָרעם, אין די געזעמלען. די איניציאַטיוו דערצו האָט געגעבן מיין לערער און פריינד, דער פיינער און האַרציקער שרייבער אשר באַראַש עליו השלום. עס האָט, בעצם, באַדאַרפט צו זיין אַ בשותפותדיקער אויפטו — ער וועט זאַמלען פאַר זיך און איך פאַר זיך און שפּעטער וועלן מיר דעם אויפגעשריבענעם מאַטעריאַל קאָנטראָלירן און סעגרערירן.

מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך גענומען שרייבן אַן אַרבעט וועגן באַזונדערע ווערטלעך — מיין יוגנט פריינד, ישראל כהן, אַליין אַ מאַדים אויף ווערטלעך און זייערע פּאַראַלעלן, ווי ער האָט באַוויזן אין זיינע צוויי בענד („זה לעומת זה" „ספר פתגמים מקבילים") לאָזט זייט פיל יאָרן עד היום גיין אין „הפועל הצעיר", וואָס אונטער זיין רעדאַקציע, גאַנצע ציקלען פון מיינע אַרבעטן, איבער ווערטער און ווערטלעך (משקופי לשון; ירכתי פתגמים) און זיי זענען אַריין אין מיינע ביכער „אבני שפה" (תשט"ז) און „יריד השעשועים" (תשכ"ד). דעסגלייכן האָט מיין פריינד מאיר מדן געבראַכט אַ ריי אַרבעטן מיינע אין „לשוננו לעם" וואָס אונטער זיין רעדאַקציע, און פון זיי זענען אַ טייל אויך אַריין אין די דערמאַנטע ביכער.

ג.

מיט דער צייט האָב איך דעם ענין ווערטל איינגעגלידערט אין יידיש־לימוד אין ירושלימער אוניווערסיטעט — אַ באַזונדערער סעמינאַר האָט זיך פאַרנומען מיטן אַנאַליז פון ווערטלעך, און מיין פריינד יעקב צבי שאַרגעל האָט מיך פאַרבעטן די זאַכן צו פאַרעפנטלעכן אין „ישראל שטימע", וואָס אונטער זיין רעדאַקציע, און עס זענען דאָרט טאַקע געגאַנגען אין צענדליקער המשכים צוויי סעריעס („די חכמה פון חכמות", „צווישן וואָרט און ווערט"), און ער און זיין איידעלע פרוי מרת פירא האָבן זיך פיל מי געגעבן עס שיין און סטריקט אַרויסצוגעבן. ואחרון אחרון, מיין פריינד ד"ר שלמה ביקל, וואָס האָט מיך, במשך יאָרן, צו דער אַרבעט סטימולירט, האָט פאַר מיר געעפנט די שפּאַלטן פון „צוקונפט", וואָס אונטער זיין רעדאַקציע, פאַר אַ באַזונדערן ציקל (ווערטלעך און זייערע שכנים). זכרה להם אלהי לטובה.

אַ טייל פון אָט די ציקלען און סעריעס, אויסגעברייטערט און פּרטמדיקער

באַאַרבעט, גייט אַריין אין איצטיקן בוך מיינעם און איך דאַנק דעם י.ל. פרץ־פאַרלאַג און זיין רעדאַקטאָר, מיין פריינד אברהם ליס, ואחרון אחרון שלמה שווייצער, פאַר דער מי עס לייטיש און ציכטיק אַרויסגעבן. איך וויל האָפן, אַז דער ערשטלינג מיינער וועט זוכה זיין צו אַ היפשע כאָפּטע ברידערלעך.

ירושלים, אדר א׳, תשכ״ז

דב סדן

1. אייער און הינער

א

(אַז) די אייער זענען (היינט) קליגער פון די הינער — איז אַ גאַר פּאַר־שפּרייטער זאָג און זיין מיין איז קלאָר: די קינדער זענען קליגער פון דער מאַמען, די קליינע זענען קליגער פון די גרויסע, וכדומה; און דער מיין איז אַן איראָנישער. מיר האָבן אַריינגעשטעלט אין קלאַמערן צוויי ווערטער, וועלכע ווערן נישט תמיד באַנוצט — דאָס ערשטע וואָרט: אַז איז אָדער אַן אַריינפיר־וואָרט, אַ שטייגער: אַז די קינדער האַלטן זיך קליגער פון די עלטערן (אָדער סתם עלטערע), דאַרפן זיי דאָך זייערע עצות אויף כפרות; אָדער עס איז אַן אויספיר־וואָרט, אַ שטייגער: וואָס העלפן עצות פון עלטערע, אַז די קינדער זענען קליגער פון (אָדער: פאַר) זיי. דאָס אַנדערע וואָרט: היינט וויל אונטערשטרייכן, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַ מין ציכן פון דער נייער צייט, עפּעס אַ מאָדע, אַן אונטערגאַנג, אַן אַנשיקעניש, כאָטש דאָס ווערטל איז גאָר נישט אַזוי יונג, און עס איז אַפילו אַן אַלטער מחותן אין דער מוסר און תוכחה־ליטעראַטור. אַזוי אַז דער באַגריף היינט איז דאָ זייער מאָביל און טראָגט זיך איבער פון דור צו דור און געדענקט שוין מסתמא נישט דעם ערשטן נעכטן, ווען די אייער האָבן זיך געהאַלטן נאַרישער פון די הינער. און אייגנטלעך קען מען שוין נישט וויסן, ווען האָט זיך דער ערשטער גלגול פון אונדזער ווערטל, (ווו דאָס קינד איז קליגער פון דער מאַמען, נאָך איידער עס האָט זיך אויסגעפּיקט פונעם איי), באַגעגנט מיטן ערשטן גלגול פונעם ווערטל: איידער דער טאַטע איז געבוירן קריכט שוין דער זון אויפן דאַך, (ווו דאָס קינד איז קליגער פונעם טאַטן איידער ער, דער טאַטע, האָט זיך אַריינגעפּיקט אין איי). און דאָס ווערטל האָט גאָר איראַנישע נוסחאות ווי, אַ שטייגער, טשעכיש: Tatek se rodi/syn už beha po štreše [= דער טאַטע ווערט געבוירן דער זון לויפט שוין איבערן דאַך], און ווערט אויך אַנגעווענדט אויף אונדזער גאַנג: שטאַט tatek ווערט דערמאַנט kour [= דער האָן] וכדומה. זע י.ק.י. ערבען (געזעמל פון טשעכישע פאָלקס־

לידער און רעטעניש, ז. 21), ווו עס ווערט באַמערקט, אַז דאָס ווערטל געפינט זיך אויך מאַראַוויש, סלאָוואַקיש, סערביש, רוטעניש, ווייסרוסיש און ליטוויש.

ב

עס לאָזט זיך רעדן איבער ווייטע גלגולים פון אונדזער ווערטל, און עס איז אַ ווייטקייט, סיי אין זין פון צייט סיי אין זין פון אָרט. וואָס שייך אָרט — פאַרשטייט זיך, אַז אונדזער ווערטל האָט זיך זיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך אין אַנדערע שפּראַכן, און מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט דעם, וואָס עס ברענגט ישראל כהן („זה לעומת זה, אוצר פתגמים מקבילים", סי' 2062), — דאָרט האָבן מיר דאָס ענגלישע Jack Sprat would teach his grandame to grope hens [= זשאַק ספּראַט וויל זיין פּריצה לערנען טאַפּן הינער], דאָס דייטשע Die Jungen wollen den Alten raten [= די יונגע ווילן די אַלטע געבן עצות], און וואָס עס איז פאַר אונדז אַ סך וויכטיקער: Das Ei ist kluger als die Henne [= דאָס איי איז קליגער פון דער הון], אויך פון היימישערע נוסחאות ברענגט ער לויט גרשון ראַזנצוויג: אפרוח דעת לך יחוה [= אַ עופהלע וועט דיר אַ דעה זאָגן]. עס דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז אין דעם אוצר איז שוין פריער (סי' 876) געבראַכט געוואָרן דאָס ענגלישע: My fool my tutor [= מיין נאַר מיין לערער], און וואָס עס איז פאַר אונדז וויכטיקער, דאָס דייטשישע: Will das Ei kluger sein als die Henne [= וויל דאָס איי קליגער זיין פון דער הון] און אין העברעיש דאָס תנ"כישע: היתפאר הגרזן על החוצב בו [= וועט זיך די האַק איבער איר האַקער באַרימען], און דאָס אַנאָנימע: האם יוצא ירכי ילמדני דעת [= וועט דער וואָס גייט אַרויס פון מיינע לענדן מיך לערנען פאַרשטענדעניש] און דאָס געגראַמטע: התתן הביצה לתרנגולת עצה [= וועט דאָס איי דער הון געבן אַן עצה]. און מיר וועלן נאָך צוגעבן אַ פּיקאַנטערן צושפּיץ — יעקב גלאַטשטיין שרייבט: „ס'איז אַ צייט פון בלבול המוחות, קומען די הינער און פרעגן עצות ביי די אייער" (יידישער קעמפער, 17 יולי 1959).

יאָ, ישראל כהן ברענגט נאָך, סי' 2062, לויט דער גמרא: דנפק מינך טעמא מלפך, אַ העברעישן איבערזעץ: היוצא ממעיך ילמדך דעת, אָבער די גמרא (יבמות ס"ג ע"א) מיינט עס דווקא אין פּאָזיטיוון זינען, ווי עס באַמערקט רש"י: פעמים שהבן מחכים את אביו [= עס טרעפט זיך, אַז דער זון מאַכט קלוג דעם טאַטן, מיינט: ער לערנט אים], אָבער ליצנים האָבן עס דעגראַדירט און געטייטשט: דנפק מינך, דער וואָס איז אַרויס פון דיר, טעמא מלפך = האָט אַ טעם פון אַ מאַלפּע.

ג

וואָס שייך דעם מקור פון אונדזער ווערטל לייגט זיך אויפן שכל, אַז מען דאַרף אים גיכער זוכן אין דייטשישן ווי אין סלאַווישן, אָבער אַז מען באַטראַכט אַ קליינעם אָבער וויכטיקן פּרט, מעג מען האָבן אַ שטיקל ספק — אין דייטשיש האָבן מיר, אין די געבראַכטע, און זיי זענען באַנוצטע, נוסחאות, לשון יחיד, איין איי און איין הון, אין יידיש האָבן מיר, אַזוי ווי אין סלאַוויש, לשון רבים, דאָס רוסישע ווערטל האָט ביידע, לשון רבים לגבי די אייער, לשון יחיד לגבי דער הון, סיי אין גראַמאַטיש נעגאַטיוון און מאַראַליש פּאָזיטיוון נוסח: jajca kurycy ne uczat' [= אייער לערנען נישט די הון], סיי אין גראַמאַטיש פּאָזיטיוון און מאַראַליש נעגאַטיוון נוסח jajca kurycy uczat' [= אייער לערנען די הון], און האָט אויך ווי מיר וועלן זען, לשון רבים אין ביידע. דאָס פּוילישע און יידישע זענען אידענטיש, האָבן נאָר אַן אַנדער סינטאַקס Mędrsze dziś jaja niż kury [= עס זענען קליגער היינט די אייער פון די הינער]. באָי [= טאַדעאוש זשעלענסקי] ברענגט עס אין אַ פאַרקערט איראָנישן זינען:

Więc w zamczysko obronne.
jadą... głowy koronne.
lament robią żałośliwy.
Że w tej Polsce nieszczęśliwej:
Jaje mędrsze od kury.

[= הכלל, צו דער שטאָט־פעסטונג פאָרן געקרוינטע קעפּ, מאַכן אומעריקע יעלות, אַז אין דעם אומגליקלעכן פּוילן, איז דאָס איי קלוגער פון דער הון].

אונדזער ווערטל פאַרשאַרפט זיך נאָך מער אין זיינע ליצנישע באַנוצן, סיי עלטערע — אַזוי דער, מסתמא משכילישער, זאָג: אוודאי זענען די אייער קליגער פון די הינער, אויב איין ביצה [אַרויסגערעדט: בייצע] שלא נולדה האָט געקענט אַזוי פיל חכמים דעם קאָפּ פאַדרייען; סיי ייִנגערע — דער זאָג, וואָס לאָזט די אייער זיך אויספּיקן און לאָזט די אויסגעפּיקטע עופהלעך לערנען זייערע קוואָקעס, ווי עס האָט פאָרמולירט קאָפּל שוואַרץ: אפרוחים רוצים ללמד לתרנגולות להטיל ביצים [= עופהלעך ווילן די הינער לערנען לייגן אייער].

ד

עס איז אָבער כדאי צו באַמערקן, אַז דאָס רוסישע ווערטל איז אַריין אין גערעדטן יידיש און איז באַנוצט געוואָרן נישט בלויז בעל־פּה, נאָר אויך בכתב.

אַזוי האָט י. בן (קיצור פון יהושע בודזאָן, אַ ווילנער שרייבער פון מעשׂה־ביכלעך — האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ יורש פון דיקן און באמת געווען אַ תּלמיד פון שמ״ר) אַנגעשריבן אַ ביכעלע וואָס הייסט: „יאַיצאַ קור אוטשאַט! / אָדער / וואָס בעשערט איז בעווערט / (צווייא עולמ׳שע פּאַגאַוואָרקיס / אַ חאַראַקטעריסטישע ערציילונג וועלכע קען אַלס ראָמאַן דינען״ (פאַר מיר די אויסגאַב פון יאָר תּר״ע). ער ברענגט אויך זיינע ביידע פּאַגאַוואָרקעס אויף רוסיש: jajca kury uczat' [=די אייער לערנען די הינער, וואָס איינעם איז czto prednaznaczeno tomu i bit' באַשערט, געשעט אים אויך]. כּדי צו פאַרשטיין, ווי דער מחבר האָט אַ ווערטל אויסגעבויט צו אַ סיפּור מעשׂה, וועלן מיר עס בקיצור איבערגעבן: אַ טאַטע, אַ שענקער, האָט פּאַראיבל אויף זיין זיבעצניאָריקער טאָכטער, הלמאי זי וויל חתונה האָבן פאַר אַ פּויער, בשעת זי קאָן קריגן אַ חתן מיט אַ פּאָסטן וכדומה, און עס גייט דאַריבער אָן אַ היפּשער ווידעראַנאַנד, אַזוי אַז די קינדער־ליבע — און די נעמען זענען, פאַרשטייט זיך: אברהם און שׂרה — ווערט צעשטערט, און עס קומט צו אַ חתונה מיט אַ גט און צו נאָך אַ חתונה מיט אַ גט, ביז עס מישן זיך אַריין גרויסע געשעענישן, אַ פּאָגראָם און אַ גירוש, און אברהם מיט שׂרה שטעלן סוף סוף אַ חופּה, און זיי, מיטן מחבר און זיינע משׂכּילישע כּוונות, פירן אויס זייערס, אַזוי אַז אונדזער ווערטל וואָלט געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן: אָט זעט, ווי קלוגע אייער לערנען די נאַרישע הינער.

אָבער דער דאָזיקער אָנווענד פון אונדזער ווערטל און זיין מיין איז אַ זעל־טענער; בדרך כּלל איז דער אָנווענד סיי פון דעם סיי פון ענלעכע אַרויסזאָגן אין גייסט פון זייער טראַדיציע. אמת, תּמיד איז דאָס איי דאָס קינד און די הון די מוטער, אַמאָל איז אָבער דאָס איי אַ תּלמיד און די הון אַ רבי; דאָס איי אַ פירגע־זעצטער און די הון אַן אונטערגעאָרדנטער, ווי עס ברענגט אַ שטייגער יהואש („נייע שריפטן״, באַנד 2, ז׳ 99): „נאָר והעמען, זאָג מיר, וועט איר פירן / ווען קיינער וויל נישט זיין סאָלדאַט / און יעדער גיט צום קריג זיין ראַט / ווען יעדער תּלמיד איז קליגער פון רבין״.

צוריקקומענדיק צום אָנגענומענעם באַנוץ, ווילן מיר פאַרענדיקן מיט אַ פּיקאַנ־טער דוגמא — מאָריס ראָזענפעלד: „די אייערניצעס שרייען, אַז די „אייער זיינען קליגער ווי די הינער״ און ווילן זיך ניט לאָזן לייגען...״ (שריפטן, 1910, באַנד 5, ז׳ 163).

2. פרעמדע הענט

א

מיט פרעמדע [אָדער: יענעמס] הענט איז גוט פייער [אָדער: קוילן] צו שאַרן — איז אַ גאַר באַקאַנט ווערטל און געפינט זיך אין ערשטן געזעמל פון יידישע שפּריכווערטער, וואָס מרדכי ספּעקטאָר האָט געדרוקט אין „הויז־פריינד״ (1888), און וואָס באַזירט, ווי ער שרייבט דאָרט דווקא דייטשיש, אויס אַ Manuscript des Herrn J. B. דאָס הייסט: פון איגנאַץ בערנשטיין. פון דאַנעט, סי׳ 544, איז עס אַריבער צו בערנשטיינס גרויסן אוצר (1908), סי׳ 1060, און איז אַריין אין אַנדערע געזעמלען, לעצטנס אויך אין ספר הפתגמים פון ר׳ אברהם הלוי איש הורוויץ (ירושלים, תשכ״א) סי׳ 276: מיט פרעמדע האָנד איז גוט פויער צו שאַרין, איבער־געזעצט: בידיים של הזולת טוב לחתות אש, און דערקלערט: שאי־אפשר לסמוך על פעולת הזולת כמו על פעולת עצמו, [= עס איז אוממעגלעך זיך צו פאַרלאָזן אויף יענעמס טועכץ ווי אויפן אייגענעם טועכץ]. און דאָס איז נישט דער אָנגענומענער פירוש, וואָס זיין זין איז, אַז אַפּבריען זיך איז בעסער מיט יענעמס הענט, און עס איז אַ חבר פון אַנדערע ווערטלעך ווי אַ שטייגער: עס איז גוט צו האָבן אַ מכּה ביי יענעם אונטערן אָרעם, וכדומה. אָבער עס איז אויך דאָ אַן אַנדערער פּירוש, וואָס וויל זאָגן, אַז מיט יענעמס הענט קאָן מען נאָר מאַכן אַזאַ בטלנישע מלאכה ווי שאַרן פייער, אָבער צו אַזאַ זינען שטערן די הענט, וואָס קענען זיך פאַרט אָפּבריען, דאָ בעט זיך ממש אַ שאַר־שטעקעלע.

ב

וואָס אונדז אינטערעסירט איצט, זענען די אונטערשיידן אין די נוסחאות:

1) פרעמדע־יענעמס [הענט]; 2) פייער־קוילן. צום ערשטן נוסח זע, אַ שטייגער, בתורת תשובה ביים וואַרפן גורל: סעיף יותם, פרק כ״ז סי׳ 3: מיט פרעמדע הענד

איז גוט פייער צו שאַרען („דער געריהמטער טרעפער״, אויסגאַב י. מ. ניק, לבוב, 1909, ז. 29), און אַבראַמאַל מרדכי ספעקטאָר: „ער האָט זיך בעטראַכט אַז מיט פרעמדע האַנד איז גוט פייער צו שאַרן״ („דער היינטיקער יודישער מושיק״, בערדיטשעוו, תרנ״ב, ז׳ 4), אָדער י. הערשענזאָן, וואָס דערציילט וועגן אַ בעל־בית, וואָס פאַרט אַוועק פון דער היים און קאָן זיך נישט פאַרלאָזן אויפן בוכהאַלטער („דריי נייע בעריהמטע ליעדער״, וואַרשע, תרנ״ט, ז׳ 9):

דען ווער עס זאָל מיך האָבען פון זיך ליבער
וואו נעמט [מען] אַזאַ נאַרר;
דיא וועלט זאָגט טאָקע דעריבער:
מיט פרעמדע האַנד איז גוט צו שאַרן פייער.

אגב, לאָזט זיך דער נוסח אָפּרעגן, שוין צוליב דער שכנות פון דעם במעט־קאָרעקטן ערשטן גראַם־פּאָרל (ליבער — דעריבער) און דעם לחלוטין אומ־קאָרעקטן אַנדערן גראַם־פּאָרל (נאַרר־פייער), מעגלעך אַז מיר האָבן דאָ אַ רעליקט פון אַן עלטערן גראַם: ווו נעמט מען אַזאַ נאַרן — איז גוט פייער צו שאַרן. אָבער צוריק צו אונדזער ווערטל — יצחק באַשעוויס ברענגט עס אין אַ דיאַלאָג (טיפען און געשטאַלטען, פאָרווערטס, 24 דעצעמבער 1962):

— — און וואָס וועלען מיר טאָן מיט די קיה און מיט די עופות? מ׳מוז זיי געבען צו עסען.

— איכ׳ל דינגען עמיצען, ער זאָל נעמען קעיר [= אַכטונג געבן] אויף זיי.

— האַ? מ׳קען זיך אויף קיינעם נישט פאַרלאָזען. מיין מאַמע, דיין באָבע, רוען זאָל זי אין ליכטיגען גן־עדן, פלעגט צו זאָגען:
מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער צו שארען.

פאַרן אַנדערן נוסח זע, אַ שטייגער, יוסף אָפּאַטאָשו (אין זיין נאָוועלע „פּראַצע״), וואָס לייגט אַריין אין מויל פון אַ יידישן פויער: „מיט פרעמדע הענט איז גוט קוילן צו שאַרן״, און כאָטש דער ערשטער נוסח איז דער מער פאַרשפּריי־טער און קלינגט אַזוי אויך ביי די שכנים, אַ שטייגער ביי די אוקראַינער:

1) Czużymy rukamy ljubysz żar zahortaty.

[= מיט פרעמדע הענד איז דיר ניחא דעם זשאַר צו פאַרשאַרן].

2) Czużymy rukamy ohoń zaghrebat.

[= מיט פרעמדע הענט דאָס פייער פאַרשפּאַרן], בין איך געווען באַזונ־דערס אינטערעסירט אין אַנדערן נוסח, פשוט דערפאַר, ווייל איך האָב באַדאַרפט אָפּאַטאָשון איבערזעצן, און איך האָב עס אַזוי איבערגעזעצט: „בידים זרות טוב

לחתות גחלים" („מאה סיפור וסיפור", הוצאת ספרית פועלים, ז' 194).

ענלעך האָט אויך געהאַנדלט שמשון מעלצער, בשעת ער האָט איבער־געזעצט עסייען פון ל. קוסמאַן, ער האָט עס אפילו געגראַמט: „בידים זרות אין טוב אלא גחלים לגרוף". („אמנים ובונים", תשט"ז, ז' 35). וועל איך מודה זייַן, אַז ביים איבערזעצן האָב איך תחילת געוואָלט נאָכגיין אַ סטריקטער העברעישער פּאַרעם און באַנוצן אַ סמיכות: ידי־זרים, אָדער אפילו: יד־זרים, ווי עס גייען די פסוקים אין יחזקאל: 1) ונתתי אתכם ביד זרים, (י"א ט'), 2) תמות ביד זרים (ל', י"ב); האָב איך אָבער געוואָלט איבערלאָזן דעם קאָלאָריט פון מקור, און דערהאַלטן דעם אַדיעקטיוון אַנווענד. דערפאַר אָבער, שרייבנדיק לחתות גחלים בין איך טאַקע נאָכגעגאַנגען דעם פסוק: כי גחלים אתה חותה לראשו (משלי כ"ה, כ"ב); וואָס יהואָש זעצט איבער: וואָרום קוילן שיטסטו צו אים אויפן קאָפּ; אָבער אין עלטערן יידיש ברענגט ר' יוסף וויצנהויזן (1679): דען ווערשט אים ברענענ־דיגי קולן אויף זיין הויבט שארן, און זיין מיטצייטלער און קאָנקורענט, ר' יקותיאל בליץ: דען דוא טושט פייארינגי קולן אויף זיין הויבט שארין, אויך ר' יהודה לייב מינדן (1760) שרייבט: חתה כל שפירושו בערה: כי גחלים אתה חותה (שארין); גחלים ווייטער גיט ער איבער קולין, אָבער אונדזערע עלטערע צוויי איבערזעצערס גייען נאָך דעם תרגום: דגומרי דנורא חתי אנת על רישיה. אגב, האָט דאָס ווערטל שוין איבערגעזעצט יהודה לייב גאָרדאָן — ער האָט אין זיין נוסח פון לאפאָנטיינס משל איבערן דידיטש, פוקס און הונט (3, XI), געשריבן (משלי יהודה, ספר שלישי, משל שלישי):

אַל תִּבְטַח בְּזָר, שִׂים אַתָּה עֵינֶיךָ
עַל בֵּיתְךָ, עַל שָׂדְךָ, עַל עִזְבוֹנֶךָ,
בַּכֹּל לַאֲשֶׁר לַכֹּל לְפָנֶיךָ,
הִנֵּה עֵין הַבְּעָלִים שִׁבְעָה עֵינַיִם
וִידֵי זָר טוֹבוּ לַחְתּוֹת אֵשׁ־כִּירַיִם.

טייטש: פאַרלאָז דיך נישט אויף קיין פרעמדן, לייג צו אַן אויג אויף דיין הויז, דיין פעלד, דיין סחורה און אַלץ אַרום וואָס האָסט פאַר דיר, דען דעם בעל־בית'ס אויג זענען זיבן אויגן, און אַ פרעמדנס הענט זענען גוט צו שאַרן קיך־פייער. דאָס ווערטל איז דאָ אין זינען פון דעם ווייניקער פאַרשפרייטן פירוש, אַז מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף פרעמדע, נאָר אויף זיך אַליין.

ג

ווי מיר זעען, האָט יל״ג אין זיין משל געבראַכט צוויי ווערטלעך: איינס איבערן בעל־בית׳ס אויג — וואָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, דאָס אַנדערע אונדזער ווערטל און ער, יל״ג, רעדט נישט וועגן קוילן נאָר וועגן פייער, און אויך דאָ איז ער נאָכגעגאַנגען דעם פּסוק: היחתה איש אש בחיקו ובגדיו לא תשרפנה (משלי ו׳ כ״ז) וואָס יהואָש זעצט דווקא איבער: קען אַ מענטש שאַרן קוילן אין זיין בוזעם און זיינע בגדים זאָלן זיך נישט אָנצינדן; ווייטער ר׳ יקותיאל בליץ זעצט איבער: זעלט דען אייניר פּיאיר אין זיין בוזים שארין דאַש זייני קליידיר ניט פער ברענט ווערדן; דעסגלייכן ר׳ יוסף ויצנהויזן: זעלט איין מאַן פיאר שאַרין אין זיינן שוס, אונ׳ זייני קליידר זעלטן ניט פאַר ברעניז. און דאָס איז כדאי צו פאַרגעדענקען, ווייל דייטשיש נוצט אַן אַנדערן ווערב — עס הייסט דאָרט Feurige Kohlen auf sein Haupt sammeln אָבער געאָרג ביכמאַן („געפליגעלטע וואָרטע״, 1892, ז׳ 28) ווייזט שוין אָן, אַז עס איז נישט גענומען פון אונדזער פּסוק: כי גחלים אתה חותה על ראשו, וואָס ער זעצט איבער: Kohlen auf sein Haupt häufen נאָר פון אַפּאָסטל פּאולוס בריוו (צו די רומיים, י״ב 20), וואָס חיים איינשפּרוך (באַלטימאָר תש״כ) זעצט איבער: וועסטו אָנהויפן פייריקע קוילן אויף זיין קאָפּ; בעת אַ פריי־ערער איבערזעצער (שיקאַגאָ) ברענגט: וועסט דוא פייעריגע קוילן אויף זיין קאָפּ שיטען, אָבער סיי דעליטש סיי זאלקינסאָן־גינזבורג, אין זייערע העברעישע אי־בערזעצן, ברענגען, פאַרשטייט זיך, דאָס לשון פון משלי. און עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז די וווּלגאַטאַ האָט, סיי אין משלי סיי אין פּאולוס בריוו, דעם ווערב congregere, וואָס הייסט טאַקע זאַמלען, אָבער דאָס עלטערע יידיש, האָט דערפאַר שאַרן און ברענגט, אין די דערמאָנטע פּסוקים קוילן שאַרן און פייער שאַרן, און אַזוי האָט זיך אויסגעפּורעמט אַ גוטע און אַלטע מטבע און אַריין אין דער שפּראַך, און ממילא אין ווערטל.

ד

צום ענין פרעמד ברענגט נחום סטוטשקאָוו אין זיין אוצר, סי׳ 498: פרעמדע דאגות נעמען נישט אַוועק דעם שלאָף; פרעמדע צרות טראָגט מען אַריבער; אויף פרעמדע קברים וויינט מען זיך די אויגן ניט אויס; און דאָ מיינט פרעמד — יענעמס, און אַזוי ברענגט ער טאַקע: יענעמס יסורים איז לייכט מקבל באהבה צו זיין; און מיר וועלן דערצו בלויז באַמערקן, אַז ר׳ נתן ברענגט אין ר׳ נחמנ׳ס סיפורי מעשיות אין יידישן טעקסט: הט זוך דוא לבנה אן גרופון (צו דער זון) דוא זאָרגסט פרעמדע זאָרג, און אין לשון־קודש טעקסט: ענתה הלבנה ואמרה אתה דואג דאגות אחרים.

3. צווישן שמאַנט און שמאַלץ

א

סאַלטע אושמאַנטע ווי אויך, און אַפילו בעיקר: שמאַנטע וסאַלטע איז אַ זאָג, וואָס האָט באַצייכנט דעם אייבערשטן שיכט, לרוב פון דרייערליי סאָרטן: לומדים, מיוחסים, גבירים; און אַז דער דרילינג האָט זיך צוזאַמענגעפּלאָנטערט אין אַ שידוך, אָדער איז זיך צוזאַמענגעקומען ביי אַן אסיפה און בפרט אויף אַ שמחת־מצוה, ווי אַ חתונה, אַ ברית, אַ פּדיון־הבן, האָט עס געהייסן: דאָס אייבערשטע פון כריין, די גאַנצע שמאַנטע וסאַלטע, די גילדערנע (אָדער: גאָלדענע) פּאָן פון שטעטל. דער אָפּשטאַם פון די צוויי, כמעט געגראַמטע, ווער־טער: שמאַנטע וסאַלטע גייט פונעם פּסוק וועגן דין פון קרבן־עולה: „וְקָמַץ מִשָּׁם מְלֹא קֻמְצוֹ מִסָּלְתָּהּ וּמִשַּׁמְנָהּ" (ויקרא ב ב), טייטש: און ער זאָל נעמען פון דאָרט אַ האַנט־פול פון איר זעמל־מעל און פון איר אייל; און סיי דאָס וואָרט סולת, סיי דאָס פּאָרל סלתה ושמנה, זענען געוואָרן אַ שם־דבר פאַר דעם וואָס איז, אָדער ווייזט זיך אויס, אָדער ווערט באַטראַכט פאַר דעם פיינסטן און בעסטן וכדומה. אַזוי הייסט עס: סאַמע סולת ווי אויך: סאַמע זעמל־מעל; זע, אַ שטייגער, י. אָפּאַטאָשו: „אַז מען וועט אייך באַווייזן — — אַז פּרצ׳ס קינסטלערישער וועג איז נישט ריין, ס׳איז נישט קיין זעמל־מעל, ס׳איז מעל געמישט מיט קלייען" („יצחק לייבוש פּרץ יאָר"); און אַזוי גייט אויך דער פּאָלאַרער גראַם: סולת — פּסולת. אויך שמן האָט דעם דאָזיקן באַטייט, אָבער גייט נישט באַזונדער, נאָר געוויינלעך אין באַגלייט פון פּסוק: שמן זית זך, און בעיקר געפּאָרט מיט סולת. און לרוב שפּאַנענדיק פאַר אים, כאָטש אין פּסוק גייט ער נאָך אים; זע, אַ שטייגער, שלמה צמח: „הנה מחר יש אסיפה חשובה, שמנה וסלתה של פּאַריז המדעית ישתתף בה" (סיפורים, תשכ״ו, באנד 2, ז׳ 21) טייטש: מאָרגן קומט פאָר אַ וויכ־טיקע אסיפה, דער שמנה סלתה פון דעם וויסנשאַפטלעכן פּאַריז וועט דאָרט אָנטייל נעמען. מיר זעען, אַז שמנה וסלתה ווערט דאָ באַטראַכט ווי איין וואָרט,

און דער ווערב פון פרעדיקאַט גייט טאַקע לשון יחיד („ישתתף"). ענלעך אברהם יצחק אביטוב: „את אלה, את „השמנה וסלתה", אנשי־הכיס והמכובדים ביותר — — מקבלים, כמובן, הגבאים הראשיים — —" („מבית אבא", זכרונות איבער הוסיאטין, אַן דרוק־יאָר, אָבער תשכ"ו, ז' 17). טייטש: די דאָזיקע, די שמנה וסלתה, די פּאָר רייכע און בכבודיקע געמען, פאַרשטייט זיך, נעמען אויף די הויפּט־גבאים. איז עס ווי איין וואָרט, און קריגט אפילו, שלא כדקדוק, אַ ה"א־הידיעה. און זע דעם סדר אויך ביי א. צ. גרינבערג (מסכת עניים ניגונים, מאזנים, כסלו תש"ד):

שֶׁנִּהְיֶה עֲנִיִּים שֶׁאֵינָם בְּחֶשְׁבּוֹן שַׁמְנָה וְסָלְתָּה שֶׁל עִירָם.

טייטש: מיר זאָלן זיין אָרעם, וואָס קומען נישט אין באַטראַכט פון אייל און זעמל־מעל פון זייער שטאָט.

ב

הייסט עס, אַז שמאַנטע וסאָלטע האָט זיך אויסגעפּורעמט פון שמנה וסלתה, און איז באמת אַן אינטערעסאַנטע שפּראַכלעכע קאָנסטרוקציע. ערשטנס, וואָלט מען זיך גיכער געריכט אויף אַ פאַרבייט: שמנה [געלייענט: שאַמנאַ, גערעדט: שאַמנע] — שמנתה [= שאַמנטאַ, שאַמנטע], און נישט שמנתה [= שמאַנטאַ, שמאַנטע], דאַרף מען אָבער געדענקען דעם גאַנג: כלב, — כלבא — כלבתא [געלייענט: קאַלבסאַ, אָבער גערעדט: קלאַפּטע]; צווייטנס, אַז שמנתה [= שמאַנ־טאַ, שמאַנטע] איז אַן אַסימילאַציע צו סלתה [= סאָלטאַ, סאָלטע] ווי מיר האָבן עס אין הלכות סוכות, ווו עס הייסט נישט: צלה מרובה מחמתה, נאָר: צלתה מרובה מחמתה [= דער שאָטן איז גרעסער פון דער זון, פונעם ליכט], בפרט אַז סיי די מי"ם אין שמנתה און סיי די סמ"ך אין סלתה פּאַסן זיך צו און באַקומען כביכול ביידע אַ פּת"ח. דריטנס, ווייזט זיך שמאַנטע אין אַ שפּילעוודיקן טאָפּל־אָפּשטאַם — אי עס פאַרלירט נישט דעם ייחוס פון שמן [= אייל], אי עס קריגט דעם ייחוס פון שמאַנט, וואָס איז, צוגלייך מיט זיין צווילינג־שוועסטער: סמעטענע, אויך אַ שם־דבר פאַר דעם אייבערשטן פון כריין, און אפשר אַפילו אידענטיש מיט אים, אויב מיר וועלן געדענקען, אַז Ober(s) איז אויך אַ באַצייכן פון סמעטענע, און אויב מיר זאָלן דערצו נאָך אָננעמען, אַז כריין, וואָס איז ווי דאָס אוקראַאינישע chrin, אָדער פּוילישע chrzan, krzan, פון וואַנען עס גייט דאָס דייטשישע Kren, איז דאָ אַ חוזק־וואָרט פאַר Creme, Krem, וואָס הייסט סיי סמעטענע, סיי דאָס פיינסטע און געקליבנסטע, און באַטייט אויך די אויבערשטיכט

פון דער געזעלשאַפט, פּונקט ווי דאָס דייטשישע Schmant, Schmand הייסט סיי סמעטענע, סיי די דאָזיקע אויבערשיכט. און דניאל סאַנדערס ברענגט טאַקע אין זיין ווערטערבוך אַ ציטאַט: Das ist der Rahm, der Schmand meiner Gäste [= דאָס איז די סמעטענע, דער שמאַנט פון מיינע געסט]. און זע י. י. טרונק: „זיי האָבן נישט באַלאַנגט צו דעם איי איי פון דער חסידים גבירישער סמעטענע״ („גבירים און אָרעמעלייט אין לאָדזש״, טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, 24 דעצעמבער 1964).

אין דעם זינען האָבן מיר יידיש: נעמט זיך די סמעטענע (אָדער: די פּוטער) און לאָזט יענעם די זויער־מילך (אָדער: סערוועטקע), אָדער: אַליין שעפּט ער אָפּ די סמעטענע, דעם אַנדערן בלייבט די זויער־מילך, אַזוי־ווי דייטשיש:

der erste hat den Rahmen abgeschöpft, der andre kriegt die Sauermilch

זע, אַ שטייגער, יצחק באַשעוויס וועגן איינעם, וואָס האָט געקליבן נדבות פאַר אָרעמעלייט און מען האָט געמורמלט, אַז ער נעמט עס זיך: „זיי האָבן געטענהט, אַז ער הויבט אָפּ די סמעטענע און עס בלייבט פאַר זיי, די קבצנים, ווייניק אויף איינדערוואַכן״ („מענטשן אויף מיין וועג״), אָדער פאַרקערט ביי שמשון מעלצער („אור זרוע״, ז' 484):

כָּל קְרוּב שֶׁל חֶמְאָה לְשֵׁם בָּרְצִי נֶאֱסַף,
וְאוּלָם הֵם עַצְמָם — הֵם שָׁתוּ אֶת הַקּוּם

טייטש: אַ יעדעס פּיצל פּוטער האָט מען געקליבן פאַר בערטשין, זיי אַליין ווייטער, זיי האָבן געטרונקען די זויערמילך. און כדאי צו געדענקען, אַז אויך פּויליש מיינט סמעטענע, בעיקר אין דימינוטיוו śmietanka די געזעלשאַפטלעכע אויבערשיכט.

ג

כדאי צו וויסן, אַז דייטשיש האָט זיבן ווערטער פאַר סמעטענע, און זיי האָבן זיך זייער געאָגראַפישן אויפטייל, איבער דייטשלאַנד און אויסער אים. מיר האָבן שוין דערמאָנט Schmand, וואָס גייט דאָרט אָן אין מזרח; Rahm וואָס גייט אָן אין מערב און דרום; Obers וואָס גייט אָן בעיקר אין ווין, און מען דאַרף נאָך צוגעבן Sahne וואָס גייט אָן אין צפון, Schmetten וואָס גייט אָן אין בייערן; Flott וואָס גייט אָן אין ברוינשווייג און Niedel וואָס גייט אָן אין דער שווייץ. ווייטער יידיש האָט אויך אַ היפּש ביסל ווערטער דערפאַר, ווי עס ברענגט נחום סטוטשקאָוו אין זיין אוצר, אין די אינטערגרופּעס, סי' 258: שמאַנט, סמעטאַנקע,

סליוקע, קרים; שמעטן, סמעטענע, או.אז.וו. עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז אַמאָל איז אויך געווען Rahm אין יידיש, ווי מען וויל עס אַרויסטייטשן פונעם מערב־יידישן זאָג Ohne Taam un ohne Raam דען Raam איז דאָ נישט סמעטענע נאָר Reim, דאָס הייסט אַ גראַם, און א. טענדלאו וואָס ברענגט דעם זאָג אין זיין אוצר (1860) סי׳ 419, איז גערעכט, ווען ער דערמאָנט אין סי׳ 734 דאָס פראַנצויזישע sans *rime* et sans *raison*, אָבער מיר האָבן אין יידיש בפירוש דאָס וואָרט Sahne אַרויסגערעדט זאַנע, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט אין פוילן, אַרויסגערעדט זוהנע, און עס חידושט מיך, וואָס נחום סטוטשקאָוו האָט עס נישט אַריינגערעכנט, אין די דערמאָנטע אונטערגרופּעס, אָבער זיגפריד וואָלף, אין זיין יידישן ווערטערבוך (1962), ברענגט עס יאָ, און עס הייסט ביי אים son. אגב, אין מיין בוך קערת צמוקים סי׳ 215, ברענג איך אַן אַנעקדאָט, וואָס איך האָב געהערט פון ש״י עגנון, וואָס האָט אים געהערט פון ר׳ אהרן פריימאַן: אַ ליטווישער (איך מיין גיכער: אַ פוילישער) רב איז געווען ביי ר׳ משה מענדעלסאָן; האָט ער אים געפרעגט, צי ער וויל קאַפע מיט זאַהנע, ענטפערט דער רב: איך וויל נישט קיין זוהנע, פאַרריכט אים מענדעלסאָן: זאַהנע נישט זוהנע, אָבער דער רב באַשטייט אויף זיינעם, ווייזט אים מענדעלסאָן ווי עס שטייט אין דייטשישן ווערטער־בוך, זאָגט דער רב: ר׳ משה, די גאַנצע וועלט זאָגט זוהנע געפעלט אייך נישט, קומט איין גוי און שרייבט זאַהנע געפעלט עס אייך? אין מיין הערה דאָרט ווייז איך אָן, אַז מיר האָבן דאָ אַן אָפּקלאַנג פון דער משכילישער קריטיק איבער דער רייד־שפּראַך פון מזרח־אייראָפּעישע יידן, אָבער פאַר אונדז איצט איז עס אַ ראיה, ווי פּאָפּולאַר דאָס וואָרט איז געווען[1].

וואָס שייך שמאַנט, שמעטן, סמעטענע האָבן זיי מסתמא איין אָפּשטאַם, אַ טייל האַלטן, אַז דייטשיש האָט עס גענומען פון טשעכיש אָדער פויליש, און דער שורש איז אַ גרונטיק־סלאַווישער, אַ טייל האַלטן ווייטער, אַז דער שורש איז

---

1) ש״י עגנון האָט, מיט יאָרן שפּעטער, דעם אַנעקדאָט אַליין געבראַכט (ספר מעשיות קטן, אין ספר יובל לפנחס רוזן, תשכ״ב) און ער ברענגט אים טאַקע אין נאָמען פון ר׳ אהרן פריימאַן, וואָס האָט אים געהערט פון ר׳ אליהו פלעסנער, אָבער דאָ רעדט זיך וועגן אַ רב פון אַ קליין שטעטל אין דייטשלאַנד וואָס איז געקומען צו ר׳ משה מענדעלסאָן, און ווען דער האָט אים אויפגענומען מיט טיי און סמעטענע, האָט ער די טיי גענומען און די סמעטענע נישט אָנגערירט, האָט אים מענדעלסאָן געזאָגט, ער זאָל נעמען אַביסל זאהנע, האָט דער רב געענטפערט: איך מאָג קאַן זוהנ״י, האָט אים מענדעלסאָן פאַרריכט זאהנ״י, איז דער רב באַשטאַנען אויף זוהנ״י, ווייטער גייט ווי מיר האָבן אויבן געבראַכט.

וואָס שייך (ג) ראם — טעם איז עס טאַקע אַ באַנוצטער פערז; זע, אַ שטייגער, שלמה עטינגער: „די איבעריקע שרייען און לארמען; / אַלע חלשט זיך גאָר און א גראַם, / זי ווייסט ווי זי מוז זיך נעבעך קווילן, / די האָט ווידער אַן אַנדערן טעם״ (אויסגאַב וויינרייך, באַנד 1, ז׳ 31).

אַ גרונטיק־גערמאַנישער, כאָטש די פאָרעם Schmetten שטאַמט אַפּנים פון טשעכיש, און פאַרווייזן אויף Schmetterling וואָס הייסט אויך Buttervogel, יידיש: פּוטערפויגל, און האָט גאָרנישט צו טאָן מיט שמעטערן [= מאַכן אַ גערודער] נאָר מיט שמעטן, וואָס איז, צוגלייך מיט פּוטער, אַ שם־דבר פאַר פעט, ווייך וכדומה.

ד

עס פרעגט זיך אַ קשיא, אויב שמאַנט האָט אין יידיש, לעבן דעם פּאָזיטיוון באַטייט פון סמעטענע, אויך דעם נעגאַטיוון באַטייט, ווי עס האָט עס דייטשיש, דהיינו שמוץ, בעיקר שמוץ פון מעטאַל, בעת עס ווערט אַרויסגענומען פון דער ערד, און הייסט טאַקע אויך Grubenschmand. שווער צו אַנטשיידן, אָבער אויב יאָ, וואָלט עס געוואָרפן אַ טאָפּל־ליכט אויפן זאָג, וואָס איך האָב בלויז, און אויך דאָס זעלטן, געהערט בעל־פּה: אַריינפאַלן אין אַ שמאַנד־גרוב, וואָס איז אידענטיש מיטן פּאָפּולאַרערן: אַריינפאַלן אין אַ שמאַלץ־גרוב, וואָס מיר האָבן סיי בעל־פּה סיי בכתב, בפרט אין צוגעשפּיצטן נוסח, ווי עס ברענגען בערנשטיין־זעגל אין זייער אוצר, סי׳ 3862: דאָס שמאַלץ רינט אויס, און דער גרוב בלייבט, און דערקלערן, אַז אַזוי זאָגט מען, ווען איינער באַרימט זיך מיט אַ געשעפט, וואָס איז גאָר אַ שמאַלץ־גרוב. ווי באַקאַנט האָט שלום עליכם דאָס ווערטל איינגעבויט אין „מאָטל פּייסי דעם חזנס", אין קאַפּיטל וואָס הייסט טאַקע: אַ שמאַלץ גרוב. דאָס קאַפּיטל הייבט זיך אָן: „דאָס איינציקע שטיקל גליק, וואָס האָלט מיין מאַמען אויף די פיס, איז דאָס, וואָס מיין ברודער אליהו איז, דאַנקען גאָט, גוט. ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ שמאַלץ־גרוב", און די כוונה איז, אַז ער האָט געטאָן אַ שידוך מיט אַ רייכן בייגל־בעקער; און דאָס קאַפּיטל פאַרענדיקט זיך מיט דעם שווערס אַנזעץ, וואָס טרייבט צוריק אליהו׳ן מיט זיין ווייבל צו זיין אָרעמער מאַמען וואָס זאָגט: „די שמאַלץ רינט אויס, די גרוב בלייבט איבער. זיי דערווייל ביי מיר, מיין קינד, ביז גאָט וועט רחמנות האָבן".

וואָס שייך דעם שמאַלץ־גרוב איז זיין באַנוץ אַזוי שכיח, אַז מען וואָלט געקאָנט ברענגען אַ גוזמא דוגמות, אַז פאַר אונדז איצט גענוג, אַ שטייגער, י. י. לינעצקי („דער בייזער מאַרשעליק", וואַרשע תרל"ט, ת"א, ז׳ 18):

איז דרייסיק גולדן געוועזן גרויס נדן
אין [= און] אַ שמאַלץ־גריב [= גרוב] איז געוועזן דערצוא

משמע, אַז אונדזער זאָג איז בפירוש נישט חל אויף קאַפּיטאַל (נדן, געלט) נאָר אויף אַ מקור פרנסה, כאָטש דער באַנוץ דאָרט ווייזט זיך אויס צו זיין איראָניש.

פון אַנדערע דוגמאות זע — שמ״ר „אונזערע שדכנים וואָס זייא האָבן גיפונען אַזאַ שמאַלץ־גרוב האָבין זייא אָן געפאַנגען צוא ריידין — — ער זאָל הייראַטען״ („דער בייער נגיד״, ווילנע, תרמ״ג, ז׳ 10), אָדער: „אין דער צייט וואָס פאַר איהר שטעהט אַגליקליכער שידוך אַ׳ניינפאַכע שמאַלץ גרוב״ („פון גיהנום אין גן עדן״, ווילנע, ז׳ 10), י. ל. פרץ. „טאַטע מאַמע נישט געפאָלגט... געפוצטע שטיוועלעך געוואָלט״... זרח — „אַ שמאַלץ גרוב — נישט״. (קלאָץ געשיכטן, נאָך האַלבע נאַכט), אָדער דער נסתר: „וואָס, מויד, דו ברעקלסט נאָך? — — דערמאָן זיך, וואוהין דו קומסט אַריין, אין וואָס פאַר אַ שמאַלץ־גרוב״ (משפחה מאַשבער, 1948, באַנד 1, ז׳ 426), און זע אויך י. אָקרוטני: „באָם רעטיראָ — אַ שמאַלץ גרוב, פאַרצייכנונגען פון בראַזיל״ (אידישע צייטונג, 31 דעצעמבער 1964), ווו עס ווערט באַשריבן דער קאָכיקער האַנדלס־צענטער פון סאַן פאולאָ און עס הייסט: „פאַר אַלעמען איז באָם רעטיראָ אַ שמאַלצגרוב. אין אַלע גאַסן קאָכט אַ שטענדיגער יאַריד, וואו אַ טיר, וואו אַ פענצטער זעצט עס מיט מסחר, עס שמעקט מיט ריחות פון וואָל, לייוונט, פון זיידנס, פון ניילאָן, ס׳חנדלען זיך די סאַמע לעצטע נייקייטן פון דער אינדוסטריע — —״.

וואָס שייך ווייטער דעם ווערטל: אַריינפאַלן אין אַ שמאַלץ־גרוב זע אַן אינטערעסאַנט משל — ח.נ. ביאַליק שרייבט, אין זיין פאָעמע „המתמיד״, איבער די ישיבה בחורים:

אַף יֵשׁ אֲשֶׁר נִבְחַר לְחָתָן, וּבְתוּלָּה
בַּת כְּפָר עָבָה, שְׁמֵנָה בְּחֶלְקוֹ נָפְלָה

טייטש: עס האָט פאַסירט, אַז מען האָט אים [דעם ישיבה־בחור] אויסגעקליבן פאַר אַ חתן, און עס איז אים צוגעפאַלן אַ גראָבע, פעטע דאָרפסמויד, קומט אָבער י.י. שוואַרץ און זעצט איבער:

אויך טרעפט, אַז מען קלויבט אים אויס פאַר אַ חתן
ער פאַלט אין אַ שמאַלץ־גרוב אַריין, אַן אַנטיק.

ה

דער שמאַלץ־גרוב איז אויך אַריין אין עברית, און עס שרייבט דאַריבער ישראל האָרוויץ („הפועל הצעיר״, כ״ו כסלו תשכ״ה) — ער דערמאָנט, חוץ געזעמלען פון ווערטער און ווערטלעך, (נחום סטוטשקאָוו, שמואל רובינשטיין), און חוץ שלום עליכם בנוסח י.ד. בערקאָוויטש, אויך גרונטיק־העברעישע באַנוצן (י.ח. ברענער, צ.ז. וויינבערג, רבקה אַלפער), סיי אין דער פאָרעם: בור שומן, סיי אין דער פאָרעם: בור של שומן.

די קשיא וועגן ממשדיקן בילד פון אַ שמאַלץ־גרוב; משמע, צי האָט מען ווען עס איז געהאַלטן שמאַלץ אין אַ גרוב, האָב איך נאָך געהערט ייִנגלווייז, פונקט ווי איך האָב דעמאָלט געהערט אַ תשובה, אַז דער עיקר איז גאָר Schmelzgrube, אָבער כאָטש שמעלץ איז פאַראַן אין יידיש נישט בלויז אין זינען פון אַ מין אייזן („עס טויג אויף שמעלץ") נאָר אויך פון אַ סאָרט שמאַטעס — דער סאָכאַטשעווער רב, ר' שמואל יצחק לנדא רעכנט, אין זיין פנקס, אויס דריי סאָרטן שמאַטעס: גלאַט שמאַטעס, שמעלץ, ברען (נ. בלומענטאַל, פנקס סאָכאַטשעוו, תשכ"ב, ז' 48) — איז די תשובה נישט מער ווי אַ סטודענטיש פשטל, ווייל דייטשיש האָט בפירוש Schmalzgrube, אָבער עס האָט עס בלויז דרך־משל, און מיינט נישט שמאַלץ ממש און נישט גרוב ממש, נאָר אַ גאָר פעטע און זייער תבואהיקע ערד, וואָס ווערט ממילא ביי פויערן פאַרשטאַנען ווי דער בעסטער גדן.

בעמערקט ער (ז. 105, הערה 5) איבער דעם אויסשפרייט פון וואַגאַבונדן אין 16

און ווידער צוריק צו אונדזער גרונטיקן זאָג — מענדעלע „אַזעלכע ווערטער פלעג איך אַלץ זאָגען דער מאַמען אונ איהר באַווייזען פרימערען פון אַ סך יונגע לייט אין אונזער שטאָדט, וואָס האָבען גליקלעך חתונה געהאט אונ ארייגעפאַלען אין אַ שמאַלץ־גרוב. דיא שמאַלץ איז דערנאָך אויסגערונען אונ דיא גרוב איז געבליבען" („דיא קליאטשע", ווילנע, תרל"ג, ז. 10).

ו

און נאָך אַ באַמערק: שמנה וסלתה האָט זיך אויך דערלעבט אַ ווייטן, טעכנישן גלגול — אַזוי ברענגט יצחק שלו (גזע חדש, מאסף לעניני ספרות, ירו־שלים, תשכ"ה, ז' 58):

אַף לֹא פַּרְמֶר נִרְצָע לַמְּכוֹנָה, כִּי אִם גֶּבֶר אַחֵר
מְנַהֵג טְרַקְטוֹרָיו בַּשָּׂדֶה וּמִכְתָּם בְּשַׁמְנָם וּגְרִיזָם.

טייטש: אויך נישט קיין פאַרמער צוגעאָלט צו דער מאַשין, נאָר אַן אַנדערער מאַן, פירט זיינע טראַקטאָרן אין פעלד און באַפלעקט מיט זייער אייל און גריז.

צולעצט צוריק צום ענין שמאַנט אין פּעיאָרן זינען — א. מ. דיק באַשרייבט אַ מין זולל וסובא, וואָס קאָן זיך נישט דערוואַרטן, מען זאָל אים רופן צו דער סעודה: „אונ דער ווייל איז בייא אונזר ר' שמעיא גלאָפּן די שמאַנד פון מויל אונ יעדע מינוט וואָר אים איינע שטונדע" („ר' שמעיא דער יום טוב ביטער", וואַרשע, 1860, ז' 72).

4. אַ ביסל מעסערשטעך

א.

זיי זענען אויף מעסערשטעך; זיי זענען זעך [= זיך] מעסערשטעך — אַזוי האָב איך עס פון־פּיק־אויף געהערט, ווען מען האָט אין שמועס געוואָלט דעפינירן די שרעקלעכע שנאה און קנאה, וואָס האָט געהודיעט צווישן קרובים, שכנים, קאָנקורענטן וכדומה. אין ערשטן נוסח איז מעסערשטעך אַ סובסטאַנ־טיוו, אין צווייטן איז עס ווי אַן אַדווערב, אָבער אין ביידע פּעל איז עס נישט מער ווי אַ משל, פאַר אַ שאַרפער קריגעריי, וואָס ווערט נאָך בולטער אין דריטן נוסח: עס טיצעך [= טוט זיך] בא זיי מעסערשטעך. אָבער עס ווייזט אויס, אַז מען האָט פאָרט אָנגענומען, דאָס עס קאָן אויך זיין אַ ממש, נאָר דעמאָלט פלעגט מען צו זאָגן: עס וועט נאָך, חלילה, ביי זיי קומען ביז [אָדער: צו] מעסערשטעך. און איך געדענק, אַז אין מיין זיידנס קרעטשמע און אין מיין טאַטנס שענק איז נישט איינמאָל דער חשש, צו אונדזער שרעק, מקוים געוואָרן. עס האָט זיך כמעט תמיד געהאַנדלט וועגן צעקריגטע גוים, נאָכדעם וואָס זיי האָבן זיך אָנגעשיכורט, און האָבן זייער קריגעריי פאַרענדיקט מיט אַ רציחה. איך האָב געזאָגט כמעט, ווייל איינמאָל, אין סאַמע אָנהייב פון דער ערשטער מלחמה, זענען עס געווען יידן, דווקא צוויי ברידער, קצבים, זייער משפחה נאָמען איז געווען: דישעל — וואָס האָבן זיך צעקריגט איבער אַ שיבוש, און איינער האָט דעם צווייטן מיט אַ יאַטקע־מעסער דערהרגעט. האָט מען נאָך לאַנג נאָך דעם, דערמאָנענדיק דאָס שוידערלעכע געשעעניש, געזאָגט: גוואַלט, אייגענע ברידער און ביז מעסערשטעך. און אַזויווי די רציחה איז געשען אין אַ טאָג, ווען דאָס עסטרייכישע מיליטער איז שוין פון שטאָט אַרויס און דאָס רוסישע מיליטער איז נאָך נישט אַריין, האָט מען זיך געטרייסט מיטן וואָרט פון פרק: אילולא מוראה של מלכות איש את אחיו חיים בלעו [= ווען נישט די מורא פאַרן מלכות וואָלט אַ מענטש זיין ברודער לעבעדיק פאַר־שלינגען].

ר׳ מרדכלע ברענגט אין אַ משל וועגן צווי יאַטקע־הינט: „נעם און פלוג אונדז ביידן גופא / פרנסה — בשופי! / אַ קליינינקייט קצבים־צעך! / חלב, שמאלץ, / גאַנצע פעסער, / בעך, / שנייד מיין האלז / אויב ביים פלעק־הונט איז עס בעסער / און אַלץ אויפן מעסער שטעך״ („משלים״, 1919, ז׳ 26).

ב.

אָבער בכלל איז דער זאָג בלויז געווען בדרך־משל, אַ סינאָנים פון שנאה און קנאה, און אַזוי גייט עס סיי בעל־פה סיי בכתב, ווי עס ברענגט, אַ שטייגער, מאיר האַרטינער, אין זיינס צו יענער צייט אַ באַרימט ביכעלע. עס רעדט זיך דאָרט אויך מכוח דער מלחמת האבות והבנים צווישן גאַליצישע יידן: „אַז די יוגענד זאָל אַזוי ווייט נישט פאַרשטאַנען ווערן פון איהרע עלטערן, ביז עס זאָל מוזען קומען צו שנאה, צו נקמה, צו מעסערשטיך״ („כנסת ישראל בצער״, לעמבערג, תרס״ח, ז׳ 47). מסתמא איז דער אויסלייג: מעסערשטיך אַ טעות־הזעצער, ווייל דער מחבר איז שפּראַכלעך, בפרט אין אידיאָמס, געווען זייער אָפּגעהיטן, און אין זיין סביבה, טאַרניפּאָל, איז פּונקט ווי ביי אונדז, אין נאָענטן בראָד, אָנגענומען מעסערשטעך, כיבאַי ער איז נאָכגעגאַנגען אַן עלטערן נוסח.

עס איז, פאַרשטייט זיך, אויך געווען אַ ווערבאַלער באַנוץ, אַזוי גיט נ.מ. יאַסניגאָרסקי, פון ראַקיטנא לעבן קיעוו, איבער אַ שמועס: „איך בעט אייך, אַז מען דאַרף זיך טיילען מיט אַ ירושה, דאַרף מען זיך אַזוי קוילען? נאָר אויך מעסער שטעכן, זאָהל מען גאָר באַהיט און באַוואָרענט ווערען פון אַזעלכע קינדער״ („דער ערשטער זיווג״, באַרדיטשעוו, תרע״ד, ז׳ 41). פאַרשטייט זיך, אַז נישט דאָס קוילן און נישט דאָס שטעכן מיינען דאָ אַ ממש, אָבער עס מוז אויפפאַלן, אַז דאָס שטעכן ווערט דאָ באַטראַכט ווי אַ זאַך וואָס איז ערגער פון קוילן, גלייך אַ חלף וואָלט געווען ווייניקער מסוכן פון אַ מעסער. עס איז קלאָר, אַז דער מחבר גייט נאָך דעם זין פונעם פאָפּולאַרן זאָג, וואָס האָלט דעם מעסערשטעך פאַרן עקסטרעמ־סטן אויסדרוק פון קריגעריי, און מיר וועלן נאָך זען, אַז עס האָט אַ האָפט.

דרך־משל האָבן מיר אויך אין אַ סיטואַציע, ווי עס מאָלט זי אויס יעקל לעהרער [= קאַטשקאַ]: „אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט ביז דיא צווייא יענטעס האָבען זיך צעקריגט אויף מעסער״. („די שיינע גענאַפּעפּא״, וואַרשע, תרע״א, ז׳ 18).

ג

און דער מקור איז דייטשיש: Krieg bis aufs Messer **אָבער דער** דרך־משל־באַנוץ נעמט וואַקלען, ווען ער ווערט געבראַכט אין שכנות מיט אַ ממש־דיקן באַנוץ — אַזוי ברענגט ל. בינאָוויטש, אין זיין דייטשיש־רוסישן פראַזעאָלאָגישן ווערטערבוך (מאָסקווע 1956) אַ ציטאַטע פון בערנהאַרד קעלערמאַן, **ווו ער רעדט** וועגן די מלחמה־אינדוסטריאַלן, אַז זיי זענען Förderer und Anstifter der *Kriege*, und ihnen gilt in erster Linie unser *Kampf,* unser *Kampf bis aufs Messer* עס פאַרשטייט זיך, אַ קאַמף קעגן דער מלחמה־אינדוסטריע קען נישט געפירט ווערן מיט דרך־משל־וואָפן, אָבער אויב דער שרייבער מיינט ממש־וואָפן, האָט ער אויפגעדעקט די גאַנצע טראַגעדיע פון אַ קאַמף מיט מעסערס קעגן האַרמאַטן. דאָס טראַגישע ווערט אָבער קאָמיש, ווען מען האָט פאַר זיך אַ מין שכנות, ווי עס ברענגט עס מ. בישאַף אין אַנעקדאָט איבער צוויי שוחטים, וואָס האָבן זיך תמיד געקריגט, ביז זיי האָבן געמוזט אָנקומען צו אַ דין־תורה, האָט זיי דער רב געפּרעגט, אפשר ווען זיי שלום מאַכן, האָט איינער זיך אָנגערופן, אַז עס איז אוממעגלעך, און האָט געזאָגט: מיר וועלן תמיד זיין אויף מעסערס. ווייטער אַ געמיש פון טראַגיקאָמיק געפינען מיר ביי באַלעסלאַוו לעשמיאַן (= לעסמאַן) אין זיין ליד איבערן פּאָעט:

Zaroiło się w sadach od tęcz i zawieruch
Z drogi! Idzie poeta niebieski wycieruch
Zbój obłoczny, co z światem *jest wspak i na noże*
Baczność, nic przed takim uchronić nie może.

טייטש: עס האָט גענומעןווימלען אין די סעדער מיט רעגנבויגנס און זאַווערוכעס, אַ וואָרע! עס גייט דער פּאָעט דער הימלישער אויסקערער, דער וואָלקנדיקער רויבער, וואָס איז מיט דער וועלט קאַפּידרעך און אויף מעסערס; האַלט אָן אויג, גאָרנישט קען זיך פאַר אים אויסהיטן.

ד

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן ממש־באַנוצן, ווו דאָס מעסער איז טאַקע אַ מעסער און דאָס שטעכן איז טאַקע אַ שטעכן — אַזוי, אַ שטייגער, לאָזט א.מ. פוקס דערציילן אַ יידן אַ זעלנער: „יאָ, יאָ, עס איז די רעוואָלוציע, אַ לאַנגע שווערע ביטערע מלחמה אויף טויט און לעבן, מיט טייכן בלוט און קרבנות. וויפל מיינט איר

קוילן און ביקסן און שטעך פון מעסער און קלעפּ און שלעק האָב איך שוין אַריינגעכאַפּט אין מיין לייב, אין מיינע געדערים? וויפל מאָל האָב איך שוין געהאַט אַנגעטאָן די פּעטליע אויפן האַלז. ביי אונדזער קאַמף פאַר דער נייער וועלט, אונדזער וועלט, מוז אַ מענטש זיין גרייט אַ יעדע מינוט און אַ יעדע רגע אַנידערצולייגן דעם קאָפּ, מפקיר זיין זיין לעבן" („שווערע טעג", אלמאַנאַך פון די יידישע שרייבער אין ישראל, תל־אביב, 1963, ז' 68). דעסגלייכן האָבן מיר עס ביי א. קאַרפּינאָוויטש, וואָס באַשרייבט אַ רעכטן קאַנדידאַט צו אַזאַ ממש־באַנוץ: „איז עלינקען איבערגעבליבן בלויז צו זוכן פאַרטרינקען די צרות און עסן ס'לעבער ביי דער וויב. פלעגט ער זי שטעכן מיט אַ וואָרט, אַמאָל מיט אַ מעסער... טאָמער איז זי געלאָפן צום ברודער מיט אַ געוואַלד: דער ראַזבאַיניק וויל מיך הרגענען — האָט זיך עלינקע פאַרענטפערט, אַז ס'איז געווען אַ חכמה, מען האָט געשטיפּט" („עלינקע דער הויכער", די גאָלדענע קייט, העפט 40). און נאָך שאַרפער דוד מיצמאַכער: „אָט דער יונג, וואָס יעדע פאַר טעג גייט ער אויף מעסער־שטעך מיט עמעצן און צום סוף פּירט מען אים מיט אַ בלוט־טריפנדיק פּנים — — אין פּאָליציי אריין" (דערציילונגען", וואַרשע, 1951, ז' 17).

יאָ, מען קען שטעכן מיט אַ וואָרט, און קוילן אָן אַ מעסער — זע, מיכל גאָרדאָן („יודישע ליעדער", וואַרשע 1889, ז' 78).

מען האָט מיך געקוילעט גאָר אָן אַ מעסער
די שחיטה איז אָבער שטאַרקער און בעסער,
דער טבעת קידושין, דער גאָלדענער רינג
איז אַ שאַרפער חלף, שניידט טיף און גרינג.

אָבער דאָס געהערט צו אַן אַנדערן רייסטער. וואָס עס איז איצט כדאי צו באַמערקן איז, אַז פונעם סובסטאַנטיוו מעסער האָט זיך אויסגעפורעמט אַ ווערב — י.י. סיגאַל שרייבט: „אָט די געשוואָרענע קנעכט האַלטן נישט אין תוך פון אויסבעסערן די וועלט — נאָר אויסמעסערן זי" (קענעדער אָדלער, 30 נאָוועמבער 1951), ווי אויך אַן אַדיעקטיוו און אַדווערב — ישעיהו שפּיגל שרייבט: „דער ווינט איז מעסערדיק אין די לופט דין" („מלכות געטאָ", 1947, ז' 70).

ה.

אָבער איצט איז די העכסטע צייט, מיר זאָלן זיך אומקערן צו אונדזער עיקר־זאַג, כדי צו באַמערקן, אַז עס איז אויך פאַראַן אַן אַנדערער נוסח: זיי זענען זיך אויף שטעכמעסערס, וואָס איך האָב אַ סך שפּעטער, סיי געהערט און סיי געלייענט. אַזוי, אַ שטייגער, יוסף אָפּאַטאָשו: „און כאָטש ביידנס עלטערן

זענען געווען שכנים פּאַרמערס, זענען זיי געווען אויף שטעך־מעסערס" („פריידּ און צער"). און דאָס איז אויך דער גרונטיקער נוסח — שטעכמעסער, דייטשיש Stechmessser איז אַ נאָמען פון אַ כלי, וואָס האָט מיטלהויכדייטשיש געהייסן: stechmezzer, מיטלנידערדייטשיש stekemest, וואָס זיין ווערב איז מיטלהויכדייטשיש stëchen, מיטלנידערדייטשיש steken, עס איז איינס פון די וואָפן, מיט וואָס עס האָבן זיך באַנוצט די ריצאַרעס (= ריטערס) און זייערע טורנירן, וואָס האָט מיטלהויכדייטשיש געהייסן stechhof, stechspil, stechzinc. מיר האָבן עס אויך אין דער עלטערער יידיש־פּאָעזיע. אַזוי, אַ שטייגער זעען מיר אין שלמה המלכ׳ס ציטן באַגריפן, וואָס דער דיכטער האָט איבערגעטראָגן פונעם מיטלעלטער אין דער ביבלישער צייט: „עש ווש אלש נאָך דעם פאַלן און דאָ ווש קיין גיברעכן / אייטל ורוליכי טאַג מיט טורנירין אונ׳ מיט שטעכן" (מלכים־בוך, אויגסבורג 1543), סטראָף 225, לויט אויסגאַב ל. פוקס). דאָס מיינט: עס איז אַלץ געווען בשפע און גאָרנישט האָט געפעלט, סאַמע פריילעכע טעג מיט טורנירן און שטעכן. דעס־גלייכן ווידער אַמאָל איבער שלמה המלך: „ער מאַכט זיין צו ריטער אונ׳ צו גראַב׳ן אונ׳ מאַנן צו שטרייטן / אודר צו שטעכן אונ׳ טורנירן אונ׳ דאָס גייעג צו רייטן" (דאָרט, סטראָפע 460) דאָס הייסט: ער מאַכט זיי פאַר ריצאַרעס און גראַפן און מלחמה־לייט אָדער צום שטעכן און טורנירן און אויף דער יאַכט צו רייטן.

דאָס שטעכמעסער איז געווען קירצער פון די איבריקע טורניר־וואָפן, און די ריצאַרעס האָבן זיך דערמיט באַנוצט אין זייערע טורנירן, ווען די לענגערע וואָפן, די שפּיז און דאָס שווערט, האָבן שוין מער נישט געדינט, מחמת די קעמפער זענען זיך געווען נאָענט, כמעט לייב בײַ לייב, אייגנטלעך: פּאַנצער בײַ פּאַנצער. מיט דער צייט איז שטעכמעסער דעגראַדירט געוואָרן — מיר געפונען עס צווישן די וואָפן, וואָס סוחרים פלעגן טראָגן כדי זיך צו ווערן פאַר שטראָז־רויבערס וכדומה, און מסתמא האָבן עס אויך געטראָגן יידישע סוחרים, לעבן אָדער שטאָט אַ שווערט — זע, למשל, אין אַ פּריוואַט בריוו פון יאָר 1533 (אויסגאַב גינסבורג, ייוואָ־בלעטער, מאַרס־אַפּריל 1938, ז׳ 338): „אפי׳ המעות שהלויתי לו והסוס שקניתי לו שרכב עליו עד לבלו"נה וקניתי אותו הכל בדמים יקרים — — וגם החרב שקניתי לו הכל עשיתי כדי להראותו שיאמין לי". טייטש: אפילו דאָס געלט, וואָס איך האָב אים געליען, און דאָס פערד, וואָס איך האָב אים געקויפט, אויף וועלכן ער איז געריטן ביז לאַוולאָנע און איך האָב אַלץ פאַר שווער געלט געקויפט, און אויך דאָס שווערט וואָס איך האָב אים געקויפט, אַלץ האָב איך געטאָן, ער זאָל האָבן צוטרוי צו מיר.

און עס איז נישט שייך צו זאָגן, אַז די יידישע רויבערס האָבן בײַ זיך נישט

געטראָגן שטעכמעסערס און זע, אַ שטייגער, שלמה סימאָנסאָנ׳ס אַרטיקל איבער ייִדן־־וואַגאַבונדן אין די אייראָפּעיִשע קהילות („האומה״, תמוז תשכ״ג) — דאָרט בעמערקט ער (ז. 105, הערה 5) איבער דעם אויסשפּרייט פון וואַגאַבונדן אין 16 און 17 יאָרהונדערט, וואָס האָט געבראַכט צו אַ סכּנת־דרכים, אַזוי, אַז די ייִדן אין איטאַליע, וואָס האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין, האָבן געקריגן אַ דערלויבעניש צו טראָגן וואָפן. עס לייגט זיך גאָר אויפֿן שׂכל, אַז דאָס שטעכמעסער איז געווען דערביי. אָבער אין דער צייט איז שוין זיין דעגראַדאַציע דערגאַנגען צום קצבים־מעסער, און אַזוי האָט עס שוין מאַרטין לוטער, און עס איז אויך פֿאַראַן אין זיבעצן פון אַ לאַנג מעסער אויף אויסצורייסן גראָז, ווי עס גייט אָן אין עלזאַס, און שטעקמעסער הייסט אַ שפּיל וואָס באַשטייט אין מעסער־וואַרפֿן, ווי עס גייט אָן אין האַמבורג, אַזוי־ווייט, אַז עס האָבן זיך דערוועקט ספקות, צי שטאַמט ער טאַקע פון ריצאַרסקע ייחוס (זע טאַגע אַהלדען איבער פיר מיטלאַלטערלעכע נעמען פון וואָפן, געדרוקט אין Symbolae Philol. Gotoburgensis, געטעבאָרג, 1950, ז׳ 20) אגב, איז שטעקמעסער אויך געווען אין ייִדיש, אָבער עס האָט גע־מיינט אַ מעסער, וואָס מען האָט מחמת אַ ספק־ספיקא אַריינגעשטעקט אין דער ערד אַריין, און מחמירים האָבן עס נאָר באַנוצט צו פּאַרווע, כּיבֿאַי מען האָט עס געלאָזט דורכבּרענען. אויב מען רעדט שוין פון מחמירים, האָבן סופֿרי סת״ם זיך געלאָזט מאַכן זייערע מעסערס ביי ייִדישע בעלי־מלאכות; זע, אַשטייגער: „דעם קוועטש מעסער אויך דעם שאַב מעסער האָט גימאַכט אוף עס נייע אין ייִדישע קאָוואַל״ („מעשה אמשטרדם״, ז׳ 3).

און אַ באַנוץ בדרך־משל — י. ל. פּרץ: „זע נאָר מירל... קענען קיין צווייִשט צייִלן... אַריינגעשטעקט די אויגן אין די פּאַדלאָגע אַריין, ווי טריפֿה־מעסער״ („וואָס אין פֿידעלע שטעקט״, אַלע ווערק, 1947, באַנד 6, ז׳ 98).

ו

צום סוף איז אפשר כּדאַי צו דערמאָנען דעם זאָג im Stiche lassen וואָס איז דאָ און דאָרט, אונטער דער דייטשישער השפּעה, אויך אַריין אין פּובליציס־טישן ייִדיש: לאָזן אין שטיך, וואָס מיינט עמיצן לאָזן הפקר, פֿאַרלאָזן בשעת־הדחק, און וואָס וועגן זיין אָפּשטאַם איז פֿאַראַן אַ שטיקל מחלוקת הפּוסקים — פֿריער האָט מען געהאַלטן, אַז עס איז אויך אַ טורניר־טערמין; ביים שטיך [= טורניר] האָט דער באַזיגטער ריצאַר געמוזט דעם זיגער לאָזן זיינע וואָפן און פֿערד; לעצ־טנס אָבער מיינט מען אַז Stich איז, ווי עס גייט אין טיראָלישן דיאַלעקט, דאָס

שווערסטע שטיק וועגס באַרג־אַרויף, הייסט עס אַז דער טייטש פון זאָג איז, דאָס מען לאָזט עמיצן איבער אין דער גרעסטער סכנה. פאַראַן אויך אַ סברה, אַז stich מיינט אַ פּינטל, דער שורש פון Punkt איז pungere [= שטעכן]. אגב, ברענגט מאַרטין לוטער אַ פאַרגלייך wie eine tzornige bien das leben im stich lassen וואָס וויל זאָגן: ווי אַ בייזע בין, לאָזן דאָס לעבן מחמת דעם שטאָך. פויליש האָט wydać na sztych [= שטעלן אין סכנה], דאָס אוקראַאינישע sztyk מיינט אַ באַיאָנעט און zustriti w sztyk הייסט: באַגעגנען אָדער אויפנעמען מיט שנאה; דעסגלייכן רוסיש sztyk און איז אויך אין יידיש אַריין בצורת שטיק(ע) און שטיך; זע, למשל ישראל במוהרי״ם (סיפּורי האר״י, ווילנע תרע״ב, ז 52): „פלעגן לויפן דיא שרים מיט איין שטיך, און פלעגן פער־שיטן דעם אָקס מיט דעם גאַיער מיט זאַמד און שטיינער״.

אַז לאָזן אין שטיך האָט צו טאָן מיט שטעכן ווייסט נאָך די וואָרט־שטיפעריי ווי עס ברענגט, אַ שטייגער, קאַרל עטלינגער, וואָס לאָזט אין דער ערשטער מלחמה, דעם סערב שרייבן דעם צאַרישן גענעראַלשטאַבשעף: Bin ich nicht Mustrschüler Dainigr, hab ich nich ghabt immer im Morden "serr gut" im Kopfrechnen "schwach" wie kannst *lassen* so ausgezeichneten *Stecher in Stich?*" (Lausikoff etc. 23, מינכן, 1915). טייטש: בין איך נישט דיין מוסטער־תלמיד, האָב איך נישט תמיד אין רציחה זייער גוט, אין חשבון וויטער שוואַך, ווי קענסטו אַזאַ אויסגעצייכנטן שטעכער לאָזן אין שטיך. אָבער היינט מיינט, דייטשיש Stich אויך אַ קופּערשטיך וכדומה, בשעת אַ שטייגער דאָס פּוילישע sztych מיינט בלויז אַ האָלץ אָדער קופּער־שניט, און א. מ. דיק דערציילט איבער אַ יינגל, וואָס איז אַנטלאָפן און מען זוכט אים אַרום: „האָבין וועגין דעם געשריבין אין אַלע צייטונגען און אָבגעשטאָכען זיין פּאָרטרעט דער ביי״ (דיא גריזעטקע״, ווילנע, תרל״ז, ז׳ 18). און ווי באַקאַנט איז חותם־שטעכער, וואָס האָט גראַווירט נישט בלויז זיגלען, נאָר אויך מטבעות, מעדאַליעס, געווען אַ יידישע מלאכה (דער משפחה נאָמען פאַך מיינט פ״ח = פּיתוחי חותם) און אַדאַנק איר האָט דער חותם־שטעכער ר׳ אהרן איזאַק, דער באַקאַנטער מחבר פון יידיש געשריבענע זכרונות, מצליח געווען צו באַגרינדן אַ יידישן יישוב אין שוועדן.

*

אַז מען האַלט שוין ביי שטעכער, קען מען נישט לאָזן אומדערמאָנט דאָס באַקאַנטע פאָלקסליד, ווו דער באַגנבעטער קלאָגט זיך: „זיבן העמדער ווי די

בעכער / דריי מיט שטעכער פיר מיט לעכער". וואָס שייך שטעכער קען עס מיינט צערעווען, מערעזשן, וכדומה. און אין יידיש איז, אַפּנים, געווען שטעכערן, מיינען אַ לאַטע — stochen ווערט אויך באַנוצט אין זינען פון stopfen, וואָס וואָס האָט זיך פאַרקירצט אויף טעכערן, זע, אַ שטייגער, אַ. מ. דיק וועגן אַ שוסטער וואָס דערציילט: „איך האָב פינף געהילפען (פּאַמאַצניקעס) איך שניידע צוא דיא מאַטעריאַלען, אונ זייא טעכערדען עס שוין צוא זאַמען" („דיא קאָונער בריקע", ווילנע, 1874, ז. 10). אָבער כדי צו דערגייען דעם ענין שטעכער ביי די געגנבעטע העמדער פון פאָלקסליד, וואָלט מען באַדאַרפט דורכצוקוקן אַלע נוס־חאות. איך האָב געבראַכט דעם נוסח פון מיין געבוירן־שטאָט און אַ גאַר ברייטן שטח אַרום איר. אָבער י. ל. כהן ברענגט: „זיבן העמדער ווי די בעכער / דריי מיט לאַטעס, פיר מיט לעכער" (יידישע פאָלקס־לידער 1957, סי' 439), און דער־פון איז קלאָר, אַז די נישט מער ריכטיק פאַרשטאַנענע שטעכער האָט מען פאַר־ביטן אויף דעם פאַרשטאַנדלעכערן סינאָנים לאַטעס.

און וואָס שייך בעכער שרייבט מיין פריינד שכנא נאַשקעס, פון בית אלפא, אין אַ בריוו צו מיר (10 פעבער 1964), אַז אין זיין געבוירנשטאָט, סלאָנים, איז דער נוסח געווען: „זיבן העמדער ווי די בלעכער / דריי מיט לאַטעס, פיר מיט לעכער", און דערקלערט, אַז בלעכער האָבן געהייסן די דאַך־בלעכן, און מען האָט געגראַמט: גרויס ווי די בלעכער אויף די דעכער, ווייל די ווייניקע געמוי־ערטע הייזער זענען געווען געדעקט מיט גרויסע, גלאַנצנדיקע בלעכן. אָבער איך מיין, אַז בלעכער איז דאָ אַ דיאַלעקטיש געוויקס — סלאָנים געהערט צו דער סביבה, ווי אַ למ"ד ווערט אַרויסגעזאָגט ווי אַ מין וואָו, און מען זאָגט, אַז דאָרט איז נישט קיין חילוק צווישן אַ ווייבל און אַ לייבל. הייסט עס אַז בלעכער קלינגט בערך: בוועכער און איז נישט מער ווי אַ ראַציאָנאַליזירטער בעכער. איבער דעם קלאַנג־פאַרבייט זע וואָס ז. בונין, פון שטעטעלע מענא אין טשערניגאָווער גובער־ניע, ברענגט אין אַ ליד פון זיין פאָטער: „אַזוי ווי איינער האָט גיהייסון זיין פרוי, ברייגנען פאַר מרור סאַלאַטע / האָט זי גאַר גיבראַכט אַפּטיקאַרסקע וואַטע" („פון פרילינג ביז האַרבסט", תשכ"ה, ז. 25). אָבער אין ענין בעכער ווען מיר זיך באַנוגענען מיטן באַמערק, אַז עס מיינט גיכער בחור [= אַן אויסגעקליבענער], איידער אַ סינאָנים פון כוס, און איז לשון רבים — מיט אַן איבערקלאַנג — לשון יחיד: באָכער לשון רבים: בעכער, אָבער דאָס פאַרלאַנגט אַ באַזונדערן באַהאַנדל.

5. מעשה באַנקראָט

א

גאָט איז (נאָך) נישט באַנקראָט — איז איינס פון די פיל ווערטלעך וועגן דעם וואָס אייביק לעבט, און עס מוז מיך חידושן, אַז נחום סטוטשקאָוו, אַ מאַדים אויף אַזעלכע שפּאַגעס, האָט עס נישט אין זיין אוצר, אין וועלכן ער ברענגט ענלעכע ווערטלעך; ווי, אַ שטייגער, סי׳ 606: גאָט איז נישט קיין אָנזעצער; אָדער: גאָט איז אַ בטוח. די קשיא, אויב דאָס ערשטע אָדער די צוויי לעצטע זענען עלטער, לאָזט זיך לייכט פאַרענטפערן, אַפילו ווען מיר קומען נישט אָן צום אַמאָל אָנגענומענעם און היינט אָפּגעפרעגטן כלל, לויט וועלכן אַן אומגעגראַמטער נוסח איז עלטער פון אַ געגראַמטן, נאָר מיר נעמען פּשוט אין באַטראַכט, אַז בנוגע על־טער פון יאָרן איז בטוח אַ ביליכערער קאַנדידאַט פון [ניט קיין] אָנזעצער, און בנוגע עלטער פון יידיש־באַנוץ איז דער מער היימישלעכער אָנזעצער אַ בעסערער קאַנדידאַט פונעם פּרעמדלעכן באַנקראָט.

דער עצם־געדאַנק, אַז גאָט איז, חלילה, נישט באַנקראָט נוצט אויס זיינע טאָפּלזיניקע אַטריבוטן: דער זאָג אַז גאָט איז אַ בטוח וויל הייסן, אַז ער איז סיי זיכער, פעסט; סיי פאַרלאָזלעך, קראַנטנע; דער זאָג אַז גאָט איז אַ נאמן וויל הייסן, אַז ער איז סיי געטריי, באַגלויביקט, סיי טרייהאַנטיק, קרעדיט־פעאיק; דער זאָג אַז גאָט איז אַ (גוטער) צאָלער וויל הייסן, אַז פּונקט ווי ער צאָלט לוינען און שטראָפן, צאָלט ער חובות און וועקסלען. אמונה־ און מסחר־באַגריפן — אַמאָל אין דעמזעלבן וואָרט, ווי credo בתורת ווערב, הייסט: אני מאמין, ווי credo אַ הויפּט־וואָרט האָט שוין צו טון מיט קרעדיט — און האָט אויסגעצייטיקט אַ שפּאָר ביסל הומאָר.

און איצט צוריק צו זיין ליבן נאָמען, וואָס האָט נישט און וועט נישט און קאָן נישט, אַפילו ער זאָל וועלן, באַנקראָטירן. כדי צו ברענגען ציטאַטעס, וואָס דריקן פאַרשיידן אויס דעם געדאַנק, וואָלט אונדז קיין טינט נישט געסטייעט,

וועלן מיר זיך באַנוגענען מיט אונדזער עלטער־זיידן א. מ. דיק — פון איין זייט: „נון געהערט שוין צו שטיין דער ליבע גאָט ביי אונדז אין קרעדיט אויף ווייטער" („דער אָפּעקון", ווילנע, תרל"ב, זייט 25); און פון דער אַנדערער זייט: „דאָך דער ליבע גאָט בלייבט נימאַנדען שולדיג ווי אונדזערע חכמים זאָגן דאָרטין אין מדרש אסתר (שאין כל בריה אצלו כלום) דאָס הייסט נימאַנד האָט וואָס צו שטיין ביי אים, דען ער באַצאָלט יעדען פאַר דאָס מינדעסטע" („דער פינדלינג", דאָרט תרל"ה, ז' 49). נאָך מער, דיק ברענגט אויך אַרויס דעם געדאַנק בפירוש אין שייַכות מיט דער אוממעגלעכקייט פון אַ געטלעכן באַנקראָט — אין דער דערציילונג זיינער איבער דעם באַקאַנטן פראַנצויזישן רויבער־אָנפירער, קאַרטוש, לאָזט ער אים אַזוי זאָגן: „און דער ליבער גאָט האָט נאָך נישט באַנקראָטירט מיט די גרויסע סומען פון זיינע גינאַדען" („קאַרטוכע", תרל"ח, עמ' 56).

ב

די זיכערקייט אַז גאָט בלייבט קיינעם און גאָרנישט שולדיק, האָט זיך געמוזט דורכזעצן קעגן דעם נסיון, אַז אַ סך שולדיקע בלייבן אומבאַשטראָפט, און זי האָט זיך טאַקע דורכגעזעצט מכוח דעם גלויבן, אַז עס איז מעגליך, דאָס גאָט זאָל זיך פאַרשפּעטיקן, — דען ווער, בעצם, האָט עס מער געדולד און מער צייט פון אים. גייט טאַקע דאָס ווערטל: זיין ליבער נאָמען [אָדער: גאָט] איז אַ גוטער צאָלער אָבער אַ גרויסער קריכער, וואָס האָט זיין אָנשפּאַר אין תנ"ך. נאָך מער, לויט דעם גלויבן איז וואָס לענגער גאָט וואַרט, אַלץ שאַרפער צאָלט ער — זע, אַ שטייגער, צבי וואַסערטרילינג: „אבל אלוה לא הסיר משפטו מזדים / אל חיקם ישיב למו גמולם לנצח, / ואם יאחר לשלם עוד יוסף אף חרונו" („הדרת אלישע", ברעסלע, 1857, ז. 28). טייטש: אָבער גאָט האָט נישט אַראָפּגענומען זיין געריכט פון די מוטוויליקערס, ער וועט זייער שטראָף אייביק צו זייער שויס אומקערן, און אויב ער פאַרשפּעטיקט צו צאָלן, וועט ער נאָך פאַרמערן זיין גרימצאָרן.

דער געדאַנק, וואָס אונדזער ווערטל זאָגט אַרויס, איז צעזייט איבער דער ליטעראַטור, און מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט אַ בינטל דוגמות — ישראל אַקסנפעלד אין אויסלאָז: „דו ביסט אַ גוטער רבונו של עולם! דו האָרסט לאַנג, אָבער דו באַצאָלסט גוט" („דאָס שטערנטיכל", אויסגאַב מאיר וויִנער, מאָסקווע, 1938, ז' 179); א.מ. דיק: „גלייכער וועט זיין דאָס גאָט אַליין וועט זיך אָפּ רעכענען מיט אונדזער ווייסע טיראַנען, ער וואַרט צוואַר לאַנג, ער מאָנט אָבער גיך און מיט פּראָצענט, ער מאָנט איין אַלע שולדען, בייא אים איז ניטאָ קיין דאַוונאַסט, ער מאָנט איין

ביא דיא קינדער דיא חובות פון זייערע עלטערין (פוקד עוון אבות על בנים) **ביז אין דריטין אונ פערטין גליד**" („**דיא שקלאַוועריא**", **ווילנע, תרמ"ח, ח"א, ז' 44**); מרדכי ספעקטאָר: „**וייל גאָט איז אַ גרויסער בעל רחמים ומאריך אף — ער האָט ליב צו לייטזעליקן**. ער וואַרט לאַנג און צאָלט גוט" („**טרייטל**", **חש"ד, ז' 76**); שמעון בעקערמאַן: „גאָטט וויל קיינעם ניט שילדיג זיין — — דער אויבערשטער וואַרט לאַנג אונ צאָהלט גיך" („**הדסה דיא חלוצה**", **בערדיטשעוו, חש"ד, ז' 111**); יהושע בודזאַן האָט זיינס אַ ביכל אַ נאָמען געגעבן: „**דער ממזר אָדער גאָטט וואַרט לאַנג אונ בעצאָהלט גיך (אַ עולמשער גלייכוואָרט) אמת'ע געשיכטע פון אַ פאָלשע ליעבע**" (**ווילנע 1909**); יצחק באַשעוויס ברענגט צוויי ווערסיעס: „**אַזאַ בראָך! אַזאַ גזר דין!** גאָט וואַרט לאַנג און צאָלט גוט! — — **זאָלן זיי נישׁ' מיינען, די אָנגעשטאָפּטע חזירים, אַז ס'איז הפקר אַ וועלט! מ'פּרעסט און מ'זויפט און מ'וואַרפט אַרויס דעם אָרעמאַן די בעבעכעס! וואַרפן זאָל עס זיי הייזער־הויך**" („**די פאַמיליע מושקאַט**", **באַנד 2, ז' 199**); „**מ'האָט אים שוין געזאָלט אַריבערפירן אין הקדש, אָבער דאָ האָבן די אָרימעלייט פון הקדש זיך צונויפגענומען און געגעבן אַ וואָרעניש, אַז אויב מ'וועט ברענגען פעלטען אין הקדש וועלען זיי אַלע אַנטלויפן. בעסער שטאַרבן אין גאַס, האָבן זיי געטענה'עט איידער זיין מיט אַזאַ שלאַנג צוזאַמען. די ווייבער אין שטאָט האָבן אַלע געטענה'ט דאָס אייגענע: גאָט וואַרט לאַנג, אָבער ער שטראָפט גוט**" (**טיפען און געשטאַלטען: דער שונא, פאָרווערטס, 1 דעצעמבער 1962**). **דער חילוק פון דיביידע ווערסיעס איז אַ קליינער, שטראָפן, שטאָט** צאָלן, **אָבער דער פאַרבייט איז פאַר אונדזער באַנוץ אַ גרויסער, דען בלויז דער ווערב** צאָלן **אַסאָצײַרט זיך מיט באַנקראָטירן, אַנזעצן, מאָנען, ווי מיר האָבן עס אַ שטייגער, ביי ש"י עגנון**: „**הקדוש ברוך הוא מאריך אף ואינו גובה את שלו מיד; אבל לא כמידת הקדוש ברוך הוא מידת בשר ודם**" (**עד שיבוא אליהו, הארץ, ערב ראש השנה תשכ"ד**). **טייטש: דער אייבערשטער פאַרלענגערט זיין צאָרן און מאָנט נישט זיינס תיכף, אָבער דער שטייגער פון אויבערשטן איז נישט דער שטייגער פון אַ מענטשן**. נאָך מער דער נסתר: „בישקשה — — ס'ליגט ווי אין אַ גוטער באַנק אָוועקגעלייגט דער גמול לרשעים — — **דאָס** געצאָלטס **פאַר די וואָס קומט זיי**" („**משפחה מאַשבער**", **1948, באַנד 2, ז' 407**), **און אויך מצד דעם מענטשן צום אייבערשטן** אַ. מ. דיק: „**איך וועל פאַר גיוויס טאָן**, דען איך וויל דעם ליבין גאָט ניט אָן זעצין, **איך האָב עס גישוואָרין בייא דער ביבעל, אונ וועל עס הייליג האַלטין**" („**די שקלאַוועריא**", **כנ"ל, ח"ב, ז' 28**).

אברהם טענדלאַו, **אין זיין געזעמל (1860, סי' 938), ברענגט:** Gott schenkt nix **ווי אויך:** Gott bleibt nix chajjew, **און שיקט אָפּ צו דער גמרא: כל האומר**

הקדוש ברוך וותרן הוא יתוותרו מעיו [= ווער עס זאָגט אַז גאָט איז מוותר, שענקט, מעגן זיינע קאַלדוינען פאַרשענקט ווערן], און פּאַרוויזט אויף אַנדערע לשונות, דייטשיש: Unser Harjet - (-Herr Gott) guckt lang zu, Unser Harjet borgt lang; Got komt langsam aber wol; Gemacht gat [= פּאַוואָלי גייט] Gotes Rach Lang geborgt is nit geschenkt; ענגליש: All is not lost, that is delayed וכדומה, און שטעלט נאָך צו אַ בינטל ציטאַטעס פון תהלים, גמרא און מדרשים.

ג.

קומט צו גיין וועלוועלע זבאַראַזשער (בנימין זאב עהרענקראַנץ) און קערט איבער דאָס טעפּל סמעטענע. ער מאַכט עס אין זיין ליד וואָס הייסט טאַקע „דער באַנקראָט", און וואָס איז געוואָרן אַ פאָלקליד ממש. איבערן ליד גופא, זיינע גלגולים, וואַריאַנטן און השפעות האָב איך מיך אָפּגעשטעלט אין מיין אַרבעט „ש"י עולמות", אַ העפט פון „לשוננו לעם", לכבוד אונדזער לערער און פריינד, דניאל לייבל, און איצט וועל איך מיך באַנוגענען מיטן באַמערק, אַז דאָס ליד („מקל נועם" 1878, ח"ד) דערציילט וועגן אַ כאַפּטע צדיקים — אַ רב, אַ חזן, אַ שמש, אַ שוחט, אַ מוהל, אַ געמל'טער, און בעיקר אַ חסיד — וואָס קומען פאַר גאָטס כסא, און יעדער איינער לויבט אויס זיינע מעשים און מעלות און פאַרענדיקט מיטן רעפריין, אַז פאַר אים איז וויניק דאָס גן־עדן, ער וויל דריי הונדערט מיט צען וועלטן, און דער סוף איז, אַז כביכול מוז מודה זיין: „ווי קאָן איך — זאָגט ער אייך פאַרגעלטן / כאָטש איך בין דער גרויסער גאָט / ווו זאָל איך נעמען אַזוי פיל וועלטן? / און איז אַרויס באַנקראָט".

ווער עס לייענט דאָס גאַנצע ליד, מוז באַמערקן, אַז דער מחבר האָט נישט אָפּגעהיט קיין פּראָפּאָרציע לגבי די מאַנערס פון ש"י עולמות — בשעת יעדער איינער פון די כלי־קודש לויבט זיך, אַ יעדער אין איין סטראָפע, דערלויבט זיך דער חסיד אַ היפּש בינטל סטראָפעס, און נאָך זיין אויטאָפּאַנעגיריק קומט טאַקע כביכול'ס באַנקראָט־דעקלאַראַציע. פאַרשטייט זיך, אַז די דיספּראָפּאָרציע איז נישט קיין צופאַל — דער אַנטי־חסידישער משכילישער סאַטיריקער האָט דאָ ווידער אַמאָל אַ שעת כושר זיך צו צעשפּילן, און ער האָט זי לייטיש אויסגענוצט. אַזוי אַרום איז די כוונה פון ליד אונדז איינצושאַרפן: איר זעט, וואָס פאַר אַ מסוכנע באַנדע די חסידים זענען, מיר אַלע ווייסן, אַז גאָט איז נישט באַנקראָט, קומען זיי און האָבן אים פאַרשיט מיט זייערע מאַן־וועקסלען און האָבן דעם נישט אויסגעצ־שטראָכן.

איז נישט אַוועק מער ווי אַ צוויי דורות און דאָס וואָס דער משכילישער בענקלזינגער האָט צוגעשריבן זיינע זיידעס, די חסידים, האָבן ממש מקיים געווען זיינע אייניקלעך, די מאָדערנע שרייבער. דער גלויבנס־קריזיס זייערער האָט, אין פאַרשיידענע אידעישע אַטמאָספערן און פסיכאָלאָגישע סיטואַציעס, ווי אויפגעפרישט דעם זאָג: גאָט איז באַנקראָט. ח.נ. ביאַליק אין זיין פּאָגראָם־פּאָעמע לאָזט דעם באַקלאָגער און פאַרקלאָגער אַרויסגיין פון דער שחיטה־שטאָט און קומען אויפן בית־עולם, ווו עס ליגן באַגראָבן די קדושים און ער רעזאָנירט:

סִלְחוּ לִי עֲלוּבֵי־עוֹלָם, אֱלֹהֵיכֶם עָנִי כְּמוֹתְכֶם
עָנִי הוּא בְּחַיֵּיכֶם, וְקַל־וָחֹמֶר בְּמוֹתְכֶם
כִּי תָבוֹאוּ מָחָר עַל־שְׂכַרְכֶם וּדְפַקְתֶּם עַל־דְּלָתַי,
אֶפְתְּחָה לָכֶם, בּוֹאוּ וּרְאוּ: יָרַדְתִּי מִנְּכָסַי!

ווערטלעך הייסט עס: זייט מיר מוחל, אייביקע בידאָקעס, אייער גאָט איז אָרעם ווי איר, ער איז אָרעם ביי אייער לעבן, כל־שכן מיט אייער טויט, אַז איר וועט מאָרגן קומען נאָך אייער לוין און קלאַפּן אין מיינע טירן, וועל איך אייך ענטפערן, קומטס, זעטס: איך בין אַראָפּ פון מיין פאַרמעג. — און אַזוי ווי די אידענטיטעט פונעם אויפגעשרויפטן איך אין דער גאַנצער פּאָעמע וואַקלט צווישן דיכטער און נביא און צווישן נביא און גאָט, לאָזט זיך אין דעם אויסדרוק בפירוש שפּירן אַ מין טראַגיזירנדיקע פּאַראָדיע פון וועלוול זבאַראַזשערס פינאַל. בפרט אַז דער אויסדרוק: ירדתי מנכסי מיינט בפירוש: איך האָב באַנקראָטירט. דאָס ווערט אויך קלאָר פון ביאַליקס ידישן נוסח צו די דאָזיקע שורות:

זייט מוחל אייער גאָט איר פאַרשעמטע
פאַר אייער ביטערן פינצטערן לעבן זייט מיר מוחל
פאַר אייער צען מאָל ביטערן טויט.
אַז איר וועט קומען מאָרגן אונטער מיינע טירן
און אָנקלאַפּן ביי מיר און מאָנען לוין —
וועל איך אייך עפענען, קומט זעט, איך האָב נישט!
אַ גאָטס רחמנות איז אויף אייך — נאָר כ'האָב ניט!
אַ יורד בין איך גלייך מיט אייך, פאַראָרימט.

און אוודאי איז אהרן צייטלין גערעכט, ווען ער זעט אַ שייכות צווישן ירדתי מנכסי ביי ביאַליק און „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק” פון י.ל. פּרץ, ווו דער בדחן זוכט דאָס צענטראַלע וואָרט, וואָס זאָל אויסלייזן דעם ערב־רב פון געשטאַלטן און עס דאַרף צו זיין: גאָט — באַנקראָט (אמנים מבקרי אמנות, דבר,

ה׳ סיון תשכ״ו). און ווען ה. לייוויק קומט אין שחיטה־לאַנד און שרייבט זיין „אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען״ און ער זאָגט:

גאָט איז אין מיין שטוב אַריין אין מיטן נאַכט אַן אָרעמאַן
מיט אַ מידן, מיט אַ שטרויכלדיקן שפּאַן

איז אודאי ש. ניגער גערעכט, ווען ער באַמערקט דערצו אין זיין לייוויק־בוך (תשי״א, ז׳ 414), אַז גאָט ווי אַן אָרעמאַן, אַ יורד איז נישט קיין נייע געשטאַלט אין אונדזער פּאָעזיע און מיר קענען זי שוין פון ביאַליקס „שחיטה־שטאָט״. דער חידוש איז בלויז אין דעם, וואָס לייוויק מאַכט גאָט פאַר אַ שטומען. דאַרף מען זיך, אגב, חידושן אויף ניגערן, אַז ער האַלט עס פאַר אַ חידוש — אין גרויסן אל מלא אויף די קדושים, הייסט עס: אלהי האלמים, וואָס ווערט אויסגעטייטשט: גאָט פון די שטומע.

אָבער נאָנטער צום פאַרלייקן פון אונדזער ווערטל, אַז גאָט איז נישט באַנקראָט, איז גריילעך יהואש, בשעת ער זאָגט (נייע שריפטן, באַנד 2, ז׳ 15):

צום הימל קוקסטו! אָרעמער!
ער איז באַנקראָט...
די שטערן ציילסטו? ווייסט דאָרט ניט
דערזען דיין גאָט

הימל איז דאָ סוף־סוף אַ סינאָנים פון גאָט (מן השמים, לשם שמים וכדומה), אָבער די אַטמאָספער פון ליד איז אַנדערש ווי ביי ביאַליק, כל־שכן ביי לייוויק, וועלכע האָבן זיך פאַר אַזאַ פאָרמאַל לייכטן און אינהאַלטלעך שווערן גראַם געהיט. די אָפּגעהיטנקייט שטאַמט אויך פון דער פאַרשיידנקייט פון די מקורות — פון איין זייט דער פּירוש פון עמכם אנכי בצרה [= מיט אייך בין איך אין דער נויט], ווען דער אנכי איז אידענטיש מיט זיין פאָלק (ביאַליק), פון דער אַנדערער זייט אַ קריסטלענדיקער אָנווענד לגבי דעם יידישן גאָט, וועלכן די מסורה האָט אָפּגעוואָרפן: מלך אביון (לייוויק), פון דער דריטער זייט, די השפּעה פון ניטשע און איבסען (בראַנד), וואָס האָבן אויסער דעם בעל־הציטאַט (יהואש) נאָך אַנדערע, אַ סך שאַרפערע, תלמידים — נישט בלויז שאול טשערני־כאָווסקי און זלמן שניאור, נאָר אויך יעקב כהן, וואָס באַשרייבט אַ סצענע, ווי מען פירט גאָט קוילן און דער עולם פרעגט: „החי עודנו — ואנחנו שפטנוהו זה כבר״ (משא דור, שירים, תרצ״ח ז׳ שנ״ו). טייטש: לעבט ער נאָך, און מיר האָבן אים שוין לאַנג פאַרמשפּט.

און אליעזר שטיינבאַרג טייטשט טאַקע אין ביאַליקס פּאָעמע אריין אונדזער

גראַם (משלים, באַנד 2, תשט״ז, ז׳ 107): „שולדיק גאָר אין דעם ר׳ נחמן ביאַליק / אונדזער נביא. ער אין צער און צאָרן גאַליק / אויסגעפּויקט אַ סוד: / יידן אייער גאָט / איז אַ יורד, לא עליכם, אַ באַנקראָט״.

ד

אָבער די קשיא פונעם עולם האָט צו טאָן מיט אַן אָקעגנשטעל צו אַן אַנדער ווערטל: גאָט איז (נאָך) נישט געשטאָרבן, וואָס האָט אפשר געפירט צו אונדזער ווערטל דורכן ווערטל: גאָט איז נישט טויט, וואָס איז דייטשיש אַ פולער גראַם Gott ist nicht tot, און איז ווייזט אויס אויך יידיש באַנוצט געוואָרן. אַזוי דערציילט קאַרל עמיל פראַנצאָז, אין זיין ראָמאַן „דער פּאַיאַץ״ (לויט דער אויסגאַב 1920, ז׳ 220), וועגן אַ יידענע, וואָס ציטערט איבער איר קראַנקן אַדאָפּטירטן זון, און אַ בדחן טרייסט זי אין אַן איראָנישן באַנוץ פון דעם ווערטל: Sprecht Und dann ist Gott tot und Ihr verloren — nicht so toericht, Frau Rosel, es wird sich alles finden [= און דעמאָלט איז גאָט טויט און איר זענט פאַרלוירן, רעדסט נישט אַזוי נאַריש, מרת רויזל, עס וועט זיך אַלעס אויסטאַקעווען]. אַזוי ווי אָבער יידיש איז עס נישט קיין גראַם (גאָט — טויט)[1] האָט זיך אַריינגעשטעלט אַן אַנדערער (גאָט — באַנקראָט), וואָס איז אויך שכיח דייטשיש; זע, אַ שטייגער, געאָרג העררוועג (1840):

Doch sollte dies Haus nicht halten
Und macht es auch einmal *bankrott*
Dann wird die Liebe schnell erkalten,
Ade o Staat, dir gnade *Gott.*

טייטש: אָבער אויב דאָס הויז [= די מדינה] זאָל זיך נישט האַלטן, און עס זעצט אויך אָן, וועט זיך די ליבשאַפט גיך אויסקילן, שלום דיר מדינה, דער אויבער־שטער זאָל זיך איבער דיר דערבאַרעמען.

און צוריק צו דער אלטער זיכערקייט, מיט אַן עלטערן משל, — שלמה עטינגער: „וואָס פאַר אַ זיסן גאָט האָבן מיר דאָס / ער באַצאָלט איטליכן מאָס פאַר מאָס״ (די קנאה, כתבים, כנ״ל, באַנד 1, ז׳ 154). צאָלן איז טאָפּלבאַטייטיק — צאָלן חובות, צאָלן באַלוין און שטראָף. אַז די כוונה איז די לעצטע לערנען מר פון מאָס פאַר מאָס — מידה כנגד מידה.

1) אַזוי הייסט אויך אַ בוך פון ראָגער גאַראָודי וואָס איז לעצטנס אַרויס: Gott ist tot, אַן אַריינפיר אין העגעלס מעטאָד און סיסטעם. אגב, זע יצחק זילבערשלאַגס׳ס ליד: „משמת אלהים״ (הדואר, כ״ז שבט תשכ״ז). טייטש: זייט גאָט איז געשטאָרבן. ענלעך יהודה עמיחי: „בימים הראשונים בניו־יורק / הרבינו לדבר על מותו של אלהים״ (בצרון, ניסן תשכ״ז). טייטש: אין די ערשטע טעג אין ניו־יאָרק האָבן מיר אַ סך גערעדט וועגן גאָטס טויט.

6. גדולת המן

א

גרויס ווי המן — איז אַ פֿאַרשפּרייטער זאָג, וואָס איז אויך אַריין אין דער פֿאָלקס־ליטעראַטור; זע, אַ שטייגער, ביי נח פּרילוצקי (גלית הפּלשתי, זאַמעלביכער, וואַרשע, 1912, באַנד 2, 90):

גרויס איז ער ווי המן,
גלית איז זיין נאָמען.

אוודאי איז עס אַ חנוודיקע תמימות, אויב לגבי אַ פּאַרשוין אין שאול המלכ׳ס ציימן, באַנוצט מען זיך מיט אַ פֿאַרגלייך צו אַ פּאַרשוין אין אסתר המלכהס ציימן, אָבער אַדאַנק דעם פֿאַרגלייך דערוויסן מיר זיך, אין וואָס עס באַשטייט המנס גרויסקייט, — עס איז, פֿאַרשטייט זיך, נישט קיין מאָראַלישע נאָר אַ פֿיזישע, — ער האָט, פּשוט, לאַנגע אברים. דער אויסטייטש איז אַ זייער פּאָפּולערע, אַ סימן אַז ער איז אַריבער די גרענעץ פֿון יידיש; באַנוצט דאָך פּויליש דאָס וואָרט haman אין זינען פֿון גרויס, שווער, נישט בלויז לגבי אַ מענטש, נאָר, ווי אַלעקסאַנדער בריקנער ווייזט אָן אין זיין עטימאָלאָגישן ווערטער־בוך, אויך לגבי אַ פֿערד.

ב

פֿון דעסטוועגן איז שווער צו אַנטשיידן, צי איז עס טאַקע דער גרונטיקער באַטייט פֿונעם פֿאַרגלייך; דוכט זיך פֿאַרקערט, אַז עס איז אפשר אַ שפּעטער־דיקער. על כל פּנים ווייזט דאַרויף אָן די מגילה גופא, עס הייסט דאָך: „אַחר הדברים האלה גידל המלך אחשורוש את המן בן המדתא האגגי וינשאהו וישם את כסאו מעל כל השרים אשר אתו" (ג׳, א׳). טייטש: נאָך די דאָזיקע רייד האָט דער קיניג געגרויסט המן המדתאס זון פֿון אגגס געבירט און האָט אים דערהויבן

און געשטעלט זיין שטול איבער אַלע האַרן וואָס ביי אים. אויב אָבער אַזוי, איז דאָך, לויט דער מגילה, מרדכי נישט ווייניקער מיוחס — עס הייסט דאָך: „ופרשת גדולת מרדכי אשר גידלו המלך הלא הם כתובים על ספר דברי הימים למלכי פרס ומדי; כי מרדכי היהודי מישנה למלך אחשורוש וגדול ליהודים וגו׳" (י׳ ב—ג). טייטש: און דאָס באַשיידעניש פון מרדכי'ס גרויסקייט, וואָס דער קיניג האָט אים געגרויסט, איז דאָך פאַרשריבן אין די קראָניקעס פון די קיניגין אין פּרס און מדי, באַוויל מרדכי דער ייד איז דער צווייטער פון קיניג אחשורוש און גרויס ביי די יידן.

ג

פרעגט זיך, ווי קומט עס, אַז די מגילה זאָל, סיי דעם צדיק סיי דעם רשע, קרוינען מיט דערזעלבער טיטולאַטור, האָט עס אַ פּנים די טייטש־מסורה דער־שפּירט און האָט דאָס וואָרט גידל ביי המן פאַרטייטשט: גרויס געמאַכט, ווייטער דאָס וואָרט גידלו ביי מרדכי האָט עס פאַרטייטשט: געאַכפּערט, פּונקט ווי דער שורש גדל ווערט פאַרטייטשט, ווען ער באַציט זיך אויפן אויבערשטן. אָבער דער פּורים־הומאָר, אין דער פאַרעם פון פּורים־תורות, האָט המנס גרויסקייט אויס־געטייטשט אויף צוויי אופנים. איין אופן — ביידע, להבדיל, זענען געווען לאַנגע־וויטשעס; אַ סימן האָסטו, אַז די תליה וואָס המן האָט געגרייט פאַר מרדכי האָט אויסגעטראָגן פופציק איילן די הייך, און זי האָט טאַקע געפּאַסט אַקוראַט פאַר אים, פאַר המן גופא. דער אַנדערער אופן — המן איז געווען גרויס אין גופניות, מרדכי ווייטער איז געווען גרויס אין רוחניות, אלא פאַרוואָס האָט המן צוגעגרייט פאַר מרדכי אַזאַ הויכע תליה, איז די תשובה אַ טאָפּעלע: ערשטנס, זאָגט שוין דער מדרש אַז די ווערטער: על העץ אשר הכין לו, מיינען לו לעצמו, דאָס הייסט: פאַר זיך אַליין, פּונקט ווי זיי האָבן געדרשנט, אַז ווען אחשורוש האָט געזאָגט צו המן: הכסף נתון לך האָט ער, גלייך, ווי געזאָגט: העץ נתון לך, ווייל סיי הכסף סיי העץ באַטרעפן 165, אַ מין נבואה, אַז דער המן וועט ענדיקן אויף דער תליה. צווייטנס, האָט מרדכי נישט געמוזט זיין קיין גרויסער אין גופניות, כדי המן זאָל אים מאַכן אַזאַ הויכע תליה, געגנוג אַז ער האָט זיך אים אַזוי אויסגעוויזן, ווייל עס איז דאָך אַ כלל גדול, אַז ביי יעדן המן איז יעדער יהודי גרויס אין די אויגן.

ד

אָבער אַזעלכע פּשטלעך האָבן געקענט בעיקר אָנגיין ביי עלטערע, דאָס יונגוואַרג האָט זיך אַ פּנים געהאַט זיינע פּירושים. וואָהין זייערע פּירושים האָבן טענדירט, לאָזט זיך אָפּלערנען פון צוויי מנהגים זייערע. דער ערשטער מנהג איז באַשטאַנען אין אויפשטעלן אַ תליה פאַר המן און זיינע בנים, אָבער צומאָל האָט מען צוגעגעבן אַ היפש געשטעל פון תליות פאַר סתם שונאי־ישראל, פּאָגראָמ־טשיקעס וכדומה — אַ פּנים אַ רעליקט פון אַן עלטערן מנהג, וואָס האָט מהנה געווען אויך גויים; שרייבט דאָך, אין יאָר 1778, געטעס מאַמע צו דער דוכסה אַנגאַ אַמאַליאַ איבער אַזאַ אָנשטעל אויפן פראַנקפורטער יריד: „איבער אחשורוש, המן און מרדכי, אסתר אאז״וו, האָבן מיר מיטן לאָכן נישט געקאָנט פאַרטיק ווערן, בעיקר זענען אונדז געפעלן די 10,000 (צען טויזנט!) תליות״. אויף די תליות, וואָס איך האָב קינדוויז געזען, זענען געווען אויסגעהאָנגען אויסגע־שטאָפּטע פיגורן, וואָס האָבן פירגעשטעלט המן מיט זיינע צען בנים, — ער אַ דאַרער, אַ לאַנגער, אַז מען האָט אים געקענט באַמבלען מיט די הענט; די בנים ווייטער אַלץ קירצערע, לויט זייער עלטער, האָט מען זיי געמוזט באַמבלען מיט שטעקעלעך. דער צווייטער מנהג איז באַשטאַנען אין אַרומגיין אויף שטאָלצן, כדי צו דערגרייכן המנען אויף דער הויכער תליה און אים כביכול דאָרט אויבן אונטערבאַמבלען.

ה

וואָס שייך דעם מנהג מיט די שטאָלצן, דערמאָנט אפילו יצחק שיפּער, אַז ער האָט צו טאָן מיטן דייטשישן ניידהאַרדט־שפּיל, אָבער אין דער אמתן ברענגט ער נישט קיין ממשותדיקע ראיות, און אומזיסט האָט זיך לעצטנס ד״ר מיכאל קרעבס דאַריבער באַמיט, כאָטש עס וויל זיך באַמערקן, אַז אַנדערע עלעמענטן פונעם ניידהאַרדט־שפּיל האָבן זיך יאָ ביי אונדז דערהאַלטן, אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. איך גופא האָב קינדוויז, מיט קאַרגע זעכציק יאָר צוריק, געזען אַ שטאָלצן־שפּיל אום פורים און האָב עס אויך באַשריבן („בחצרה של מרת מאַלטשי״, געדרוקט אין „גזית״): זיבן זין פון אונדזער שכן, לינדנער, אונטערן אָנפיר פון אַ וואָלינער יינגל, וואָס האָט ביי אונדז אין שטאָט געלערנט אין דער דייטשישער גימנאַזיע, נחשון (שפּעטער אַ דאָקטער, געוווינט אין חיפה) זענען פורים, אַרומגעגאַנגען אין הויף, אויף הויכע שטאָלצן, האָבן זיך גאָר קונציק

אַן עצה געטאָן מיטן הויכן שניי, וואָס האָט דערשוווערט דעם גאַנג זייערן; צו מיטיק האָבן זיי די שיסלען אַנידערגעשטעלט אויפן דאַך און אַזוי, צו אונדזער אַלעמענס געלעכטער, געגעסן. נאָך מער, עס זענען ביי אונדז אַנגעגאַנגען דריי פּירושים וועגן דעם מנהג. דער ערשטער פּירוש האָט געהאַט צו טאָן מיטן צונאָמען שטעלצעלע, ווי עס האָט ביי אונדז געהייסן אַ משפּחה בעלי־עגלות גאָר נידעריקע, וואָס נאָר איינמאָל אין יאָר זענען זיי עולה לגדולה געווען, אום פּורים — געגאַנגען גישט אויף שטעלצעלעך נאָר אויף שטאָלצן; דער צווייטער פּירוש איז געווען אַ חדרישער: מען גייט אויף שטאָלצן כדי מקיים צו זיין: המן האגגי, עסן המן טאַשן אויפן דאַך; דער דריטער פּירוש איז געווען אַ סטודענטישער: per aspera ad Estera, וואָס איז אַ נאָכקרום פון לאַטייניש, ווייזט אויס לויט ווערגיל געפורעמטן, ווערטל: per aspera ad astra; וואָס מיינט: דורך שטרויכ־ליקע וועגן צו די שטערן, בשעת דער נאָכקרום מיינט: דורך שטרויכליקע וועגן [= ביין אויף שטאָלצן] צו אסתרן.

ו

מעגלעך, אַז דער פאַרדריי פון aster אויף Ester וואַרפט אויך אַ ליכט אויף אַן אַלט־פּויליש ליצנות — וועספּאַזיאַן קאָכאַבסקי (1633—1700) שרייבט:

Gdy Amana wieszano, żydowska hałastra
Przy pohyblu wołała: sic itur ad astra

טייטש: ווען מען האָט המן געהאַנגען, האָט דער יידישער המון, ביי דער מפּלה גערופן: אַזוי גייט מען צו די שטערן. אוודאי מיינט דער פּשוטער באַנוץ מיט דעם ווערגילישן ווערטל, אַז המן, וואָס האָט באַגלייך מיט ענלעכע רשעים, געמיינט, ווי עס הייסט אין ישעיה: ואתה אמרת בלבבך אעלה ממעל לכוכבי אל ארים כסאי (י״ד, י״ג); טייטש: און דו האָסט געזאָגט ביי זיך אין האַרצן, איך וועל אַרויפגיין העכער, איבער גאָטס שטערן וועל איך אויפהייבן מיין שטול; קומט דאָס ווערטל און זאָגט דעם הויך־אויפגעהאָנגענעם המן: אַט אַזוי גייט מען אַרויף צו די שטערן. אָבער דער דרש־באַנוץ האָט אויך געקאָנט אָפּחוזקן פון המן, וואָס האָט געוואָלט קריגן די מלכה, און פּלוצים גאָר: sic itur ad Estera[m], אַט אַזוי דערגרייכט מען אסתרן, און אַ ראיה דערצו איז טאַקע דער דערמאָנטער סטודענטישער וויץ.

אויב מיר האַלטן שוין ביי פּויליש, וויל זיך דערמאָנען, אַז דאָרט איז אַ פּנים אויך אַנגעגאַנגען דער זאָג: מען האָט דיך געמעגט אויפהענגען צהאַמען

מיט המנען, און אַזוי ברענגט י. טשובעק אין געזעמל פון מרידה־לידער („ראַקאָ־שאָווא פּאָעזיאַ״ קראָקע, 1916, ז׳ 205) אַ ליצנות פון יאָר 1607 ווענן זאַילוס, וואָס האָט מחמת קנאה אַראָפּגעריסן האָמערס פּאָעזיע און איז געוואָרן אַ שם־דבר פאַר שרייבערישער נישט־פאַרגינערייַ:

Sły(nie) Nazo z Homerem po ten wiek dzisi
Zoilus z Hamanem po staremu wisi

טייטש: עס זענען באַרימט נאַזאָ (אָווידיוס) און האָמער ביזן היינטיקן טאָג, זאַילוס און המן ווייטער הענגען ווי פריער.

ז

עס לאָזט זיך אויך דערמאָנען, אַז המן האָט צוגעהאָלפן צו פאַרהיימישן ווערטלעך. אַזוי פלעגט מען, בעיקר אין סוחרישע קרייזן, זאָגן איינעם, וואָס האָט מורא געהאַט איינצושטעלן און זיך אַריינלאָזן אין אַ ריזיקאַלישער, לא כל שכן קרימינאַליסטישער טראַנזאַקציע, און ער האָט זיך געוועהרט, אַז ער האָט מורא פאַר אַ שווערע שטראָף: אפילו המנען האָט מען נישט מער ווי איין מאָל געהאָנגען, וואָס איז נישט מער ווי אַן אויסברייט פונעם מער פּאָפּולערן זאָג: הענגען הענגט מען נאָר איין מאָל, וואָס איז געוויינטלעך געווען דער ענטפער פון אַזאַ מין ריזיקאַנט, אָבער אין גרונט איז עס אַן אויסגעליענס ביי די גויישע שכנים, ווו די שטראָף פון הענגען פאַר פאַרברעכערישע מעשים איז געווען גיכער שכיח ווי ביי יידן. אָבער די נקמהדיקע פאַנטאַזיע האָט המנען נישט געלאָזט בלויז איינמאָל הענגען, זי האָט צוליב־דעם געלאָזט מקוים ווערן זרש׳ס רייד: אשר החילות לנפול לפניו לא תוכל לו, כי נפול תפול לפניו (ו׳, י״ג) טייטש: אויב דו האָסט אָנגעהויבן צו פאַלן פאַר אים וועסטו אים שוין נישט בייקומען, דו וועסט האַלטן אין איין פאַלן פאַר אים. פרעגט זיך אַ קשיא: פאַלן פאַלט מען דאָך אַראָפּ אונטן, און הענגען הענגט מען דאָך אויף אויבן, — איז דער תירוץ אַ טאָפּעלער. ערשטנס, איז דאָך דער שטריק פון אַ געהאָנגענעם אַ סגולה, בפרט נאָך פון אַזאַ מין שטשאָגל, איז תוך־כדי־דיבור המנס שטריק צעכאַפּט געוואָרן און ער איז אַראָפּגעפאַלן; צווייטנס, איז דאָך מסתמא אַן עבירה געווען אַ לייטישער שטריק, האָט מען אים אויפגעהאָנגען אויף אַ דיק, ביליק צוקער־שטריקל, האָט ער זיך גיך אָפּגעריסן און איז ממילא אַראָפּגעפאַלן, האָט מען אים ווידער געהאָנגען, איז ער ווידער אַראָפּגעפאַלן וכו׳ וכו׳. מעגלעך, אַז דאָס האָט אויך אַ שייכות מיטן זאָג: המן האָט זיך פון דער תליה אָפּגעריסן, וואָס מען פלעגט

זאָגן ביי אַ גאַר גרויסער זאַווערוכע אום פּורים, ווייל אַ געוויינטלעכער שטורם־ווינט פון אַ גאַנץ גייענדיק יאָר באַגלייט דאָך יעדן געהאַנגענעם.

ח

צום סוף בעט זיך דער באַמערק, אַז דער פּורים־טייטש האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, וויאַרום האָט זרש גערעדט לשון קודש, האָט מען עס אויסגעפּשטלט, אַז זי האָט דאָס וואָרט נפל אַרויסגעזאָגט גוייש; דהיינו אוקראַיניש: na pal, אָדער פּויליש: na pal, וואָס איז אַ רוף אויסצופירן אכזריותדיקע טויט־שטראָף, וואָס איז באַשטאַנען אין דורכפירן אַ לאַנגן, אויבן שאַרף־פאַרשפּיצטן הילצערנעם פרענט, דורך דער לענג פונעם פאַרמשפּטנס גוף. עס איז, אגב, איינס פון די וואָרטשפּילן, ווו אַ סלאַוויש וואָרט האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ לשון־קודש־דיקן און פאַרקערט. אַזוי פלעגט מען אין אונדזערע קאַנטן אַ שטייגער, ביי אַ חתונה צו זינגען פליעסקענדיק מיט די הענט: היום הרת, היום הרת, וואָס איז ענלעך אויפן אוקראַאינישן מנהג אויסצורופן: harazd [= האַראַזד, אויך: האַראַס] וואָס מיינט, בערך, בראַוואָ וכדומה; אָדער גאָר שטיפעריש אויסצורופן: הולאַי הוליאַי, וואָס אָפּן גערעדט, אין אוקראַיניש, מיינט עס huljaj [= טאַנץ], אָבער פאַרהוילן מיינט עס: הא לאה [= דאָס איז לאה], וואָס לבן הארמים פאַסטוכעס האָבן געזונגען ביי יעקבן אויף דער חתונה, בשעת ער האָט געמיינט, אַז ער שטייט אונטער דער חופּה מיט רחלען, און באמת האָט מען אים גאָר אַריינגעשלייערט לאהן; אַזוי אַז די אויסרופן: הוליאַי הוליאַי, האָבן זיך מתכוון געווען צום חתן, ער זאָל זיך אַרומקוקן, אויב עס איז שוין נישט צו שפּעט, צי מען האָט אים נישט אָפּגענאַרט מיט אַן אַנדערער כלה. צו דעם סאָרט געהערט אויך אַן אַנדער פּורימדיק וואָרט־שפּיל — לא די וואָס מען האָט המן אויסגעטייטשט: הָא מָאן [= דאָס אין מאָן], וואָס איז דער עיקר געפּילעכץ פונעם המן־טאַש (דאָס קען נישט זיין קיין איבעריק אַלטער טייטש, ווייל מאָן = Mohn האָט פריער געהייסן magen), האָט מען אַן אַנדער פּורימדיק מאָן־מאכל makagigi געטייטשט מכה אגגי, כאָטש אַזוי וואָלט גאָר באַדאַרפט צו הייסן דער גראַגער (ביי אונדז: דער גרעגער).

צום סוף אַ וואַריאַנט צו אונדזער גרונט־ווערטל: גרויס ווי המן — וואָלף יונין ברענגט, אין זיין שפּראַך־ווינקל: ער איז גרויס ביי זיך ווי המן (טאָג־מאָרגען־זשורנאַל), 22 יאַנואַר 1967).

7. פויסט תרתי משמע

א

געטעס פויסט און שילערס רייבער און היינעס האַרצרייסעניש, אַט האָסטו די גאַנצע דייטשע ליטעראַטור — אַזאַ ווערטל איז אַרומגעגאַנגען אין מיין יוגנט אין מיין געבוירנשטאָט, וואָס האָט זיך געכאָוועט אויף משכּילישע מסורות. דאָס ווערטל איז אָבער אַ שפּעטערס, און מסתּמא אַ המצאה פון אַ סטודענט, וואָס האָט אָפּערירט מיט דעם טאָפּלשפּיל פון די ווערטער: 1) פויסט = Faust, דער נאָמען פונעם מיטלעלטערלעכן מכשף, וואָס איז דער גיבור סיי פון פאָלק־דערציילונגען, סיי פון שרייבערס (מאַרלאָו, לעסינג, געטע, היינע, לענאו, פּאול וואַלערי, טאָמאַס מאַן); 2) רייבער = Die Räuber דער נאָמען פון פרידריך שילערס באַקאַנטער דראַמע; 3) האַרצרייסעניש — אַ שטיפערישער באַנוץ מיטן טיטל פון היינריך היינעס באַקאַנטן רייזע־בוך: Harzreise, ווו דאָס וואָרט מיינט אַ באַרג־געגנט אין דייטשלאַנד. דער גרונטיקער באַטייט פון Harz מיינט אָבער פּעך, זשיווינצע; אַזוי אַ שטייגער, דערקלערט א.מ. דיק דער אָפּשטאַם פונעם נאָמען פון זיינס אַ העלד: בענצאָע: „גרונטליך וואַקסט דיזער נאָמען פון איינער געווירצהאַפּטען האַרצעס (פּעך) וואָס פליסט פון דעם בוים בענצאָע אין זאַמאַטריע דאָרט אין אָסטאינדיען אונ שמעקט זייער גוט אונ מאַנכע איבער זעצער זאָגען דאָס איז קדה פון דיא קטורת" („דיא גריזעטקע", ווילנע, תרל"ז, ז' 18).

אַזוי ווי די ווערטער: פויסט, רויבער, האַרץ־רייזע [= האַרצרייסעניש] ווערן באַנוצט כּפשוטם, קומט דאָס ווערטל, וואָס האָט אַ בפירושן אַנטי־דייטשישן שפּיץ, און איז ממילא פּאָסט־משכּיליש (מעגלעך אויפגעקומען אין די צייטן פון שטעקערס אַנטיסעמיטיזם), און פּאַרוויזט אונדז אויף דער טראַגעדיע פון דער אַסימילאַציע — די אמת דייטשישע דיכטער האָבן כּוח (פויסט, רויב) און דער ייד, וואָס מיינט צו זיין זייער שותּף, האָט בלויז ווייטיק (האַרצרייסעניש).

ב

ווען שפּיל מיטן וואָרט Faust זע ביי יוליאַן טובים Cicer cum caule etc. (1958, ז' 103) — ער ברענגט אַ קאַטאַלאָג, וואָס קראָקעווער ליצנים האָבן צוזאַמענגעשטעלט, און דאָרט געפינט זיך אויך Jan Wilkolaz : Pięść etc. Goethe, דאָס הייסט ווערטלעך איבערגעזעצט סיי וואָלפקריך [= וואָלפגאַנג], סיי פויסט. אַ פיינע ליצנות איבער אַ נאָמען פון געטעס אַ באַקאַנטן חיבור האָט געמאַכט לייזער וואָלף — ער האָט אברהם סוצקעווערס פּאָעטישע ערשטלינגען אָנגערופן : די ליידן פון יונגע ווערטער לויט געטעס : Die Leiden des jungen Werther.

וואָס שייך דעם שפּיל מיט Harzreise ווי דאָס וואָרט ווערט איבער־געטייטשט חי דאָס יידישע האַרץ, האָבן מיר עס אין טיטל פון לייב אָליצקיס בוך „מיין האַרץ־רייזע, ישראל לידער" (פאַרלאַג י. ל. פרץ, 1960), ווו עס שפּירט זיך אפשר אַן אַנדער פאַרבאַהאַלטן שפּיל : 1) משא־לב [= אידעאַל], 2) מסע־לב [= האַרץ־רייזע].

וואָס שייך דעם פאַרבייט פון Harz [= פעדן] און Herz [= האַרץ], איז כדאי צו באַמערקן, אַז סיי פעך סיי יענע באַרג־געגנט זענען לשון זכר der Harz, און סיי Herz סיי האַרץ זיינען נייטרום, כיבאי די כוונה איז צום נאָמען הערץ וואָס מיינט אייגנטליך, הירץ און באַטייט הערש אָדער הירש דער שם־חול פון צבי. אָבער אויב שוין דערמאַנען נעמען, געפונען מיר דעם פאַרבייט פון Harz און Herz אין אַ באַקאַנטן משפחה־נאָמען, וואָס האָט גרונטיק געקלונגען Reinharz, ווי עס רופט זיך אַן אָרט אין דייטשלאַנד, אָבער אַ טייל פון דער משפחה, וואָס האָבן אָפּנים נישט געוווסט דערפון, און דעם נאָמען געהאַלטן צו יידיש, האָבן אים אויסגעביטן אויף Reinherz, און איינער פון זיי האָט עס אפילו העבראַיזירט : בר־לבב.

צום סוף מוז מען נאָך דערמאַנען, אַז דייטשיש פאַרמאָגט אַ וואָרט Harzreisser [= דער וואָס נעמט אַראָפ די זשיוויצע פון די ביימער] און אויב אָליצקי האָט עס אפילו יאָ געוווסט, איז אַ ספק, צי זיין באַנוץ איז אַן אָנשפּיל דערויף.

ג

דער טאָפּל־שפּיל מיטן וואָרט פויסט איז אויך אַריין אין ווערטל : פאַר אַ פויסט האָט אַפילו אַ פירסט [= פערשט] מורא, וואָס מען האָט געקאָנט טייטשן כפשוטו : פאַר כוח האָט אפילו דאָס מלכות מורא, און כדרושו : פאַר אַ מכשף האָט אַפילו דאָס מלכות מורא. מען דאַרף אָבער אַ קלער טאָן, צי דאָס ווערטל איז דער טאַטע אָדער דער

זון פון אַן אַנדערס: פּאָר אַ פויסט האָט אַפילו דער פראָסט מורא — צום דערקלער זע וואָס עס זאָגט בערטאָלד אאוערבאַך אין זיין באַרימטער דערציילונג („באַרפיסעלע״): Wer nicht will, dass ihm die Haende frieren, muss eine Faust machen [= ווער עס וויל נישט, די הענט זאָלן אים פאַרפרוירן ווערן, מוז מאַכן אַ פויסט].

און צולעצט צוויי באַמערקן. ערשטנס וועגן ענין האָרץ־הערץ — די סביבה פון הארץ־געבערג האָט מען לאטיניזירט Hercinia אַזוי, אַ שטייגער, בענעדיקט כמיעלאָווסקי אין זיין קוריאָזער ענציקלאָפּעדיע Nowe Ateny (1745), וואָס רופט אָן דעם האַרץ־וואַלד — las hercyński. צווייטנס, וועגן אַ צופאַליקן צוזאַמענטרעף — י. ל. פּרץ: „דעם אַלטנס נעכטיק האַרץ־רייסעניש. — — כ׳בינ׳ם אריין מיטן באַס, האָט ער אויפגעשטעלט אַ פּאָר אויגן — — ביסט אַריין ווי אַ שיכור מיטן פויסט אין שפּיגל״ („וואָס אין פידעלע שטעקט״, אַלע ווערק, 1947, באַנד 6, ז. 82). און נאָך עפּעס — י. ל. פּרץ האָט אויך אַן אַדיעקטיוון באַנוץ: „ער קלאָגט מיט אַ האַרץ־רייסיקער שטימע״ (דאָרט, באַנד 7, ז. 112).

8. מעשה בהמה

א

ווי אַ פּריץ שלעפּט זיך נאָך אַ קי — שוין פון אונדזער אויסלייג פון דעם ווערטל: 1) ווי = ווו; 2) קי = קו, איז קלאָר, אַז מיר ווילן באַצייכענען זיין רעגיאָנאַלע באַגרענעצקייט, אָבער אויב מיר נעמען אין באַטראַכט, אַז די כוונה איז דאָ אונטערצושטרייכן דעם סיום פון די פּוילישע משפּחה־נעמען: (s)ki, און לויטן ווערטל זענען דאָס נעמען פון פּריצים, מוזן מיר אָננעמען, אַז דאָס ווערטל איז אויסגעוואַקסן אין אַ סביבה, ווי אַ שטייגער, מזרח־גאַליציע, ווו די פּאָליאַקן זענען אַ מיעוט, און זענען, אָדער ווערן באַטראַכט ווי פּריצים, און ווו יידן טראָגן נישט קיין נעמען מיט אַזאַ סיום. אַזוי האָבן זיך אין מיין געבוירנשטאָט, בראָד, זעלטן דורכגעוואָרפן אַזעלכע נעמען, און איך געדענק קוים עטלעכע פון זיי (אַפּאַטאָווסקי, ביאַלאָפּאָלסקי, לוואָווסקי, ראַגאָווסקי), אַלע אַריבערגעקומען פון פאַרשיידענע קאַנטן אין צאַרישן רוסלאַנד.

אָבער דאָס ווערטל האָט אויך אַן אַנדערן נוסח: אַז די קי איז פון פאָרנט, איז עס אַ קעלבל; אַז די קי איז פון הינטן איז עס אַ פּריץ; אין דער ערשטער העלפט איז קי = קו = אַ בהמה, און איז געפורעמט לויטן באַקאַנטן פאַרגלייך: [ער] גייט (איר) נאָך ווי אַ [דער] קי [= קו] אַ קעלבל; אין דער אַנדערער העלפט איז קי =(s)ki. חדר־ייִנגלעך האָבן אַפילו געהאַט אַ מין רעטעניש דאַרויף: 1) כי לפני — אַז די קי איז פון פאָרנט; 2) כי תחת — אַז די קי איז פון הינטן [= אונטן]; עס זענען קונציקע קיצורים פון פּסוקים: 1) כי לפני (לחמי אנחתי תבוא), — טייטש: ווייל פאַר מיין ברויט קומט מיין קרעכץ, און איז אַ פּסוק אין איוב; 2) כי תחת (יופי) טייטש: ווייל [לויט אַנדערע: אַ ברין] אַנשטאָט שיינקייט, און איז אַ פּסוק אין ישעיה. אָבער אויב שוין ישעיהו, האָט ער אַן אַנדערע און בייסיקערע שייכות צו אונדזער גרונט־ווערטל אין זיין אַביסל לענגערן, מעגלעך פּרימאַרן, נוסח: ווי [= ווו] אַ פּריץ שלעפּט זיך אים נאָך אַ קי; ווי אין פּסוק שטייט: קיא צואה [יהואש: שמוציק מייקעכץ].

אייזיק מאיר דיק האָט זיך אָפּנים נישט געכאַפּט, אַז ער קען זיך אָנכאַפּן אין אַזאַ חוזק־שפּיל, ווען ער האָט, לויטן משכּילישן שטייגער, אָפּגעלאַכט פון היימישע נעמען, כאָטש ער אָפּעריִרט אויך מיטן ענין פאַרנט און הינטן: „אַ צווייערלייא טיטולין זיינען דאָ ביי אונז אידין איינער וואָס לייגט זיך צו פון פאָרינט למשל ווי רעב, מופלג, מאור הגדול, קדישא ופרישא, און דאָש גלייכין אונ דער אַנדערער טיטול לייגט זיך צוא פון הינטין, אונ איז נאָר אַקליין ווערטילע, למשל לע, קע, אונ איין וואָליניען אויך צע. דיא וואָש פון פאָרינט ווערין נור גיברויכט בייא מאַנעס לייט, אונ דיא וואָש פון הינטין ווערין גיברויכט אויך ביי פרויען, למשל איצעלע, לייעלע, חייעלע, עליענקע, אונ׳ ר׳ שלומצע; דיא וואָס פון פוירינט ווערין על פי רוב צוא גיליגט נור לפנים פון כבוד וועגין אָדער פון חניפה וועגין והא ראיה דאָש אונטער דיא אויגין רופט מען אים גאָר ניט על פי רוב מיט דיזע טייערע טיטלען; לע אָבער איז אזוי אַטיטול וואָש מען לייגט צוא פון הינטין אויש ליבשאַפט אונ דאָהער זאָגט מען אונטער די אויגין אויך: חייעלע, הענעלע, ישראלע, שלומעלע אונ דאָש גלייכין״ (דיא דינסט מיידעל וכו׳, ווילנע, 1868, ז׳ 8־9).

אָבער עס ווייזט אויס, אַז דער ענין קע איז ביי אים געווען באַזונדערס מבוזה, שרייבט ער דאָך: „דיא העטליכע (פּאַסקודנע) ענדונג קע, אזו ווערט למשל פון דעם העברייעשין נאָמען יצחק, איצקע, פון בנימין בינקע, פון יחזקאל חאצקע, אונ אַזוא ווערט בייא זייא יוסף יאָסקע״ (דער שדכן, ווילנע, 1874, ז׳ 4). אָבער דער פאַרגלייך צו קיא איז אים אים נישט איינגעפאַלן.

ב

דער בייסיקער באַנוץ וועט אונדז אפשר אַביסל ווייניקער וווּנדערן, אויב מיר וועלן געדענקען, אַז דער סיום ski האָט אויך ביי די פּאָליאַקן גופא אַ צוגעשפּיצטע נאַטע, און אַזוי ברענגט יוליאַן קזשיזשאַנאָווסקי אין זיין בוך Dawna facecja polska (ז׳ 313, 1960) אַ מעשה מיטן פּוילישן קיניג, סטעפאַן באַטאָרי, וואָס האָט געוואָלט פאַרטיילן אַ כהונה פון אַ גלח, האָט מען אים געזאָגט, אַז ער דאַרף זי געבן אַ שלאַכטשיץ, דאָס הייסט: אַן אַדעליקן. האָט ער, אַליין אַן אונגער, געפרעגט, ווי אַזוי דערקענט מען אַ פּוילישן אַדעליקן, האָט מען אים געענטפערט: אויב זיין נאָמען פאַרענדיקט זיך ski. איינמאָל האָט ער געהערט, ווי אַ שיקסל רופט איר חזיר פאַרצויגן: maluśki [= קלייניקער], האָט ער געפרעגט, צי דער חזיר קאָן אויך באַקומען די כהונה, ער פאַרענדיקט זיך דאָך מיט ski.

אָבער דער באַנוץ: קי = (s)ki = קיא [צואה] איז אַ טאָפּלשניידיק מעסער,

און פונקט ווי ער שניידט אַ גוי, שניידט ער אַ ייד. און אַזוי דערציילט ר׳ חיים האַמבורגער אין זיינע זכרונות איבער אַלט־ירושלים, „ספר שלושה עולמות״, (חלק ראשון, ירושלים, תרצ״ט) וועגן זיין פעטער, ר׳ מאיר, אַז איינמאָל האָט ער געיידישט אַ קינד פון אַ חשובן אשכנזי, און דער מנהג איז דעמאָלט געווען, אַז מען פלעגט מל זיין אין דער פרי, אָבער די סעודה, איז געווען פאַרנאַכט; אַז דער מוהל איז געקומען צו דער סעודה, האָט שוין דער עולם געהאַט פאַרכאַפּט אַלע פלעצער ביים טיש, האָט אים ר׳ יחזקאל סוכאָוואָלסקי (שפּעטער איבערגעביטן דעם נאָמען אויף דאַנין) געזאָגט: ר׳ מאיר, אַז איר וועט זאָגן, אויפן אָרט, אַ מלתא דבדיחותא מאַכן מיר אייך אַ פּלאַץ. האָט אים ר׳ מאיר תיכף אָפּגעענטפערט מיטן פסוק: כי כל שולחנות מלאו קיא עד בלי מקום, יהואש טייטשט: ווייל אַלע טישן זענען פול מיט שמוציקע מייקעכץ ביז ניטאָ קיין אָרט [קיין ריינער]. דער מוהל האָט זיך מתכוון געווען אַ שטאָך צו טון די דעמאָלטיקע עולים פון רוסלאַנד, וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט קי, ווי אַ שטייגער: סוכאָוואָלסקי, גראַזאָווסקי, סמילאַנסקי וכדומה (ז׳ מ״ג).

אַגב, ברענגט ש״י עגנון אין זיין בוך „תמול שלשום״, וואָס באַשרייבט די צייט פון דער צווייטער עליה, אַ מעשה מיט איינעם אַן עסקן שפּאַלטלעדער, וואָס נפתלי, דער לץ פון דער חברה, שטעלט אים צו אַ גראַם לויטן פסוק: את הראש ואת הפדר; טייטש: דעם קאָפּ און דאָס פעטס; זאָגט מען אים, אַז אין פסוק איז די פ״א נישט מיט אַ סגול, נאָר מיט אַ קמץ, איז דאָך זיין גראַם נישט לפי כללי הניקוד, ענטפערט ער: כי מר פדר ושפלטלדר כבר יצאו בריקוד [=גייען שוין אין אַ טאַנץ], און איצט, אַז דאָס וואָרט פדר איז אין מיטן פסוק האָט שוין די פ״א אַ סגול; איז עס שוין אַ סטאַטעטשנער גראַם; פרעגט שפּאַלט־לעדער: חרוז נאה מזה לא מצאת לשמי?, ענטפערט דער לץ: כל אשר אחרוה לשמך מלא קיא. ווילן מיר באַמערקן, אַז די תשובה וואָלט זיך גיכער געפּאַסט צו נעמען, וואָס ענדיקן זיך מיט קי, אָפּעריִרט דאָך דאָס בוך, אָפּלאַכנדיק מיט די חוזק־נעמען: עסקנוֹביץ, עסקנסקי און עסקנזון.

אָבער נישט בלויז ki נאָר אויך ski איז אַריין אין ראָד פון חוזק — אין איצטיקן פוילן האָבן אַ טייל פון די דאָרט איבערגעבליבענע יידן איבערגעביטן זייערע יידיש־קלינגענדיקע משפּחה־נעמען אויף אַזעלכע, וואָס קלינגען מער פויליש, און אונדזער סיום פאַרנעמט אין דעם פאַרבייט אַ וואָזשנעם פּלאַץ, איז דערפון אויסגעוואַקסן אַן איראָנישער זאָג: די יידעלעך קאָכן זיך אין סקי־ספּאָרט, אָדער: די יידעלעך זענען געוואָרן סאַמע סקי־לויפערס, און דער זאָג האָט אויך און אפשר בעיקר, אַ פוילישן נוסח.

ג

אָבער קערן מיר זיך אויף אַ ווייל אום צום שפּילעוודיקן פּירוש: כּי = קי [קו] = קיא [צואה], כּדי צו באַמערקן, אַז ווען די חדר־ייִנגלעך האָבן אָפּעריִרט מיטן פּסוק: כּי תחת יופי, האָבן זיי נישט געוווּסט, אַז פֿאָרשטערס לייענען כּוי תחת יופי, און יהואָש האָט טאַקע איבערגעזעצט: אַ בראַנד שטאָט שיינקייט, לא כּל שכּן אַז מאַנדעלקערן האָט געראָטן לייענען: קיא תחת יופי, טייטש: מייקעכץ שטאָט שיינקייט. אָבער דער חדר־פּירוש האָט פֿאָרט געהאַט אַ היימישע מסורה — ווי, אַ שטייגער, דער זאָג פֿון אַ גוטן ייִדן (מען רופֿט אָן ר׳ אורי סטרעליסקער און אַנדערע), אַז ער איז זיך מפרנס פֿון צוויי קי — 1) כּי בך בטחנו [= דען אויף דיר האָבן מיר זיך פֿאַרטרויט]; 2) כּי לך יחלנו [= ווייל אויף דיר האָבן מיר געהאָפֿט]. אָבער דאָס געהער צו ענלעכע ווערטשפּילן און זייערע קאָמבינאַציעס ווי אַ שטייגער: איך שטיי אויף אין דער פֿרי, מעלק איך מיר מיין קי, ווי אין פּסוק שטייט: כּי לך ייחלנו; שפּעטער עס מיר מיין יאַכל ווי אין פּסוק שטייט: יחל אל ד׳ [= האָף אויף גאָט], און פֿאַרטרינק מיר מיט קאַווע ווי אין פּסוק שטייט: קוה אל ד׳ וחזק [= האָף אויף גאָט און זיי שטאַרק]. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס ווערטשפּיל פּאַסט זיך צו צו כּלערליי סיטואַציעס, אַזוי האָב איך, בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, געהערט פֿון איינעם, וואָס האָט זיך אויסבעהאַלטן פֿון זיין אַ זעלנער: כּי תצא למלחמה — אַ קי (= קו), אַ בהמה גייט אין פֿראָנט אַריין. דאָ איז קו = בהמה אין זינען פֿון אַ נאַר, שוטה, וואָס האָט אַ ים מיט באַנוצן (אַ שלל מאַטעריאַל האָב איך געבראַכט אין „קערת צימוקים״, סי׳ 282). אוודאי, אַז מען באַנוצט זיך מיט אַ ווערטל: אַ גוטע קו איז אַ האַלבע פּרנסה, מיינט מען אַ קו ממש, וואָס גיט מילך; אָבער אַז מען שטעלט צו דאָס אַנדערע ווערטל: אַ שיין ווייב איז אַ האַלבע פּרנסה, און מען איז בײדע משדך אין אַ סילאָגיזם: אַ שיין ווייב, וואָס איז אַ גוטע קו, איז אַ גאַנצע פּרנסה — מיינט מען אַ ווייבל, וואָס האָט אַ טאָפּלטע סגולה — איז אי שיין אי נאַריש. זע אָבער ביי אביגדור המאירי (אין זיין פּאָעמע איבערן ייִדישן גיבור יאָסעלע טעגלאַש): „וכה אמרו: הביטו שתים שפחות / עובדות לאדון אבריש עבודת־הפרך / פּרתו ברפת עושה לו גבינה / וביצים וכסף — אשתו העדינה!״ („מאזנים״, שבט תשכ״ז, ז׳ 184). טייטש: און אַזוי האָט מען געזאָגט: קוקטס, צוויי דינסטן האָרעווען שווער פֿאַרן האַר אַבריש, די קו זיינע אין שטאַל מאַכט פֿאַר אים פּוטער, און אייער און געלט — זיין איידל ווייב.

9. אַז עס קלינגט

א

אַז עס קלינגט איז חגאַ — איז אַ זייער פאַרשפּרייט ווערטל, אַ מין משל פאַר כל מיני נמשלים. דער משל וויל זאָגן, אַז אויב עס באַמבלען זיך די גלעקלעך און קלינגען, איז עס אַ סימן, אַז עס איז עפּעס אַ יום טוב; אומזיסט וואָלט מען זיי נישט מטריח געווען; דער נמשל ווייטער קען זאָגן, אַז אויב מען זאָגט עפּעס און מען זאָגט עס הויך, איז דאָ אַ טעם דערביי; וואָס ווייטער דער טעם איז, איז געווענדט, וויאַזוי דער ענין חגא ווערט אויסגעטייטשט, און זיינע אויסטייטשן זענען פילפּנימדיקע. עס קען הייסן כפשוטו, אַ פריילעכער, קאַלענדאַרישער ענין, עס קען הייסן כדרושו, עפּעס גאָרנישט פריילעכס, פּונקט אַזוי ווי דאָס וואָרט חתונה קען הייסן סיי כפשוטו סיי כדרושו, און אַמאָל איז עס אַ גאָר ביטערער דרוש, ווו חגאַ און חתונה קענען זיך גאָר נאָנט באַגעגענען, ווייל ביידע האָבן אויך דעם באַטייט פון אַ פורעניות, בעיקר אַ פּאָגראָם.

אַז מיר קוקן זיך צו צום משל גופא, זעט מען, אַז די גלעקער, וואָס באַוועגן זיך אין אים, זענען באַגרענעצט אויף זייער עיקר־סאָרט, קלויסטער־גלעקער, און זייער פונקציע איז באַגרענעצט אויף זייער עיקר־עובדא, אויס־קלינגען זייערס אַ יום־טוב. אָבער מעגלעך, אַז דער נמשל, בעסער געזאָגט: די נמשלים, האָבן געבראַכט דערצו, אַז אויך די איבעריקע סאָרטן קלינגערייען האָבן זיך אַריינגעמישט אין קלויסטער־גלאָק אַריין, דען אַ חוץ אים האָט דאָך אַ שטאָט פאַרמאָגט אַנדערע גלעקער — אַזוי דערציילט אונדז יאַנקעל לעהרער (דער מחבר פון שמחה פּלאַכטע): „דער קלינגער האָט צום אונגליק פעראיהרט [= זיך טועה געווען] אונד אנשטאָט דיא שטאָט גלאָק אָן ציא ציהען, האָט ער דעם שטאָ־רעם גלאָק אַן געצויגען. עס ברענט עס ברענט — איז געוואָרן אַ געשרייא״ (די שיינע העלענא, וואַרשע, תרע״א, ז׳ 9). דער מחבר, וואָס וואַקלט זיך צווישן די גלאָק, ווי עס גייט אין דייטשיש און צווישן דער גלאָק ווי עס גייט אין יידיש,

דערציילט איבער אַ פּאַרמיש פון צוויי קלינג־פונקציעס — איינע פונעם שטאָט־גלאָק, וואָס איז מכוון צו פּובליצירן עפּעס אין נאָמען פון די שטאָט־אָרגאַנען, איינער פונעם שטורם־גלאָק, וואָס איז מכוון אויפמערקיק צו מאַכן אויף אַ פייער, וואָס איז אויסגעבראָכן. אגב, מוזן מיר באַמערקן, אַז דער פּראַקטישער טעם ביים אויפוועקן פונעם שטורם־גלאָק איז אַ שפּעטערדיקער, דער פריערדיקער איז אַ מאַגישער — מען האָט, פשיטא, געגלויבט, אַז דאָס עצם קלינגעריי, פאַריאָגט דונערן און בליצן, אַ שטורמישן וועטער, וואָס איז אַ מעשה־שטן, און דערצו האָט טאַקע געטויגט אַ קלויסטער־גלאָק, בפרט אַזעלכער, וואָס מען האָט אים אייגנס דערצו געגאָסן און מקדש געווען — און מאַרטין לוטער דער־מאָנט די דאָזיקע אמונה, ער זאָגט וועגן דעם הייליקן בעננאָ (1524) Wer solt doch nicht lachen, das die glocke von Benno geweyhet das wetter vertreyben. Thun es nicht alle glocken? (ווער זאָל נישט לאַכן, אַז דער גלאָק, געהייליקט פון בעננאָ, פאַרטרייבט דעם שטורם, טון עס נישט אַלע גלעקער?).

ב

מיר קענען נישט באַשטימען, אָבער מיר מעגן אָננעמען, אַז דער פונקציע־פּאַרמיש האָט אויך פאַרהאָלפן אויסצוברייטן דעם באַטייט פון וואָרט חגא, וואָס איז כידוע, אַ פעיאָרישער באַנוץ פאַר אַ גוישן יום־טוב, אין קעגנשטעל צום וואָרט חג, וואָס באַטייט אַ יידישן יום־טוב. דאָס וואָרט חגא קומט בלויז איינמאָל פיר אין תנ"ך: והיתה אדמת יהודה למצרים לחגא כל אשר יזכיר אותה אליו יפחד מעצת ד' צבאות אשר הוא יועץ עליו" (ישעי' יט, יז), און פון קאָנטעקסט איז קלאָר, אַז חגא מיינט פחד, שרעק, אָדער אַ סיבה פון שרעק, ר' יקותיאל בליץ שרייבט: איין ברעכעניס [= אַ ברעכעניש], ר' יוסף וויצנהויזן: איין דער שרעק־ניש; זיי האָבן זיך איינגעטיילט מיט רש"יס פירוש: לשון שבר ואימה ופחד. דאָס וואָרט חגא ווערט אין טעקסט געלייענט: כאָגאָ אָדער כוגו, אָבער גערעדט, אין זינען פון גוישן יום־טוב: כאָגע, און אין לשון רבים: כאָגעס (אויך: חגאות = כאַגאָעס, אָדער כאַגוּעס). אין דעם באַנוץ געפינען מיר עס אויך אין אַ פּאָנעטישן אויסלייג — זע דאָס ליד וועגן די פּראָסטיצער (פּראָסניצער) קדושים (פּראָג 1684, אויסגאַב פון אהרן פריימאַן, יאָהרבוך דער ייד. ליט. געזעלשאַפט 1923, ז' 51): „פון צעהין מיי... [מייל ?] זמילט זיך דעז פאָלק גנץ שטרק / עס וואַר גלייך פר זיהר חאגי ד... גרוסי וואכן מרק". עס ווייזט זיך אויס, ווי דעם מחבר וואָלט שוין נישט קלאָר געווען דער מקור פון וואָרט. זע אָבער, אַ שטייגער, אין מגילת

משפחה מפראג (1732): „זאָל דער פּרימוז וואַר צו אַ אַנטוואָרט געבן עס ווער מאָרגן חגא״ (ש. פרידלאַנד, ייווא בלעטער, יאַנואַר־פעברואַר 1938, ז׳ 75) דעס־גלייכן ר׳ בער באַלעכאָווער וואָס ברענגט אַ תשובה פון די פראַנקיסטן: „אמת, אנחנו מוכנים לברר דברי פונקט זה תיכף, רק בתנאי שלא תמהרו תיכף אחרי הוויכוח, אך המתינו במהרה לנו עד אחרי החגא ג׳ מלכים״ (אברהם יעקב בראַ־ווער: גליציה ויהודיה, תשכ״ה, ז׳ 231). טייטש: אמת, מיר זענען גרייט תיכף צו דערקלערן דעם פּונקט, אָבער מיטן באַדינג, אַז איר זאָלט נישט צואיילן דעם שמד אונדזוערען תיכף נאָכן ויכוח נאָר צוואַרטן ביז נאָך דער חגא פון די דריי קיניגן. און וואָס שייך לשון רבים, זע, א. שטייגער, ר׳ אליהו פון גאַנציאַנאַ אין זיין דיספוט מיטן גלח פראַנטשעסקאָ: „בענין השבת גם כן אתם אומרים במקום זכור את יום השבת לקדשו סאַבאַטא סאַנטיפיצים ותפרשוהו על כל החגות בכלל — — אמנם כל אלה החגות אשר אתם שומרים ויתר החוקים נתחדשו לכם״ (אויסגאַב פון יהודה ראָזענטאַל, סורא, תשי״ד, ז׳ 168). אָבער בעיקר איז מען געווען אָפּגעהיטן בלשון יחיד, — ש״י עגנון דערציילנדיק איבערן הונט, בלק, זאָגט: „בין כך ובין כך נתיישב בין הגויים ונתגאל בבישולי עכו״ם ונטמטם לבו ולא הבחין בין חג לחגא״ („תמול שלשום״, ז׳ 297). טייטש: דערוויל האָט ער זיך באַזעצט צווישן גויים, און זיך מטמא געווען מיט טרפות און ער איז פאַרטעמפּט געוואָרן און נישט געוווסט קיין חילוק צווישן יום טוב און חגא. דעסגלייכן דער־ציילט ער: „כשנכנסתי לבית הדואר לא מצאתי אדם שם. לא חג ולא חגא אף על פי כך עמד כמעט ריקן״ (אלו ואלו, תשי״ג, ז׳ רפ״ו). טייטש: אַז איך בין אַריינ־געקומען אין דער פּאָסט האָב איך קיינעם דאָרט נישט געטראָפן, נישט יום־טוב און נישט חגא, פונדעסטוועגן איז זי געשטאַנען כמעט ליידיק. נאָך שאַרפער האָבן מיר עס ביי אים אין אַ דריטפּאַכיקן וואָרט־שפּיל: „נשבת שבתם, חגם חגא ואפר תחת פאר״ (דאָרט ז׳ ת״ה). טייטש: זייער שבת איז פאַרשטערט געוואָרן, זייער יום טוב איז געוואָרן אַ שרעק [= אַ חגא] און אַש אנשטאָט פּראַכט. און אין ליד זע עמי טנא (קשת, זומער תשכ״ד, ז׳ 55):

שְׁעֵה לִתְנוּמָה, הַמֶּלֶךְ, יְשַׁן, יְשַׁן!
לֹא לְךָ הַלַּיְלָה, לֹא חַגְּךָ הַלַּיְלָה
לֵיל חָגָא הַלַּיְלָה, לֵיל שָׂטָן.

טייטש: וועגד דיך צום דרימל קיניג, שלאָף, שלאָף, נישט פאַר דיר איז די נאַכט. נישט דיין יום־טוב איז די איצטיקע נאַכט, אַ נאַכט פון חגא איז די איצטיקע נאַכט, אַ נאַכט פון שטן. דער אויסטייטש פון חגא, ווי דער היפוך פון חג, האָט זיך דער־

האַלטן ביז הײַנט און נישט בלויז אין פּראָזע און פּאָעזיע, נאָר אויך אין אַקטואַלן ווידעראַנאַנד — זע, אַ שטײַגער, אַן אַרטיקל קעגן דעם ערשטן מאַי פון יידישע אַרבעטער, וואָס הייסט: „החגא האדום“, טײַטש: די רויטע כאַגע („חזית העובד“, 1 מאי 1966), ווו דאָס וואָרט איז לשון זכר: „מקורו של חגא זה בחזונו של רוברט אוון האנגלי (1833) שביקש לראות באחד במאי חגו של הפועל. אולם תוקף של ממש ניתן לחגא בתקופה מאוחרת יותר“. טײַטש: דער כאַגע שטאַמט פון ראָבערט אָווענס וויזיע, וואָס האָט געוואָלט דעם ערשטן מאַי זאָל זײַן דעם יום טוב פון אַר־בעטער, אָבער ממשות האָט ער געקריגן אין אַ שפּעטערן פּעריאָד. וואָס שייך אַנדערע העברעיִשע באַנוצן זע די אַרבעט פון ישראל האָרוויץ: צלצולים לחגא (הפועל הצעיר, כ״ז אייר תשכ״ו).

ג

דער באַנוץ מיטן וואָרט חגא אין דערמאָנטן זינען איז אַ פּילפּאַכיקער און מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט כאַראַקטעריסטישע דוגמות, און קודם־כל אַ דוגמה, ווו די כאַגע איז נישט בלויז, ווי אָנגענומען, אַ באַצייכן פון גוײשע, בעיקר קריסט־לעכע, יום־טובים, נאָר ווי אַ באַצייכן פון דעם געצנדינערישן יסוד זייערן — בפתלי גראָס אין זײַן ליד וועגן דעם רויבער דאָבאָש (לידער, 1958, ז׳ 141):

מיידן און די יונגען אין די בערג פון ווילדן וואַלד
ביים אַקער און ביים שניט, ביים טײַך און ביי די נעצן,
ביים הערט און ביים געהילץ, אין חגא פון די געצן —,
די מיידן און די יונגען געוואָרן זענען אַלט

אָבער בדרך כלל זענען דאָס קריסטלעכע, סיי קאַטאָלישע סיי פּראַוואָסלאַוונע, יום־טובים, און שפּילן אַ ראָל אין יידישן סוחרישן לוח; זע, אַ שטײַגער, מ. י. בערדיטשעווסקי: „אַ קרעמער — — אין רעכטן יריד פאַר חגא — — איז שטאַרק פאַרטון אין לײַזען“ (יודישע כתבים, ח״ה, ז׳ 14), אָדער: „מיטן רב האָט ער זיך געקאָנט קריגען, אַז ער האָט געאַסרט צו טאַרגעווען דורך אַנ׳ערלית אום אַ שביעי־של־פּסח, וואָס איז אויסגעפאַלן אין אַ טאָג פון אַ יריד פאַר חגא“ (דאָרט, ח״א, ז׳ 195) אַזוי אויך דער נסתר: „אַזוי דער מאַרק ערב ווינטערדיקע חגאות“ (משפחה מאשבער, 1948, כ״א, ז׳ 28), אָדער י.י. טרונק „ערשט זונטיק און אין די גויאישע חגאות האָט מען ערשט געקאָנט זעען וואָס עס הייסט אַזוינס שפע אין אַ יידישער קרעטשמע“ („סימכע פלאַכטע“, בוענאָס איירעס, 1951, ז׳ 255).

די משלים און ענלעכע ווייזן אַז, ווי ווייט חגא און חגאות זענען אַ טייל פון

יידישן פרנסה־לוח, אָבער מען איז געווען אָפּגעהיטן נישט צו פאַרמישן מיט יידישע יום־טובים. זע, אַ שטייגער, דער נסתר וועגן אַ צעדרייטן, וואָס קומט אַריין שבת מיטן טלית און תפילין צום רב און זאָגט גוט־נאַוונט, און אַז מען זאָגט אים, ווי דער לוח שטייט, גייט אַזאַ מין שמועס (כנ"ל, ח"ב, ז' 31).

— ביי וועמען ס'איז שבת און ביי וועמען — ניש. — —
— וואָס הייסט? איז וואָס־זשע איז ביי אים איצט?
יום טוב? אויף דער וואָך? אָדער, חס וחלילה, חגא?

אָדער ראובן ברײנין וואָס דערציילט וועגן אַ געמישט פאַר־פּאָלק: „ער איז גע־בליבן אַ פרומער קריסט און האָט געהאַלטן זיין אמונה און זי געבליבן אַ פרומע יודינע און האָט זיך געהאַלטן ביי איהר ביסיל יודישקייט. ער פלעגט זיך מאַכן זיינע חגאות און זי פלעגט זיך מאַכן איהרע ימים טובים" (דער יוד, 1901, נו־מער 1, ז' 13).

דער באַנוץ מיטן וואָרט חגא ברייטערט זיך אַמאָל אויס, ביז אין אַ סימבאָ־לישן זינען, ווי, אַ שטייגער, י. ל. פרץ (די נאַכט, שריפטן, תרס"א, באַנד 2, ז' 95):

שאַ, אַ שאָרך! אַח, פליגעל רוישען
אין דער לופט וואָס ערוואַכט?...
אַח, די פלעדער מויז!... זיי לעבען!
זייער חאָגע... זייער נאַכט.

אָבער געוויינטלעך מיינט דאָס וואָרט קריסטלעכע יום־טובים, סיי בכלל סיי בפרט — אַזוי, ברוך גלאַזמאַן: „דער איד זעהט, אַז היינט אָוונט איז עפּעס אַ חגא — — היינט איז ניטל־נאַכט, קריסטמעס, דער געבורט פון גאָטס זוהן. — — האָט איהם אַ געפּיהל פון פרעמדקייט באַפאַלען, וואָס ער פאַרברענגט אַ ניטל־נאַכט אונטער אַ גוישען דאַך" (געזינדיגט, שריפטן, ניו־יאָרק, 1920, ז' 7), אָדער ישעיה שפּיגל: „אויף די חגאות פלעגן אָנקומען — — מתנות — — אַ האַלבן שאָק חגא־אייער" („מענטשן אין תהום", 1949, ז' 11).

ד

קערן מיר זיך אום צו אונדזער ווערטל, כדי צו דערקלערן, אַז אין זיין פאַר־פולאָרן באַנוץ, איז דער עיקר־משל נישט בלויז די חגא נאָר אויך די קלינגעריי, דער גלאָק אָדער די גלעקער, וואָס זייער נמשל זענען לייטישע מיילער, וואָס אויב די פאַרנעמען זיך מיט עמיצן, האָט עס אַ גרונט. זע, אַ שטייגער, מענדעלע: „אַפּנים

ס׳איז עפּעס געשעהן. אַז מען קלינגט איז אַחגא״ („דאָס קליינע מענטשעלע, ווילנע, תרל״ט, ז׳ 9), אָדער שמ״ר וועגן אַ געשטאָרבענער יידענע וואָס איז אַרויס פון קבר און דרייט זיך אַרום: „געלעכטער אָן אַ זייט — — איהר ווייסט דאָך אַז מען קלינגט איז אַחגע, אַז אייער פריינט שרייבט דאָס אייער ווייב געהט אַרום מוז דאָך עפּעס זיין״ („דער כשרער ייד״, וואַרשע, חש״ד). און זע אַ באַזונדערע פּסיכאָלאָגישע סיי־טואַציע — דער נסתר: „ס׳מאַכט ניט אויס — — וואָס ס׳איז נאָר אַ קלאַנג: ווייל, ערשטנס, אַז ס׳קלינגט איז אַ חגא... און מעגלעך גאָר אַז יענער האָט אַליין אַרויס־געלאָזט אַ קלאַנג, כדי צו האָבן אַ תירוץ פאַר זיין שטשערבאַטן און קאַליע געוואָ־רענעם רושם און זיך קאָנען זאָגן, אַז ווי באַלד ס׳קלינגט שוין סיי ווי סיי, און ווי באַלד מ׳האָלט אים שוין אַזוי אויך פּעאיק אויף שווינדל, איז פאַר וואָס זאָל ער טאַקע ניט שווינדלען אויף אַן אמת״ (כנ״ל, ח״ב, ז׳ 163). דאָס הייסט, אַז ער נעמט אָן, אַז דער עולם הערט אַ קלאַנג, אַ שמועה, נעמט ער אָן אַז עס איז אַ ממש, און ער לאָזט אַליין אַרויס אַ קלאַנג איבער זיך, כדי ער זאָל זיך וואָס מער פאַרשפּרייטן. ווי שרייבט עס יעקב גאָרדין: „מען קען לייטען ניט פאַרשטאָפּען די מיילער, עס זאָל ניט זיין אַ פריטשעפּקע, וואָלט מען ניט גערעדט, און אַז מען קלינגט איז אַ חגא״ („סאַפּפאָה״, וואַרשע, תרס״ח, ז׳ 42).

די קלינגערייי אַליין קאָן זיך אַליין איר שטעטל באַשטייך, און קאָן זיך באַ־גיין נישט דערמאָנענדיק סיי אַ גלאָק סיי אַ חגא, אָבער דעמאָלט איז זי אויסן נישט בלויז גנאי נאָר אויף שבת. אויב מען זאָגט, ווי עס טוט, אַ שטייגער, א. מ. דיק: „מיר האָבין דיזין מוכיח זייער גוט גיקאָנט דען עש האָט מיט אים דאָן גאַנץ בער־לין אויף גיקלונגען״ (דיא דינסט־מיידעל, ווילנע, תרכ״ח, ז׳ 95 וצ״ל: 51); אָדער „מיט דיזער שאלה האָט פאַר קלונגען דיא גאַנצע שטאָט בערלין אונ זיא האָט גי־מאַכט אַגרוישע ווירקונג״ (דאָרט, עמ׳ 96 וצ״ל: 52), אָדער: „אויף מאָרגין האָט מיט דיזער געשיכטע שוין די שטאָדט געקלונגען״ („דער פלעט אויף שבת״, דאָרט, ווילנע, ז׳ 45); אָדער: „עס האָט מיט דיעזער געשיכטע דיא שטאָדט פאַר קלונגען״ („די שעהנע העלענא דיא צווייטע״, חמ״ד, חש״ד, ז׳ 48), נאָך מער: „שלמה המלך ע״ה [= עליו השלום] וואָש זיין נאָמען קלינגט פון איין עק וועלט ביז צו דעם אַנ־דערען עק וועלט, אונ וועט ניט פאַר געשען ווערין לדור דורים״ (הנסיון, ווילנא, תרט״ז, ז׳ 3) — פאַרשטייען מיר פון דעם קאָנטעקסט, אַז די קלינגערייי איז לטובה, דער נסתר שרייבט: „ביים אָפּטאָן אָפּט זייער נישט קיין שיינע זאַכן, וואָס די שטאָט האָט מיט זיי דערנאָך געקלונגען און לאַנג געהאַט צו רעדן״ (משפחה מאשבער, 1948, כ״א, ז׳ 198) פאַרשטייט זיך פון קאָנטעקסט, אַז די קלינגערייי איז לרעה, אָבער אין אַן אַנדערן זינען ווו דער גנאי גייט איבער צו שבח: „און זיין שלעכ־

טער נאָמען — — וועט איצט גאָר אַנדערש, אויף גאָר אַן אַנדער אופן אָנהויבן קלינ־גען״ (דאָרט, ז׳ 171).

פאַרשטייט זיך, אַז מען קען דאָס קלינגעריי מיט דעם זעלבן עפעקט, פאַר־בייטן אויף טראַמייטעריי, פויקעריי וכדומה; זע, טאַקע ווידער ביי א. מ. דיק: „נון וואָס דאָרט אומאַרמונג איבער אומאַרמונג, גיוויין איבער גיוויין, פריידין אי־בער פריידין, אין איינער שטונדע דער מיט אויף גיפויקט דיא גאַנצע קאַלאניע״ („דער אַפּעקון״, ווילנע, תרל״ג, ז׳ 50). פונקט ווי עס פאַרשטייט זיך, אַז פאַרקלונגען האָט אויך אַן אַנדערן באַטייט, ווי פאַרטויבן, פאַרלישן וכדומה, זע אַ שטייגער, י. י. לינעצקי: „די ווערטער פאַרטומלען, די מליצות פאַרקלינגען די אויערן״ (כתבים, 1876).

ה

קלינגען, פאַרקלינגען, אויפקלינגען ווי מיר זעען איז אַ זאַך, וואָס רופט אַרויס אַ באַזונדערן אויפמערק, און מיר האָבן עס, גריילעך, אין כלערליי שפּראַכן, און אָט אַ בולטע דוגמה, ווו דאָס זעלבע קלינגעריי פון אַ גלאָק, און טאַקע אַ קלויסטער־גלאָק ווערט פאַרשיידען אויסגעטייטשט — אַן אוקראַיניש ליד דערציילט איבער אַ פּאָפּ, קאַרטשעווסקי, וואָס האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ וואָלפענער פעל, כדי צו סטראַשן אַ פויער, קיריק, ער זאָל אים געבן אַ געפונענעם אוצר; איז אָבער די פעל צוגעוואַקסן צום פּאָפּס לייב און אַזוי האָט מען אים, צו זיין גרויסער חרפה, ארומ־געפירט און אַלץ האָט געגאַפט אים זעענדיק. דער פּאָפּ איז געוואָרן אַ שם־דבר און יוליאַן קשיזשאַנאָווסקי אין זיין בוך איבער דער פוילישער פאָלקס־מעשה גיט אים אָפּ אַ באַזונדערן פּלאַץ (מאָטיוו 831 וואָס באַזירט אויף דעמזעלבן נומער ביי אַרנע־טאָמפּסאָן) און ברענגט זיבן וואַריאַנטן. אונדז דאָ אינטערעסירט מ. לעווטשענקאָ, וואָס באַשרייבט די מעשה, אין זיין אַרבעט וועגן קיריק ווי אַן אַנטי־פּראַוואָסלאַ־ווישע, אוניאַטישע, שאַפונג (עטנאָהראַפּיטשעסקי וויסטניק, קיעוו, 1927, באַנד 5, ז׳ 80). עס זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן פּאָפּעס, יידן, סוחרים, אַ יעדער האָט אַ קוק געטאָן, שוסטערס, שניידערס, אַ בעל־מלאכה איז אין שטוב נישט אייגעזעסן, W katolyczeskym sobori na zbor dzwonyły/Dektori dumały szczo horod zaniawsia. A ynszi, szczo żydywskyj Myszyasz narodywsza.

טייטש: אין קאַטוילישן קלויסטער האָט מען צו אַ פאַרזאַמל געקלינגען, עטלעכע האָבן געמיינט, אַז די שטאָט האָט אָנגעכאַפּט אַ שריפה; אַנדערע, אַז דער יידישער משיח איז געבוירן געוואָרן (דעם מחבר האָט זיך פאַרמישט דאָס יידישע בילד אי־

בער קומען פון משיח, און דאָס קריסטלעכע בילד איבער זיין געבוירן ווערן), און אַפילו אַז מען האָט שוין געזען, ווי מען פירט דעם פּאָפּ אין דער וואַלפנפעל (דער מחבר גיט אים אויך צו הערנער) האָט מען געמיינט, אַז מען האָט געכאַפּט דעם שטן. על כל פנים לערנען מיר אָפּ, וואָס זענען די אויסטערלישע סיבות פון אַ קלינגעריי.

איז אָבער נאָך דאָ אַן אַנדער ווערטל, וואָס האָט צו טאָן מיט גלאָק און קלינגעריי: ער הערט קלינגען און ווייסט נישט אין וואָס פאַר אַ קלויסטער, לרוב באַנוצט מען עס איבער איינעם וואָס זאָגט עפּעס, אָדער חזרט עפּעס איבער, און ווייס נישט בשלימות זיין מקור, שורש אָדער באַטייט און כוונה. עס איז אַן אַלגעמיין באַקאַנטער זאָג, אַזוי, אַ שטייגער, פּויליש: **Słyszał że dzwonią ale nie** wie w jakim kościele. אָדער אומדערמאָנענדיק דעם קלויסטער, דייטשיש: Er hat läuten hören, weiss aber nicht wo die Glocken hängen [= ער האָט געהערט קלינגען, ווייס אָבער נישט ווו די גלעקער הענגען]. און אין געגראַמטן נוסח, רוסיש: Słuszał zwon, da ne znajet gde on [= ער האָט געהערט אַ גלאָק, ווייס אָבער נישט, ווו ער איז], עפּעס ברייטער ברענגט מאַרטין לוטער: hat hören lauten, aber nicht zusammenschlagen, aber ihr wisst nicht in welchem Dorf [= ער האָט געהערט קלינגען, אָבער נישט צוזאַמענשלאָגן, אָבער איר ווייסט נישט אין וואָס פאַר אַ דאָרף]; אָבער יידיש איז באַקאַנט אויך אַן אַנדערער נוסח: ער האָט געהערט קלינגען און ווייס נישט און וואָס פאַר (אַ) וואַלד; אַזוי ווי איך האָב עס אין מיינע קאַנטן נישט געהערט, האָב איך געקלערט, אַז אפשר מיינט דאָ קלינגען דעם קלאַנג פון אַ פויגל אָדער פון פייגל, זענען דאָך קלינגען און זינגען אַ סך מער ווי סתם אַ גראַם־פּאָרל, שרייבט אָבער ר׳ שמשון הלוי בלאָך אין אַ בריוו צו ר׳ יעקב שמואל ביק: „הנני נושא עליך משל ההמוני: שמעת צלצל פעמון ולא ידעת באיזו חורשה״ (נוספות למאסף, תקמ״ד, ז׳ קמ״ה); טייטש: דו האָסט געהערט דעם קלאַנג פון אַ גלאָק אָבער ווייסט נישט אין וואָס פאַר אַ וועלדל. פון דער דעפיניציע פון ווערטל איז קלאָר, אַז ער האָט עס געהערט יידיש. עס איז אָבער שווער צו אַנטשיידן, ווו — אויב אין זיין געבוירנשטאָט, קיליקיוו, אָדער אין שטעט, ווו ער האָט שפּעטער פאַרבראַכט, בעיקר לעמבערג און זאַמישטש. — האָט טאַקע י. ל. פּרץ: „ער האָט געהערט נאָר קלינגען אין וואַלד און ווייסט נישט ווו״ (אַלע ווערק, 1947, באַנד 7, ז׳ 19).

וואָס שייך ווייטער דעם דערמאָנטן גראַם־פּאָרל האָבן מיר עס איז זאָג: ער הערט קלינגען און קען עס נישט נאָכזינגען, ווי עס ברענגט, אַ שטייגער, ישראל אַקסטענפעלד: „אַ חוץ דעם האָט אין דייטשלאַנד מיכל אַ ווילד פרעמדער, ער קען

ניט אַזוי קיין שום מענטשן ניט. כאָטש איטליכן יידן אין דער היים, אין די פּוילישע מדינות, דאַכט זיך: „אַ, אַז דער פריץ שמועסט דייטשעריש, וועל איך דאָך אים קאָנען זאָגן אַלצדינג" — באַלד אַזאַ ייד קומט קיין דייטשלאַנד, הערט ער קלינגען און קאָן ניט נאָכזינגען. ער הערט ריידן צווישן די ווערטער אַ פּאַר, ווי עס דאַכט זיך, גאָר ווי יידיש; פאַרט פאַרשטייט ער נישט, וואָס דער דייטש וויל און וואָס דער דייטש מיינט" (כנ"ל, ז' 101). אָבער בדרך כלל מיינט דאָס וואָרט קלינגען אין דעם זאָג — אַ ידיעה, אַ שמועה, אַ תורה, וואָס דער הערער קען עס נישט לייטיש איבערגעבן.

מען דאַרף אויך נישט לאָזן אומדערמאָנט, וואָס איך האָב שוין געבראַכט אין מיין בוך קערת צימוקים, סי' 685 — מרדכי גאָטפריד איז געקומען פון זיין געבוירנשטעטל היווניב (אוהנאָוו) קיין בעלז, האָט זיך אַ מיידל געוואָלט פאַר אים אויספּיינען, אַז זי איז בקי אין פרידריך שילער, וואָס דאָס איז, כידוע, געווען אַ מין לעגיטימאַציע פאַר משכילישקייט, האָט זי אַ זאָג געטאָן: און איך האָב געלייענט Die Glocke, האָט ער איר געזאָגט: אפשר האָט איר זי געהערט, אָבער נישט געלייענט. משמע, אַז זי האָט געהערט דעם קלויסטער־גלאָק אָבער נישט געלייענט יענע פּאָעמע. און מעגלעך אַז אַהער געהער אויך, וואָס איך האָב יינגלווייז געהערט איבער איינעם וואָס האָט געקענט די פּאָעמע אויסנווייניק און אַז ער האָט זי געענדיקט מעמאָרירן, האָט מען אים געזאָגט: די גלאָק איז פאַרטיק, און עס איז אַ וואָרט־שפּיל מיטן זאָג: די קלאָג איז פאַרטיק, און איז אפשר אין אונדזער שטאָט פאַרטראָגן געוואָרן פון קאַנטן ווי קלאָג קלינגט נישט klug נאָר klog.

ו

צוריקקומענדיק צו אונדזער גרונט־ווערטל: אַז עס קלינגט איז חגאַ, ווילן מיר איצט באַמערקן אַז יוסף טשערניאַק, ברענגט עס אין זיין געזעמל (יידישע שפּראַך, סעפּטעמבער 1965, ז' 57, סי' 82) און דערקלערט עס: אַז מען רעדט איז עפּעס אַן אמת דערביי, ברענגט אָבער אויך אַן אַנדערע ווערסיע (סי' 83): אַז עס קלינגט איז אָדער אַ חגאַ אָדער אַ פּגר. דאָס לעצטע וואָרט מיינט אַ גויישן מת — אַז דער גלח גייט צום גוסס מיט די הייליקע סאַקראַמענטן, גייט פאַר אים דער דיאַק אָדער דער מיניסטראַנט און קלינגט און דער גוישער עולם צלמט זיך איבער און קניט, אַז מען ריכט אָפּ די לוויה, קלינגען די קלויסטער־גלעקער ווי אויך די מיניסטראַנטן וואָס גייען פאַר דעם קאַראַוואַן. אָבער איך האָב קינדווייז געהערט אַ געגראַמטן זאָג: אַז עס קלינגט איז אָדער דער זייגער אָדער אַ

פגר, און מעגלעך אַז דער זייגער מיינט דעם שטאָט־זאָגער. אויב ווייטער גראַמען דאַרף מען דערמאָנען דעם זאָג וואָס איך האָב געהערט פון מיין פעטער, ר' בונעם סיטנער, אַ וואָלינער: אַז עס קלינגט איז אָדער חגא אָדער טרעוואָגע, און דאָס לעצטע וואָרט איז סלאַוויש, ווי אַ שטייגער פויליש: trwoga [= אַ פּחד], מיינט אָבער, אַזוי ווי אין רוסיש trewoga, אַ ליאַרם, אַ געפּילדער, אַ געוואַלד, און אַז מיר דערמאָנען זיך אַז דאָס וואָרט חגא, הייסט אין תרגום דחלא = אַ שרעק און ביי יהואש: אַ דערשרעקעניש, אַזוי אַז חגא און טרעוואָגע זענען אידענטיש קענען מיר זיך נישט אָפּהאַלטן פון שטוינען, דוקא ווייל עס איז אַ צופאַליק באַגעגעניש. דער באַנוץ: מען קלינגט אויף טרעוואָגע, איז גליך ווי דער באַנוץ: מען קלינגט אויף [= אָדער: נאָך] געוואַלט; זע, אַ שטייגער, דער נסתר: „דאָס אַלטע, רויט דעכלדיקע קלויסטערל, פון גאָטישן סטיל, וואָס קלינגט נאָך־געוואַלד בעת אַ שרפה" (כנ"ל, כ"א, ז' 41). צום ענין קלינגען און שרפה זע אויך וועגן איינעם וואָס קען נישט שלאָפן און וואַרטשעט (דאָרט, כ"ב, ז' 158):

— האָ? וואָסי? — האָט דאָס ווייב פון אַקעגנאיבערדיקן בעט זיך
אַלע מאָל אויפגעכאַפּט אַ דערציטערטע פון זיין אויסגעשריי —
וואָסי? ס'קלינגט? ס'ברענט?

— ווער ברענט? וואָס ברענט? ס'ברענט ניט!

— וואָס־זשע שרייסטו?

— איך ברען!

און מיר וועלן פאַרענדיקן מיט פּאָעטישע באַנוצן — אַזוי חוה ראָזענפאַרב און איר ליד וועגן איציק מאַנגער (קענעדער אָדלער, כ"ב טבת תשכ"ה):

פליט דער פויגל איצט אַרום
דורך וועלטן רייך און הוטשנע —
וואָס העכער ס'קלינגט דער חגא גלאָק
דאָס מערער ווערט אים סקוטשנע

און צוויי באַנוצן פון משה נאַדיר — דער ערשטער באַנוץ איז אַ בייסיק־איראָנישער נאַדירגאַנג, 1937, ז' 15):

פּיט סטריט / ריט סטריט / ווילעט סטריט /
סטענטאָן און ריווינגטאָן — / זיינע טראָגן קיינע פּאָנען ניט /
נאָר ס'איז חגא — קלינגט מען.

דער אַנדערער באַנוץ איז אַ סימבאָליש־סאַטירישער (מודה אני, ניו־יאָרק, 1944, ז׳ 101):

עס וויגט זיך די אַלטע בענקשאַפט,
ים־גלעקער קאַפּעט אַרומטער
אין אַרבעס זופּ פּאַגע,
די אַסיען חגא.

צוריקקומענדיק צום ענין חגא און זיין אַפּקלאַנג אין דער יידישער גאַס זע, אַ שטייגער, מאיר גערטנער: „אַריינצוצולאָזן זיך אין אַ געראַנגל מיט גויים, שיכורים נאָך דערצו אין זייערס אַ חאַגע־טאָג" (דער זיידע מרדכי, סעפּאַראַט פון „לשון און לעבן", 1964, ז׳ 3); אָבער י. מ. לעווין: „אַ טריט בלויז אַ קליינער פון „מקום"ס געסעלעך פּאַלאַצלעך / אין חגא׳ס צעברומטע מיט פרום גלאָק־געקלאַנג / טומלען זיך יידישע געסלעך און פּלעצלעך / מיט זייער פשוטן יידישן, טעגלעכן גאַנג" (יידיש וואַרשע, דער לאַנדסמאַן, ראש השנה תשכ"ז). צום סוף אַ דוגמה פון דער יידיש־סאָוויעטישער פּאָעזיע — משה טייף איבער אַ לוויה פון אַן אַלטן מעטאַליסט און זיינע יורשים: „פון די, פון יענע, וואָס אָפּן לונג — דאָס אָפּן צונג / ניט יענע יאָרשים, וועלכע וואַרפן זיך ווי שפּאַרבער, / ווען זיי דערפרייט דער לאַנג דער־וואַרטער קלונג — / דער גרויסער נאָגיד האָלט ביים שטאַרבן" (סאָוועטיש היימ־לאַנד, 1966 (5), ז׳ 69).

און גאָר צום סוף וועגן קלונג אין וואַלד, וואָס איז, ווי מיר האָבן געזען, אַריין אין אונדזערס אַ זאָג — מעגלעך, אַז עס האָט אַ שייכות מיט די לעגענדעס וועגן איינגעזונקענע קלויסטערס, וואָס איבער זיי איז אויסגעוואַקסן אַ וואַלד, און עס הערט זיך צומאָל דער קלאַנג פון די גלעקער פון דער וואַלד־טיפעניש, וואָס טראָגט זיך אין דער הויך און צעשפּרייט זיך גאָר ווייט. זע, א שטייגער, די באַלאַדע פון לודוויג אוהלאַנד „דיע פערלאָרענע קירכע". אָבער דער מאָטיוו, וואָס האָט אַ יידישע פּאַליע, איינגעזונקענע בתי מדרשים, איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

10. אַליין און ריין

א

אַליין איז די נשמה ריין — איז אַ געגראַמט ווערטל, וואָס איז, ווייזט אויס, פאַרשפּרייט אין כלערליי קאַנטן, און ווערט, בדרך־כלל, באַנוצט, ווען איינער וויל דערקלערן אָדער זיך פאַרענטפערן, פאַר וואָס ער איז נישט איינגעגאַנגען אין אַ שותפות, און בעיקר פאַרוואָס ער וויל וווינען אַליין, האַנדלען אַליין, טאָן אָדער בכלל זיין אַליין. ביי בערנשטיין־זעגל איז עס נישטאָ, פאַרקערט, אין די צוויי ווערטלעך וואָס ער ברענגט איז די אַלייניקייט גאַרנישט לשבח נאָר לגנאי; אַזוי ס׳ 167: אַליין קען מען עסן, אָבער נישט אַרבעטן; און בעיקר ס׳ 166: אַליין איז אַפילו אין גן־עדן אויך ניט גוט צו זיין, און עס ווערט דערצו גאַרנישט באַמערקט, מסתמא וויל מען האָט אָנגענומען, אַז דער לייענער וועט ממילא פאַרשטיין, דאָס דער מקור איז אין פּסוק: כי לא טוב היות האדם לבדו [= עס איז נישט גוט דער מענטש זאָל זיין אַליין], און עס האַנדלט זיך דאָך וועגן אדם הראשון און אין גן־עדן. דאָס ווערטל האָבן מיר אויך אין דער מאָדערנער ליטעראַטור ווי אַ שטייגער, דער אומאַניער מ. ספּעקטאָר: „אמת, צו פאַרברענגען אַ פּאָר חדשים אויף אַ זומער־וווינונג — — איז אַוודאי אַ גן־עדן, אָבער אין גן־עדן איז אויך נישט גוט אַליין צו זיין" („אויפן שליאָך פון לעבן", 1928, ז׳ 172); אָבער אויך אונדזער ווערטל האָבן מיר אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, און אַפילו אין איר אָנהייב — ישראל אַקסנפעלד, אַ ניעמיראָווער: „זי, פּיני, האָט געהאַט איר שטיבעלע אין הינטערגעסל. „אַליין איז די נשמה ריין", פלעגט זי זאָגן, דעריבער האָט זי ניט געהאַלטן קיין שום שכן אין איר שטיבל" („דאָס שטערנטיכל", אויסגאַב מאיר ווינער, מאָסקווע, 1938, ז׳ 143). ווי ווייט דאָס ווערטל לעבט ביז־איצט לאָזט זיך אַרויסדרינגען פון אַ גאָר נאָענטן באַנוץ, ווו עס איז איבערגעזעצט געוואָרן — יצחק שרייבט אין איינער פון זיינע הומאָרעסקעס: „אני, כידוע לך, אינני מן הנלהבים לשותפות (אמא עוד פחות ממני), וכשעמדתי לפתוח בית־מסחר עם

שותף, ידיד וריע ואח, התנגדה אמא בכל תוקף והדבר לא יצא אל הפועל „לבדך — טהורה נפשך״ — אומרת היא״ („ארבע קושיות״). טייטש: איך, ווי עס איז דיר באַוווּסט, בין נישט פּאַכאַפּנע אויף שותפות (די מאַמע נאָך ווינציקער פון מיר), און איך האָב געהאַלטן ביים עפּענען אַ געשעפט מיט אַ שותף, אַ פריינד און אַ גוטן ברודער, האָט זיך די מאַמע מיט אַלע כוחות אַקעגנגעשטעלט און די זאַך איז נישט צושטאַנד געקומען. אַליין איז דיין נשמה ריין — זאָגט זי.

ב

ווי מיר האָבן געזען, הייסט יצחק יצחק׳ס דערמאָנטע הומאָרעסקע: פיר קשיות, ווילן מיר צושטעלן אַ פינפטע — צי האָט זיין איבערזעץ אַ האַפט, און ווילן תיכף ענטפערן: ניין. און דאָס צוליב אַ פּשוטן טעם: דאָס יידישע ווערטל גופא איז נישט מער ווי אַן איבערזעץ פון אַ שטעל, פון תפילת שחרית; נאָכן רבון כל העולמים, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט די ווערטער פון קהלת: ומותר האדם מן הבהמה אין כי הכל הבל [= און דאָס איבריקע אין מענטשן פונעם פיך איז גאָר־נישט בעוויל אַלץ איז אייטל] גייט אין אשכנזישן נוסח: אבל אנחנו בני בריתך [= אָבער מיר די קינדער פון דיין זיכערהייט], אָבער אין ספרדישן נוסח ווערט נאָך די ווערטער: כי הכל הבל, געבראַכט: לבד הנשמה הטהורה שהיא עתידה ליתן דין וחשבון וכו׳ [= לבד דער ריינער נשמה וואָס וועט אָפּגעבן רעכנשאַפט אאַז״וו]. און עס דאַרף נאָך באַמערקט ווערן, אַז אין געוויסע ברייטע קאַנטן, האָבן אויך אשכנז־דאַווענערס שטיל געזאָגט די דריי ווערטער: לבד הנשמה הטהורה, ווי עס געפינט זיך טאַקע אין כמה סידורים. און איצט דאַרפן מיר זיך בלויז דער־מאָנען, ווי אַזוי עס איז געגאַנגען דער טייטש פון די דריי ווערטער: לבד — אַליין, נשמה — די נשמה, הטהורה — ריין, כדי מיר זאָלן מכוח אַ מינימאַלן סינטאַק־טישן סדר באַקומען אונדזער ווערטל: אַליין (איז) די נשמה ריין.

אָבער מיר טאָרן ניט פאַרגעסן, אַז דאָס וואָרט: לבד — אַליין האָט גרונט־טיק, דאָס הייסט אין סידור, נישט דעמזעלבן באַטייט, ווי אין ווערטל. כדי זיך דאָס קלאָר צו מאַכן, דאַרפן מיר געדענקען, אַז דאָס יידישע אַליין, צוגלייך מיטן דייטשישן allein, האָט צוויי באַטייטן: — דער ערשטער באַטייט ווי אַן אַדיעקטיוו, און דעמאָלט הייסט ער: אָפּגעזונדערט, סעפּאַראַט; דער אַנדערער באַטייט ווי אַן אַדווערב, און דעמאָלט הייסט עס: נאָר, בלויז. דער פאַרמיש פון די באַטייטן איז זייער מעגלעך, שוין מחמת דעם, וואָס אויפן אַדיעקטיוו allein = אַליין איז נישט חל קיין פלעקסיע; דהיינו, מיר קענען נישט זאָגן, אַז ער איז אַליינער און אַז זי

איז אָדער מיר זענען אַליינע, נאָר אין אַלע פעל איז דער באַנוץ אַליין, און דאָס איז אויך חל אויף ליבשאַפטלעכע דימינטיוון ווי אַליינעניו, אַליינענקע, וואָס זע־נען, בעצם, אַדווערבן. אמת, מ. מ. שאַפּיר הויבט אָן זיינס אַ ליד: „זאָג מיר בוים, דו ביימעלע / — — שרעקסט זיך ניט אין פעלד אַליין״ און פאַרענדיקט: „און איך ווער מיט יעדן טאָג / עלנטער, אַליינער״ (אין בוך „איך קום אַהיים״), אָבער דאָ האָבן מיר אַ קאָמפּאַראַטיוו, און עס איז אַ פּאָעטישע ליצענציע, ווי עס איז אפשר אויך דער באַנוץ מיט דער פאָרעם alleinig = אַליניק; זע, אַ שטייגער, מאַני לייב: „זיצט אַ העזל/ גרוי, אַליניק, קייט אַ גרעזל״. מעגלעך, אַז דער חשש פון אַזאַ פאַרמיש צווישןביידע גראַמאַטיקאַלישע פורעמס האָט עס אין דייטשיש גע־בראַכט צו דער טאַוטאָלאָגיע: bloss allein, nur allein אָבער עס איז מער ווי זיכער, אַז פון דעם פאַרמיש איז אונדזער ווערטל אַרויסגעוואַקסן.

ג

און מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז אין יידיש האָט זיך אַליין דערהאַלטן בעיקר ווי אַן אַדיעקטיוו, בשעת עס איז ווי אַן אַדווערב גאָר זעלטן, סיי אין זינען פון אָבער, נייערט, אַפילו, און סיי אין זינען פון נאָר, בלויז, און עס איז דאָ אַ קליינער סינטאַקטישער חילוק — בתורת אַדיעקטיוו זאָגן מיר: איך בין נישט געקומען אליין, בתורת אַדווערב ווייטער זאָגן מיר: אַליין איך בין נישט געקומען, און בנוגע דעם אַדווערב וועלן מיר ברענגען דריי דוגמות — איינע אַביסל אַן על־טערע פון יעקב גאָרדין: „אַליין ר׳ עקיבא עליו השלום איז דאָך באַ דיר קאַי און שפאַי״ („אלישע בן אבויה״, אויסגאַב 1910, ז׳ 12); צוויי יינגערע, פון דער נסתר: „און אַליין משה, וואָס דער טאָג איז אים היינט שווער געוואָרן — — אַליין, משהן זאָגן מיר, איז דעמאָלט נאַטירלעך גאָרניט געבליבן״ („משפחה מאַשבער״, 1948, באַנד 1, ז׳ 191); „אַליין דער ריח, וואָס האָט פון אים אַ גיי געטאָן, האָט אַלעמען אין דער נאָז אַ זעץ געגעבן״ (דאָרט, ז׳ 391).

און צולעצט קערן מיר זיך אום צום מקור, צום סידור, און ווילן באַמערקן, אַז דער נוסח האָט זיך איינגעעקבערט אין זכרון מכוח אַ פּאָפּולאַרן מוסר־ספר וואָס איז מזהיר, מען זאָל נישט אָנהויבן קיין קויט פון עסן און טרינקען און נישט פאַר־אומרייניקן דאָס געהירן און דאָס האַרץ, וווּ עס וווינט די נשמה, פאַרקערט מען זאָל דעם קויט פאַרטרייבן „דמותר אדם מן הבהמה אין לבד הנשמה הטהורה״ (שבט מוסר, קושטנדינא, תק״א, דף ט״ו ע״ב); טייטש: דאָס איבריקע אין מענטשן פונעם פיך איז גאָרנישט, אַליין [= בלויז, נאָר] די נשמה די ריינע.

11. אַ קאָפּ יצר הרע

א

זאָל איך גאָט אָפּהיטן ווען עס צושפּילן [= **צעשפּילן**] זיך די געבליטן — **איז אַ געגראַמטער זאָג וואָס עס איז מיר קינדווייז אויסגעקומען צו הערן בשעת אַמפּערייען פון שיכורע גויים אין אונדזער דאָרפסקרעטשמע; אַמפּערייען וואָס זענען לרוב אַריבער צו בלוטיקע געשלעגן און האָבן זיך נישט איינמאָל פאַר־ענדיקט מיט אַ געהרגעטן. אָבער איך האָב שפּעטער דעם זאָג נישט באַגעגנט, נישט אין דער ליטעראַטור און נישט אין די געזעמלען פון ווערטלעך; נאָך מער, דאָס וואָרט** געבליטן, **וואָס איז אין יידיש שכיח כמעט בלויז אין לשון רבים, און שטאַמט פון** מיטלהויכדייטשישן gebluete **און מיינט** גרונטיק בלוט, **אָבער ווערט באַנוצט אין זינען פון היציקן טעמפּעראַמענט, אויפברויז פון כעס, ברען פון תאווה, האָב איך, חוץ דעם דאָזיקן געגראַמטן זאָג, נישט מער געהערט אין דער רייד־שפּראַך פון מיין געבוירן־סביבה. ווי געבליטן ווערט אויסגעטייטשט לאָזט זיך אָפּלערנען** ביי מענדעלע, **וואָס שרייבט אין יידיש־טעקסט: „אונ אַז בנימינין פלעגט טענהדיג** זיך צושפּילען דיא געבליטען, **פלעגט ער ווערין פלאַם־פייער"** (מסעות בנימין השלישי, ווילנא 1878, סטערעאָטיפּ 1904, ז' 60) **און אין העברעיש־טעקסט: „וכשהתחילו** דמיו **של בנימין מרתיחין בשעת טענותיו ורוחו מתלהטת כאש להבה". אָבער דער באַטייט איז מער ווי קלאָר פון עצם קאָנטעקסט און בעיקר פונעם ווערב: זיך** צושפּילן [= **צערשפּילן], וואָס האָט דערמאָנט דעם זאָג**: די שוואַרצע יוכע [= **בייז בלוט**] האָט זיך אין אים צושפּילט; דער כהן [= **דער כעס**] האָט זיך אין אים צושפּילט [= **צערשפּילט**]; עשיו [= **דער גוי**] **אָדער**: עשיוס שוואַרצע גבורה האָט זיך אין אים צושפּילט [= **צערשפּילט**] **וכדומה.**

ב

אָוודאי האָט זיך נאָך קינדוויז געוואָלט פאַרשטיין דער ממשדיקער פּירוש פון זיך צושפּילן און עס איז נישט געווען לייכט, בפרט נאָכדעם ווי מען האָט זיך היפּש און געגוג אָנגעהערט: דער יצר הרע איז ווי אַ קינד, אַז ער צושפּילט זיך, קען מען אים נישט איבערשלאָגן. מילא, דאָס וואָרט איבערשלאָגן האָבן אַפילו מיר קינדער פאַרשטאַנען, ווייל גאָר אָפט, ווען מיר האָבן נישט געהאַט געגוג געדולד אויסצוהערן וואָס טאַטע־מאַמע אָדער זיידע־באָבע וכדומה זאָגן, און האָבן אַרייַנגע־וואָרפן אונדזערס אַ וואָרט, האָט מען אונדז אָפּגעפּאַרסקעט: ווען עלטערס רעדט, שלאָגט מען נישט איבער, עס האָט געמיינט דאָס זעלבע ווי, אַ שטייגער, עס באַנוצט אברהם גאָלדפאַדן: „ער איז פאַר טיפעט אין זיין חכמות — — אַ טהייערער קאָפּ אַ געשליפענער מוח, מע טאהר איהם נישט איבער שלאָגען” (דיאביידע קוני לעמיל, וואַרשע, תרמ״ז, ז׳ 46).

אמת, עס האָט זיך ביי אונדז, קינדער, געקאָנט באַמבלען אַ קשיא, וואָס מיינט עס, בעצם, איבערשלאָגן, און וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס בכלל צו שלאָגן, גלייך מיר וואָלטן, חלילה, געווען בחינת סורר ומורה וואָס שלאָגן, חס ושלום, טאַטע־מאַמע. אָבער, באמת, האָבן מיר די דאָזיקע קשיא געקאָנט קלערער פרעגן ערשט אַ סך שפּעטער, ווען מיר זענען שוין מסוגל געווען זיך נאָכצופרעגן פון וואַנעט האָט זיך דאָס וואָרט איבערשלאָגן גענומען, נאָכדעם ווי אין דייטשיש האָט überschlagen אַ היפּש קרענצל באַטייטן, אָבער נישט דעם באַטייט וואָס אין יידיש. דען דער דאָזיקער באַטייט פון איבעררייסן עמיצן דעם שמועס, גייט גאָר פון סלאַוויש — אַלפרעד לאַנדוי, אין זיין אַרבעט איבער די סלאַווישע עלעמענטן און השפּעות אין יידיש, ברענגט („פילאָלאָגישע שריפטן”, באַנד 2, ז׳ 205): איבערשלאָגן — איבעררייסן יענעמס רייד unterbrechen (פויליש przeszkadzać), און מאַקס וויינרייך האָט, מיט רעכט, באַמערקט דערצו (דאָרטן), אַז דאָ דאַרף אפשר דער־מאָנט ווערן דאָס רוסישע perebywat׳ אָבער מיר דוכט זיך, אַז עס איז גיכער דאָס אידענטישע אוקראַיִנישע perebyty, perebywaty ווייל פון דאָרט האָט עס געקאָנט אַריבער אין יידיש אין פוילן, גאַליציע וכדומה, און דער ווערב מיינט ווערטלעך איבערשלאָגן, און באַטייט אויך איבעררייסן עמיצן די רייד.

אָבער וואָס שייך זיך צושפּילן [= צערשפּילן] וואָס דער דערמאָנטער זאָג האָט עס אָנגעווענדט סיי לגבי קינדער סיי לגבי יצר־הרע, האָט שוין געמוזט זיין אַ שטיקל ספק, צי מען מיינט, ווי עס פּאַסט טאַקע פאַר קינדער, אַ שפּילעריי ווי כאַפּעלעך, בלינדע־קו וכדומה, צי עס מיינט, ווי עס פּאַסט גיכער פאַרן יצר־הרע,

אַ שפּילערײַ ווי אַ פלייט, אַ טרומייט, אַ באַס, אַ פּויק וכדומה. איז די תשובה דערויף, אַז דער ווערב צערשפּילן גייט דאָ אין איינעם פון די באַטייטן פון יידישן שפּילן און דייטשישן spielen, וואָס ווערט באַנוצט לגבי דער אַקטיוויזאַציע פון מאַשינען, מעכאַניזמען וכדומה, אָבער דער פאַלקישער באַנוץ האָט עס הומאָריסטיש פאַרשפּיצט, און לאָזט אונדז כביכול הערן כלי־זמר, ווי, אַ שטייגער, ביים נישט איבריק איידעלעם אָבער גאָר פּאָפּולאָרן זאָג בנוגע די ייסורים פון אַ געבריכטן: עס האָט זיך אים, נעבעך, צערשפּילט די קילע, און אין מיין בוך קערת צימוקים, סי׳ 338, האָב איך שוין געבראַכט אַ פּיקאַנטע ראיה — ווען עס איז זלמן שניאור אויסגעקומען, אין העברעישן נוסח, צו דערציילן וועגן די צרות וואָס דער געבריכטער סענדער האָט געהאַט פון זיין מום, שרייבט ער: „ומה שמועיל לתענית ציבור אינו מועיל לשבר־מיעים — — כי אמנם ניעור חסרונו הנושן של סנדר והתחיל מנגן עד לסחרחורת־ראש שאינה פוסקת" („פאַנדרי הגיבור", כ"א, עמ׳ 48). הייסט עס, אַז מיר האָבן פאַר זיך דאָ אַ מעשה־נגינה ממש. וויל איך איצט צוגעבן, אַז פּונקט ווי ז. שניאור האָט עס אין זיין העברעישער פּראָזע, וואָס באַזירט אויף זיין יידישן טעקסט, האָט ער עס אין זיין העברעישער פּאָעזיע, וואָס האָט פאַר זיך אַזאַ טעקסט נישט געהאַט — אין זיין פּאָעמע „בעל הפרווה", אין קאַפּיטל, וואָס באַשרייבט די מלחמה פונעם בער מיטן הילצערנעם גולם, הייסט עס:

הוֹי מַה זֹּאת? הוּא מִישְׁקָה, לֹא יֹאהַב לֵיצָנוּת כָּזוֹ,
וְשִׁגְעוֹנוֹת גְּלָמִים הַתְּלוּיִים בְּחֶבֶל לֹא יֹאהַב,
וּבְיִחוּד בְּשָׁעָה שֶׁיֵּצֶר הַלֶּקֶקֶן בּוֹ מְנַגֵּן
וְרֵיחַ הַמַּעֲדָן מַעֲבִירוֹ עַל דַּעְתּוֹ הַדֻּבִּית.

טייטש: אוי, וואָס איז דאָס; ער, מישקע, האָט נישט ליב אַזעלכע קאַטאָוועס, און משוגעתן פון גולמעס, וואָס הענגען אויפן שטריק האָט ער נישט האָלד, בפרט ווען דער יצר פון נאַשעריי שפּילט אין אים, און דער ריח פון דער לאַקעטקע פאַרדרייט אים דעם בערישן קאָפּ.

דאָ האָבן מיר בפירוש דאָס בילד פונעם יצר [הרע], וואָס האָט זיך צערשפּילט.

ג

און איצט, צוריקקומענדיק צו אונדזער זאָג: זאָל איין גאָט אָפּהיטן, אַז עס צערשפּילן זיך די געבליטן, מוזן מיר באַמערקן, אַז דער זאָג איז נאָך גאָר אָפּטי־מיסטיש, ווייל אַן אַנדערער, מער באַקאַנטער זאָג, האַלט, אַז אפילו גאָט האָט נישט

קיין טפּאָסיב דערצו. יענער אַנדערער זאָג פאַרמאָגט עטלעכע נוסחאות — בערנשטיין־זועגל ברענגען, סי׳ 1874: יאַק יצר הרע נאַפּאַדניע, טאָ אי תקיעת כף ניע פּאָמאָזשע. דאָס איז איינס פון די צוויי־שפּראַכיקע ווערטלעך און מיינט, אַז ווען דער יצר־הרע באַפאַלט, וועט אייך קיין תקיעת כף נישט העלפן. דער דאָזיקער נוסח איז אַ פּאָר־שפּריטער און זע, אַ שטייגער, דעם שמועס ביי נ.מ. יאַסנאָגורסקי („דער ערשטער זונג״, באַרדיטשעוו, תרע״ד, ז׳ ע):

די ווייבער (שמייכלענדיק): געה שוין געה שיבעניק איינער, מיינסט איטליכער איז אין דיר גערעטען, ניט דערלעבט אויס־וואַרטן איבער שלשים און שוין חתונה געהאַט. ר׳ שימעלע איז ניט אַזאַ יוד, ער וועט זיך אַזוי גיך נישט פאַרגעסען.

בענדיוזשניק (מיט אַ פייף): אַ־האַ! פאַרפאַלען אַלע וועלטען! מיר האָבען שוין געזעהן אַזעלכע מאַכערס „יאַק יצר הרע נאַפּאַדע, טאָ אי תקיעת חאַף (כף) נעפּאָמאָזשע״. איך קען זיי שוין אַט אַ די קניזשניקעס (לערנערס).

מיר האָבן דאָ אַן אוקראַיִנישן נוסח פונעם ווערטל, אָבער אויך ער האָט תקיעת כף, בשעת אַן אַנדערער נוסח האָט יקום פורקן. ווייטער אין מיין סביבה האָט דאָס ווערטל געקלונגען: יאַק יצר הרע נאַפּאַנע טאָ אי פּאַנביה נע פּאָמאָזשע, משמע: אַז דער יצר הרע וועט באַפאַלן, וועט אייך גאָט נישט העלפן. דער נוסח איז כאַראַקטעריסטיש אויך צוליב דעם שטיפערישן פּרווו, אים אויסצוטייטשן ווי אַ ריין גוייש ווערטל: יאַק יאַיצאַ האָרעט(ט) או פּאַנאַ טאָ אי פּאַנביה נע פּאָמאָזשע. דאָס הייסט: ווען די אייער ברענען ביים האַר [= ביים פריץ] וועט אויך גאָט נישט העלפן. די שטיפעריי האָט, פאַרשטייט זיך, געקאָנט נאָר אויפ־קומען אין אַ סביבה, ווו דאָס וואָרט יצר ווערט געלייענט לשון־קודש jajcer און אַרויסגערעדט יידיש: jajca, וואָס הייסט סלאַוויש אייער, האָט אויך דעם באַטייט פון טעסטיקל, און דער פאַרבייט פון די באַטייטן האָט אויסגעצייטיקט כמה שטיפערייען. אַזוי ברענגט דער פוילישער פּאָעט, יאַן קאָכאַנאָווסקי:

Ale mówcie przykładem mego Mikołajca:

“Co to niesiesz?” “Gospodze, z odpuszczeniem, jajca”

טייטש: רעדטס ווי מיין מיקאָלע: „וואָס טראָגסטו״ „בעל־בית, במחילה, אייער״. אַזוי איז דאָס וואָרט געגאַנגען פויליש, זע אַ שטייגער, די זכרונות פון פערשט ראַדזיוויל פון זיין נסיעה אין הייליקן לאַנד אין יאָר 1582 (אויסגאַבע, 1952, ז׳ 119): Potem przydał mu bochenek chleba, więc parę *jajec* [= דערנאָך האָט ער אים צוגעלייגט אַ לייבל ברויט, און אַ פּאָר אייער] דעסגלייכן, דאָרט, ז׳ 138:

a *jayca* kładę na ziemi gołey [= און די אייער לייג איך אויף דער באַקעטער ערד].

וואָס שייך דעם טאָפּל־שפּראַכיקן שפּיל ברענגט סטאַניסלאַוו פּיגאָן (Z ogniw życia i literatury, ווראָצלאַוו, 1961, ז. 70) אַ מעשה מיט אַן אינ־ספּעקטאָר וואָס איז געקומען אין אַ שול אין ווילנע און געהערט אַ לעקציע וועגן רעדנערייַ און עס איז אים נישט געפעלן, האָט זיך צווישן אים דעם לערער אַנטוויקלט אַזאַ מין שמועס:

— Według jakiego pan wykłada autora?

— Według Le Jaya!

— Widać to, bo uczniowie i pan leżycie.

טייטש: לויט וואָס פאַר אַן מחבר רעפערירט איר? לויט לע יאַיאַ! דאָס דער־קענט מען, ווייל סיי די תלמידים סיי איר לייגט.

מיר האָבן דאָ צוויי טאָפּל־שפּילן: 1) Le Jay איז אַ נאָמען פון אַ באַקאַנטן יעזואיטישן מחבר (1657—1734) און דער פּוילישער גענעטיוו קלינגט ווי jaja [= אייער]; 2) leżycie הייסט אַזוי ווי דאָס יידישע לייגן סיי לייגן [= אייער], סיי זאָגן ליגן (אַ שטייגער: ער לייגט ווי אַ הונט).

ד

אָבער אויב מיר האַלטן שוין דערביי, איז אפשר כדאי צו דערמאָנען, אַז צווישן די אָפּלאַכערישע חדר־זאָגן געפינט זיך אויך דער זאָג: אויצער [= אוצר] יאַיצער [= יצר], אָדער: אויצער [= אוצר] טרויצער, דאָס ערשטע אַ פאַרקרים פון די אָנהויב־ווערטער פונעם פוילישן פּאַטערנאָסטער (פּאַטשיעזש, יידיש: פּאַטשער, אָדער פּוטשער מיט אַ לאַנגן u) W imię ojca i syna [= אין נאָמען פון פּאָטער און זון]; דאָס אַנדערע אַ פאַרקרים פון [Święta] Trójca [= די הייליקע דרייאייניקייט]. אָבער אַזוי ווי דער ערשטער פאַרקרים איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן: אָיצאַ — יאַיצאַ [= פּאָטער — אייער] האָט עס געקריגן אַ פּיל שאַרפערן צושפּיץ, ווי עס האָבן עס די פּוילישע פאַרקרימען, ווי עס ברענגט, אַ שטייגער, יוליאַן קזשיזשאַנאָווסקי (אין זיין בוך איבער דער פּוילישער פאָלקס־מעשה, סי׳ 1810):

W imię ojca, kijem ojca, matkę laskom

[= אין נאָמען פון פּאָטער, מיטן גראָבן שטעקן דעם פּאָטער, מיטן דינעם שטעקן די מוטער], און פאַראַן אויך אַ נוסח, ווו עס קומט צו:

sina z trzaskiem [= דעם זון מיט אַ טראַסק פון אַ בייטש]; און אין אַ מילדערער
W imię ojca, szedł chłop z grojca, i syna, zima go zdjena
[= אין נאָמען פון פאָטער איז אַ פויער געגאַנגען פון גריצע, און פון זון, האָט אים די קעלט פאַרכאַפּט]. אַזעלכע מיני פאַרקרימען גיין אויך אָן אין אַנדערע שפּראַכן און צומאָל הערט זיך אַרויס אַ בת־קול פון אַן אַלטן, שפּראַכלעכן אַנטאַגאָניזם — אַזוי האָבן די סלאַווישע מאמינים פונעם מערזעבורגער בישאָף, באָסאָ, די ווערטער kyrje eleison [= דער האר זאָל אויסלייזן], בכיוון איבערגעדרייט אויף v kri volsa [= אין דעם געצווייג פון אַן אָלשינע].

ה.

אָבער די חדר־יינגלעך זענען געגאַנגען אַ סך ווייטער, זיי פלעגן נאָכקרומען דעם אָנהויב פון פאַטערנאָסטער אין אַ דרייגראַמיקן חוזק: אָיצאַ — יאַיצאַ, דופּי — פּלאַיצאַ [= דעם פאָטער די אייער, דעם אחור, די פּלייצע]. און עס פאַרשטייט זיך אַז דער עיקר דערביי איז געווען דאָס מימישע — דאָס נאָכמאַכן פון אַלע פיר באַוועגן פונעם צלמען זיך, מיטן אָנווייז אויף די אויסגערעכנטע קערפּער־טיילן. עס איז, בעצם, נישט מער ווי אַ גרעבערער וואַריאַנט פונעם אַנעקדאָט איבער אַ יידענע, וואָס אַ גוי האָט געמיינט, אַז זי צלמט זיך, און באמת האָט זי אָנגעטאַפּט אויפן שטערן איר בראָש, אויפן האַרצן איר אויבל, רעכטס און לינקס אירע אויערינגלעך. דער גרעבערער וואַריאַנט גייט אויף דער פּעיאָראַטיווער ליניע — דער חוזק איבער דער פרעמדער אמונה דורכן פאַרבייט פון אירע טערמינען אויף ענלעך־קלינגענדיקע אָבער באַגריפלעך להיפּוכדיקע ווערטער, אַזוי, אַ שטייגער, ווערט święcona woda [= געהייליקט וואַסער] — געשווענצלט וואַסער; און daj Boże [= גיב גאָט] — דייזשע־באָרשטש; ווייטער hospode pomyłuj [= האַר־גאָט דער־באַרעם זיך] — האָסטו געגעסן פאָמעלעך מיט יויך, kościół [= קלויסטער] — קי־שטאַל, און נאָך אין מיטלעלטער האָבן מיר פאַר tum, וואָס שטאַמט פון dom(us), דאָס הייסט אַ היכל און באַטייט אַ קערך, דאָס וואָרט: טומאה וכדומה.

פאַרשטייט זיך אַז נישט אַלע נאָכמאַכענישן טראָגן דעם פאַרקרימערישן כאַראַקטער. אויב, אַ שטייגער, יגאל לב גיט זיינס אַן אַרטיקל אַ נאָמען: האב, הבן ורוח קרב [=דער פאָטער, דער זון און דער גייסט פון קאַמף], אין זיין סעריע: שורת הדין (מעריב, י׳ סיון תשכ״ה) איז עס נישט מער ווי אַ שפּיל — אַ מעשה, מיט צוויי זון און אַ מאַמען וואָס האָבן געשלאָגן זייער טאַטן און איר מאַן, און האָבן זיך געדאַרפט פאַרענטפערן פאַרן תל אביבער געריכט. אַ באַזונדערן כאַראַקטער טראָגט אָבער דער אַנדערער זאָג פון די חדר־יינגלעך: אָיצאַ טראָיצאַ — ער איז אַ בפירושער

אָפּקלאַנג פון אַ היסטאָרישער מחלוקה. דערציילט דאָך אברהם יעקב בראָווער אויפן ראַנד פון ר׳ בער באָלעכאָווער׳ס זכרונות וועגן דער דיסקוסיע מיט די פראַנקיסטן אין לעמבערגער קלויסטער; אַז ווען די יידן האָבן געזען, אַז די פראַנ־קיסטן האָבן אָנגעוווירן דעם חן ביי די גויים, פלעגן די קינדער זיי נאָכלויפן און שרייען: טראַיצאַ, טראַיצאַ („גליציה ויהודיה״, תשכ״ה, ז׳ 223).

ז

אָבער קערן מיר זיך אום צו יצר, כדי אויפמערקיק צו מאַכן אויף צוויי דוגמות, אין דוגמה — מיין רעליגיע־לערער, ר׳ עוזר קעניג וואָס פלעגט אונדז איינחזרן מנעמאָטעכנישע כללים און פרטים, האָט אונדז איינגעחזר׳ט אַ ווערטל: יוצר ליוצר — יצר, וואָס מיינט בערך ווי דער מאמר פון חז״ל: כל אומן שונא בני אומנותו [= יעדער בעל־מלאכה האָט פיינט זיינס גליכן], אָבער עס פאַרמאָגט אויך אַ טאָפּל־שפּיל פון די ווערטער: אַ) יוצר = 1) טעפּער; 2) שאַפער; ב) יצר — ווי אַ סובסטאַנטיוו אין זינען פון טריב (יצר הרע); ווי אַ ווערב אין זינען פון ענגמאַכן (דערגיין די יאָר). מעגלעך אַז עס איז גרונטיק אַ קונציקער איבערזעץ פון דעם לאַטיינישן: Figulus figulum odit [= אַ טעפּער האָט פיינט דעם אַנדערן] וואָס שטאַמט פון גריכישן: זע העזיאָדוס אין העברעישן נוסח פון שלמה שפּאַן (מעשים וימים, תשט״ז ז׳ 36):

כָּכָה קַדָּר בְּקַדָּר וְחָרָשׁ בְּחָרָשׁ יֶאֱנָפוּ
אַף הַקַּבְּצָן בְּקַבְּצָן, וּמְשׁוֹרֵר יְקַנֵּא בְּאִישׁ זֶמֶר

טייטש: אַזוי האָט פיינט אַ טעפּער אַ טעפּער, אויך אַ קבצן אַ קבצן, און אַ דיכטער איז מקנא אַ זינגער. עס איז אויך אַריין אין אַנדערע לשונות. די אַנדערע דוגמה, וווּ עס קומט אויך פיר אַ ווערב יצרן, ווי עס ברענגט אברהם טענדלאַו אין זיין געזעמל (1860) סי׳ 428: Der kann aan Jeezere וואָס מיינט: דער קאָן איינעם פּלאָגן, מוטשען. ער מאַכט אויך אויפמערקיק אויפן זאָג Das ist e Jezerer, כלומר: דאָס איז איינער וואָס דערגייט די יאָר, ווי אויך אויף דער אידענטישקייט צווישן ווערב יצר׳ן און ווערב מיצר׳ן און ברענגט אין נאָמען פון זיינס אַ פריינד דאָס ווערטל: דער יצר איז אַ מיצר, וואָס עס האָבן אַ סך שפּעטער, אויך בערנשטיין־זעגל סי׳ 1872. עס קומט אויך פיר אין אַ פראַנקיסטישן כתב־יד (אָפּגעהיט אין ירושלימער אוניווערסיטעט, נומער 2921, בלאַט 84 א׳): „אבער ווען דער יצ״ט [= יצר טוב] היישט איהרע גוטע אינבריסטיגע לוסט, צום דער איהריגעם, צום גוטען, אונד איהנין יצרט, עס איזט אייני פראבע וויא זיא דען יצ״ט מבטל זיין מיסן.״

אָבער דאָס פּיקאַנטסטע איז אפשר דער פּרט, וואָס עס ברענגט טענדלאָו, אַז אויך דייטשיש האָט דעם ווערב jezern. וואָס שטאַמט פון אַ מעשה־שהיה: מאַנאַכן אין בערן האָבן אין יאָר 1507 דורך כלערליי דריידלעך אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף אַ שניידער אין צורצאַך און אים געמאַכט קריסטוס־ווונדן אויף הענט און פיס, און וואָס דער עיקר איז, אַז דער שניידער האָט געהייסן Hans Yezer.

און ווידער קערן מיר זיך אום צום ענין געבליט, וואָס האָט ווי אין דייטשיש, אַ טאָפּעלעם באַטייט: 1) בלוט אין זינען פון יצר, בעיקר יצר הרע — ווי, אַ שטייגער, יצחק באַשעוויס: „דורות באָבעס און עלטער־באָבעס האָבן געצוימט זייערע געבליטען, אָבער אין איר האָט זיך אויפגעוועקט אַ דראַנג נישט צו צוימען" (די אוואַנטורע, פאָרווערטס, 12 נאָוועמבער 1966), 2) בלוט אין זינען פון אָפּשטאַם, ייחוס — ווי אַ שטייגער, שלמה עטינגער: „צעריסן איז נעביך מיין געמיט / איך בין דאָך יאָ פון איידל געבליט" (די שמאַטעס, כתבים, אויסגאַב מ. וויינרייך, באַנד ו, ז. 197). און צום סוף צוריק צו אונדזער זאָג — מענדעלע: „גאַנצע וואָלקענס פאַרדראָס גריזאָטע, וועהטיג אונ פורעניות, עס צושפּילען זיך אין מיר דיא געבליטען, וויא ביסטרע טייכען אין וועסנע, הייבען זיך אויף מיר אין דעם קאָפּ מיט שרעקליכע חוואַליעס, רייסען דעם מוח אונ שטופען זיך מיר אַרויס דורך די אויגען" (דיא קליאַטשע, ווילנע, תרל"ג, ז. 25).

12. אַ מאָדנע דאַנק

א

אַדאַנק איז עולם הבא — דעם זאָג האָב איך נאָך קינדוויז געהערט אין נאָמען פון ר׳ אפרים זלמן מרגליות, וואָס זאָל האָבן אַזוי געענטפערט איינעם וואָס האָט אים צו שטאַרק געדאַנקט פאַר עפּעס אַ טובה; אָבער שפּעטער האָב איך געהערט, אַן אַנדערע גירסא: ר׳ אפרים זלמן מרגליות זאָל האָבן געשיקט דעם ווילנער גאון אַ מתנה, און ער האָט אים געענטפערט אַן איינציק וואָרט: דאַנק, און אַז מען האָט דעם גאון געפרעגט פאַרוואָס, זאָל ער האָבן געזאָגט: אַ דאַנק איז עולם הבא. קומט אָבער הכתוב השלישי און ברענגט אַ ברייטלעכע ווערסיע, לויט וועלכער אַ גביר זאָל האָבן געשיקט אַ מתנה ר׳ שלמה קלוגער, און ער האָט זי אים צוריקגעגעבן מיטן זאָג: איך וויל נאָך לעבן, און עס שטייט דאָך: ושונא מתנות יחיה [= דער וואָס האָט פיינט מתנות וועט לעבן]; האָט זיך דער גביר געפילט געטראָפן און געפרעגט: דאָס איז דער דאַנק? האָט ר׳ שלמה קלוגער געענטפערט: אַ דאַנק איז עולם הבא און איך הייל (= אייל) מיך נאָך נישט אַהין.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר קלערן נישט נאָכצופאָרשטן, אויב די מעשה האָט אַ היסטאָרישן האָפט, אדרבה, מיר נעמען אָן, אַז עס איז אַן אַנעקדאָט, וואָס האָט מסתמא געביטן זיין פּערסאָנאַזש; אַ סימן, אַז ער בייט אים אפילו אין דערזעלבער שטאָט. אָבער קלאָר איז, אַז ער איז נישט קיין ניי צוגעטראַכטער והא ראיה: בלויז אין אַלט־יידישן אויסלייג, וואָס האַלט נישט איבעריק פון קיין וואָקאַלן, שטימט די גימטריא: דנק [= 154] — עולם הבא [= 154].

ב

אָבער מיר קענען דאָ נאָך עפּעס אָפּלערנען: די גימטריא פאָדערט נישט בלויז אַן אומוואָקאַליקן אויסלייג, נאָר אויך דעם אויסלאָז פונעם אַרטיקל — נישט:

אַ דאַנק, **אלא:** דנק, וואָס שפּיגלט טאַקע אָפּ די אַלטע פאַרעם פונעם זאָג, ווי עס גייט אין **דייטשישן:** Hab Dank, **און מעגלעך אַז די גענעצע פון אונדזער:** מיט פריידן אָפּדאַנקען, **וואָס קען נישט האָבן קיין שייכות צום היינטיקן דייטשישן** abdanken **וואָס מיינט זיך אָפּזאָגן פון מלכות, כהונה, פּאָסטן וכדומה, גייט גאָר אַזוי:** האָב דאַנק = האַבדאַנקען = אַבדאַנקען — אָפּדאַנקען, **על־כל־פּנים דאַרף מען זיך דערינען אַריינקלערן, כאָטש ער ווייזט זיך אויס נעגטער, אַז זיך אָפּדאַנקען האָט זיך אויסגעפּורעמט** לויטן פּוילישן odwdzięczyć się.

און ווי עס ווייזט אויס שטאַמט דער סובסטאַנטיוו: דאַנק **פונעם ווערב, און אפשר אפילו פון דער באַפעלערישער פאַרעם זיינער:** דאַנק, **און מחמת דעם איז נישט שכיח קיין רבים** (שמואל ניגער האָט מיך אַמאָל אָנגעפרעגט, וויאַזוי איז **טאַקע דער רבים פון** דאַנק), **און דער אייגנטלעכער באַטייט איז:** געדענקען, **און דאָס וואָרט** דאַנק **אָדער** האַבדאַנק **האָט אין דער טורנירן־שפּראַך געהייסן די מתנה וואָס די האַרנטע האָט געגעבן דעם בעסטן טורניר־קעמפער פונעם טאָג, און איבער דער פּוילישער שליאַכטע־משפחה, וואָס זייער נאָמען און סימן איז האַבדאַנק גייט אַ לעגענדע, אַז זיי האָבן אים באַקומען, ווייל איינער פון זייערע עלטער־עלטער־זיידעס, אין 11־טן יאָרהונדערט, איז מיט נאָך שליחים געשיקט געוואָרן צום קייזער היינריך דעם פינפטן, וואָס האָט זיי געוואָלט איבעררעשן מיט זיין עשירות, האָט ער פאַר זיי געעפנט די גאָלד־אוצרות זיינע. האָט סקאַרבעק אַראָפּגענומען זיין גאָלדן פינגערל און אַריינגעוואָרפן אין אוצר, זאָגנדיק: גיי גאָלד צו גאָלד, מיר פּאָליאַקן פאַרמאָגן אייזן און וועלן זיך מיט אייזן ווערן; דער פאַרבליפטער קייזער האָט בלויז געענטפערט אין וואָרט:** Habdank **און אַזוי האָט סקאַרבעק געקריגן אַ נייעם שליאַכטע־נאָמען און הערב. מיר דערמאָנען די גאַנצע מעשה, ווייל אויך דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַן ענטפער, וואָס באַשטייט פון אַן איינציק וואָרט און וואָס האָט צו טאָן מיט דאַנק, נאָר אָן אַ גימטריא. דאָס איז אונדזער אָריגינעלער צולאָג.**

ג

אָבער אויב שוין רעדן וועגן אַלטן דאַנק, לוינט זיך צו דערמאָנען אַ באַנוץ, וואָס איז שוין אַזוי ווייט פאַרגעסן געוואָרן, אַז ער איז מגולגל געוואָרן אין אַן ענלעך קלינגנדיק וואָרט. מיין רבי, ר׳ שמואל קריסטיאַמפּאָלער פלעגט צו זאָגן: על כרחך אתה חי ועל כרחך אתה מת — איבער דאגות לעבסטו און איבער דאגות שטאַרבסטו. ווען איך פלעג מיך דאָס דערמאָנען, האָב איך געמיינט, אַז עס איז אַ שטיפערישער טייטש, אין נוסח פון טוביה דעם מילכיקן, ווייל דערזעלבער רבי

מיינער פלעגט דאָך אונדז אויסטייטשן אין פרקי אבות: על כרחך אתה נוצר ועל כרחך אתה נולד וכו׳ — מיט נויט ווערסטו באַשאַפן און מיט נויט ווערסטו געבוירן וכו׳, און ענלעך זע שמ״ר: „על כרחך אתה חי ועל כרחך אתה מת — ד״ה [= דאָס הייסט] דוא לעבסט מיט גוואַלד אונ דוא שטאַרבסט מיט גוואַלד״ („כשרער ייד״, וואַרשע, חש״ד, ז׳ 132), ערשט מיט א סך יאָרן שפּעטער איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז נישט זיין שבתדיקער פּרקי־אבות־טייטש, נאָר זיין וואָכנדיקער זאָג, היט אָפּ אַן אַלטע מסורה, — דהיינו, אַז איבער דאגות איז אַ גלגול פון דעם אַלטן נישט מער פאַר־שטאַנענעם איבער דאַנק, וואָס מיינט קעגן געדאַנק, קעגן ווילן, פּשוט: בעל־כרחו. אַז מען האָט טאָקע בעל כרחו פאַרטייטשט איבער דאַנק זעט מען אַרויס — ווי עס האָט מיך אויפמערקיק געמאַכט מיין תלמיד, אריה גאליה — פון כתב יד פון ר׳ אייזיק כהן דער שרייבער (1575) וועגן די צוויי מלאכים וואָס בעל כרחו יענה אמן: „זא מוז דער בויז מלאך זאָגן אמן איבר זיינם דאַנק״; „זא מוז דער גויט מלאך זאגן אמן אוביר זיינם דאַנק״. און נאָך און אונדזער דור האָט מען על כרחך אין פּרקי אבות געטייטשט איבער דאַנק — ווי עס גיבן מיר איבער מיינע פריינט, די ברידער מאיר און לוי גערטנער, וואָס האָבן אַזוי געלערנט אין חדר אין מאַרמאַרעש־סיגעט.

איבער דאַנק אין דעם זינען איז שכיח סיי אין עלטערן דייטשיש, סיי אין עלטערן יידיש. עס האָט דריי פאַרמעס: 1) âne danc [= אָן דאַנק]; 2) sunder danc [כנ״ל]; 3) über danc די לעצטע פאָרעם איז געבונדן צו איינעם פון די באַטייטן über: דערקעגן, קאָנטרע. אַזוי לייענען מיר, למשל, אין מלכים בוך (אויס־גאַב אויגסבורג 1543, איצט אין פאַטאָ־קאָפּיע פון ל. פוקס). אדוניה בן חגית זאָגט: „איך ווש איין מול איין קויניג עש ווערט ניט גאָר לאַנק / גוט גאַב עש מיינם ברודר אויבער מיינם דאַנק״ (סטראָפע 104) דאָס הייסט: איך בין פריער געווען מלך, עס האָט נישט לאַנג געדויערט, גאָט האָט עס געגעבן מיין ברודער [שלמה] קעגן מיין ווילן. אַדער: „דער קויניג ור הוירט דיא האנט ער קונט זיא ניט ווידר קערן/ דש מזבח ווש צו רישן דער קויניג הט קלייניא אֵירן / דער קויניג שפראָך צו דעם גויטליכן מן אויבר זיינן דאנק / ביט דיין גוט בור מיך אונ מאך עש ניט לאנג״ (סטראָפע 656). דאָס הייסט: דעם מלך איז פאַרדאַרט געוואָרן די האַנט, ער האָט זי נישט געקאָנט צוריקנעמען, דער מזבח איז צעריסן געוואָרן און דער מלך האָט איינגענומען בושות, דער מלך האָט געזאָגט צום געטלעכן מאַן אַקעגן זיין ווילן: בעט דיין גאָט פאַר מיר און מאַך עס גיך. אָדער: „דער כהן מושט עש אים וואל מאכן וויל אויבר זיינן דאנק / דער נאָך צוק היים קויניג אחז דר נאָך ניט גאר לאנג״ (סטראָפע 1704). דאָס הייסט: דער כהן האָט געמוזט פאַר אים טאָן קעגן זיין ווילן, דערנאָך איז אחז המלך גיך אַהיימגעפאָרן. ווי אויך: „אונ דיזן קויניג יהויקים ער זער

ביצוואנק / ער מוזט אים וואל דינן דא אויבר זיינן דאַנק" (סטראָפע 2163). דאָס הייסט: און דעם דאָזיקן מלך יהויקים האָט ער באַצוואונגען, ער האָט אים געמוזט דינען קעגן זיין ווילן.

וואָס שייך אָן דאַנק אין דעם זינען זע, אַ שטייגער, כתב־יד פון מגלה ליד, (באָדלעיאַנא, נויבאוער סי' 170):

„מיט דער זעלבן בושהייט זי אירן מן ביצוינג / דש ער מוישט היידינש שפרעכן און זיינן דנק". דאָס הייסט: מיט דעמזעלבן רישעות האָט זי [ממוכנס ווייב] אירן מאַן געצוואונגען, ער זאָל רעדן פאַגאַניש קעגן זיין ווילן.

ד

איבער דאַנק איז אויך געווען אין יידיש אין דער שמועס־שפּראַך, פונקט ווי זי איז געווען אין פויליש, סיי אין דער פאָרעם przez dzięki סיי אין דער פאָרעם bez dzięki. לינדע ברענגט אין זיין אוצר: dzięku און פאַרטייטשט: per nefas, każdym sposobem [= דורך אומרעכט, מיט אַלע ספּאָסאָבעס]. עס איז טאַקע שכיח אין דער עלטערער פוילישער ליטעראַטור, אין זינען פון בעל כרחו, בגוואַלד. זע, אַ שטייגער, גזשעגאָזש פּאַוועל פון בזשעזשין, אַן אַריאַנער וואָס ווענדט זיך צו קאַלווין (דיר־דורסקי אין דער אַנטאָלאָגיע פון פּוילישע אַריאַנער, 1958, ז' 32).

A ty przedsię okrom tych jakiego czwartego.
Wtrącasz nam *przez dzięki,* bez wstydu żadnego.

טייטש: און דו, חוץ די (דריי אייניקייט) שטופּסטו אונדז, בעל כרחו אָן שום בושה, אַריין אַ פערטן. אָדער ס.פּ. קלאָנאָוויטש („וואָרעק יודאַשווו", 1600, אויסגאַב וראַצלאַוו, 1960, ז' 86).

Tajemne i zdradliwe kto *przez dzięki.*
Bierze ku używaniu cudze do swej ręki.

טייטש: פאַרבאָרגן [= גנביש] און פאַררעטעריש, ווער עס נעמט בגוואַלד אין דער האַנט צו באַנוצן פרעמדס.

עס וועט אונדז מסתמא נישט וווּנדערן צו הערן, אַז יצחק באַשעוויס, באַנוצט אויך היינט דאָס וואָרט. מיר הערן, אַ שטייגער, איבערן העלד פון זיין ראָמאַן „דער קנעכט" (פאָרווערטס, 22 דעצעמבער 1960):

נאָך די פינף יאָר וואָס ער איז געווען אַ קנעכט איבערדאַנק, האָט ער געהאַט גענומען אויף זיך אַ קנעכטשאַפט וואָס וועט דויערן אַזוי לאַנג ווי ער וועט לעבן.

דעסגלייכן שרייבט ער אין אַן אַנדערער דערציילונג (דער טויטער, פֿאָר־ווערטס, 10 סעפּטעמבער 1966):

נאָך אַ ווייל האָבן עטליכע חסידישע יונגעלייט — — זי צוגעבונדן מיט די גאַרטלען צום בעט, מ׳האָט איר איבערדאַנק אָנגעטאָן דעם וואָרקערס קמיע׳ס.

כדאי נאָכצוגיין ווו איז עס נאָך בימינו געווען אַ לעבעדיק שמועס־וואָרט. על כל פּנים האָבן מיר אַ סימן, ווי איבער דאַנק אין דעם זינען איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן — איבער איז געבליבן, און דאַנק פֿאַרביטן געוואָרן אויף אַן אַנדער וואָרט — זע, אַ שטייגער, מאָריס ראָזענפֿעלד: „די נייע תורה ווערט ניט געגעבן איבער געוואַלד, זי ווערט אויף קיינעם ניט אויפגעצוואונגען" (שריפטן, 1910, באַנד 5, ז׳ 69), ווי אויך: „ווי שרעקליך, ווי געפּעהרליך, ווי זינדיק וואָלט געווען אַזאַ הייראַט, וואָס וואָלט געמוזט צונויפשמידען איבער־גוואַלד צוויי קערפּערס אויף אייביג (דאָרט, ז׳ 207).

13. פול און לײדיק

א.

ער (זי) גײט אים (זי) איבער מיט [אָדער: מיטן] פולן פונקט װי:
ער (זי) גײט אים (זי) איבער מיט [אָדער: מיטן] לײדיקן — איז אַ זאָג, װאָס װאָרצלט אין פאָלקס־גלױבן, אַז אויב מען באַגעגנט עמיצן מיטן פולן, בעיקר מיט אַ פול פאַס אָדער אַ פולן עמער אָדער קאַן װאַסער, איז עס פאַר אים אַ מזלדיקער סימן, אויב פאַרקערט — פאַרקערט. ברענגען טאַקע דאַריבער ספרי מנהגים װי אַ שטײגער: „סגולה כתוב בזהר בדוק לכל איש ואשה שילכו לפני השר או ילכו לדרך אם יפגע בצאתו מביתו כלי ריקם ולא ילך באותו יום לדרך ולא לשררה — װען מען דאַרף צו גײן צו אײן שר אָדער צו אײן פריץ עפּעס אַטובה פועלין און מען קומט אנטקעגין מיט לײדיגע כלים זאָל מען בעסער די צײט אַהײם גײן און מען זאָל ערשט מאַרגין גײן צום שר אָבער אז מען קומט אנטקעגין מיט פולע כלים איז אַגוטער סימן" (הנהגת טובות, מהדורת ר' זכריה מפלונגיאַן, װאַרשע, תרכ"ב, ז' 59).

אַזױ דערצײלט יצחק באַשעװיס װעגן אײנעם, װאָס װיל זיך לאָזן אין װעג אַרײן און מאַכט זיך אַ סימן: „אויב מ'װעט אים אַקעגנגעהן מיט פולע געפֿעסען און אויב ס'װעט זײן פאַר אים אַן אָרט אויף דער פוהר, איז דאָס אַ צײכען אַז מ'איז מרוצה אין הימעל מיט דעם װאָס ער טוט. ער איז אַרויס פון בית מדרש און קלמן דער װאַסער־טרעגער איז אים אַקעגנגעקומען מיט צװײ פולע קאַנען" („דער קנעכט", פאָרװערטס, 9 דעצעמבער 1960). דאָס װערט דערצײלט איבער כמעלניצקיס צײטן, און זע איבער נענטערע צײטן — מענדעלע דערצײלט איבער בנימין השלישי, נאָכדעם װי מען האָט אים אָפּגעגאָסן מיט אַ שעפּל קאַלט װאַסער טרײסט אים סענדערל: „װאַסער טרעגער װאָס געהט איבער מיט פולען איז פון אײביג אָן אַ גוטער סימן, אַ פשיטא שוין אַ גרויסער אַ פולער צעבער" (מסעות בנימין השלישי, תרס"ה, ז' 42). אָבער שלום עליכם

וועגן די וואָס זענען נוהג „אַפּלאַכען פון אַ גוט אויג, און פון אַ חלום און פון בעגעגענען אַ גלח, און פון לעדיגע עמערס, און אָפּלצ׳עווען להבדיל פון אַ גוטען אידען, מאַכען חוזק פון די חסידים" (מען הוליעט, פרק ד׳: יענקעל דער אפיקורס).

אַרום דעם דאָזיקן גלויבן האָט זיך אָנגעקליבן אַ היפּש ביסל אַנעקדאָטיש מאַטעריאַל — זע, אַ שטייגער, וואָס עס דערציילט אורי הענים פון זיין געבוירנשטעטל סאָסיוו — אַ מעשה מיט איינעם אהרן, וואָס איז געווען דער איינציקער אין שטעטל, וועמען מען האָט, אין דער טערקיש־עסטרייכישער מלחמה, גענומען צו די זעלנער, און אַז ער איז צוריקגעקומען איז ער געווען אַזוי פאַרגרעבט, אַז ער האָט געמוזט ווערן אַ בעל־עגלה, און האָט געהאַט יסורים דערפון וואָס ער האָט געהרגעט אַ טערק, און אַז ס׳איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה און פאַניע האָט איינגענומען דאָס שטעטל, איז איינער ר׳ אַלטער אַרויס אין גאַס זיך אָנגרייטן וואַסער, און אַז ער איז צוריק אַהיבגעגאַנגען מיט צוויי פולע עמערס, איז פלוצים ווי פון דער ערד אַרויסגעוואַקסן דער אהרן, אַרויסגעריסן פון אים די עמערס און דאָס גאַנצע וואַסער אויסגעגאָסן, און געשריגן אויף אַ קול: דו מיש דיך נישט אין פּאָליטיקע, זיי וועלן נישט געווינען (נקמתו של תמים, הצופה, י״ח שבט תשכ״א).

ב.

טיפּיש איז אָבער געוואָרן די מעשה מיט דער יידענע אין גאַליצישן שטעטל, בשעת יענער אָקופּאַציע — זי איז געגאַנגען צום ברונעם און האָט אָנגעשעפּט אַ פולע וויאַדרע וואַסער, אָבער אויפן וועג האָט זי באַגעגנט אַ ראָטע קאָזאַקן, וואָס זענען געגאַנגען אין פראָנט, און אַזוי ווי זי האָט נישט געוואָלט, אַז צוליב דעם מזלדיקן טראָף, זאָלן זיי געווינען די מלחמה, האָט זי גיך אויסגעגאָסן דאָס וואַסער, און האָט טאַקע גורם געווען, אַז פאַניע האָט געהאַט אַ וויסטע מפלה. דער אַנעקדאָט האָט נאָך אַ פּאָענטע — אַז קיר׳ה איז צוריקגעקומען אין שטעטל האָט דער ראש־הקהל אין זיין צעקאַליטשעטן דייטש, פאָרגעשטעלט די יידענע פאַרן שטאַבס־אָפיציר, אַזוי צו זאָגן: דיזע פרוי האָט בעליידיקט ניקאָלאַיקע. פאַרשטייט זיך אַז בעליידיקט איז דאָ אַ שפּיל, אין וועלכן מען האָט חוזקדיק פאַרמישט צוויי פאַרשיידענע ווערטער: 1) (באַ)ליידיקן — וואָס זיין וואָרצל איז leid —[= צרה, יסורים], 2) (אויס)ליידיקן וואָס זיין וואָרצל איז ledig [= לעער, פּוסט].

כאָטש די אַנעקדאָטן זענען, געוויינטלעך, געהאַלטן אין אַ גוטמוטיקן טאָן, פילט זיך אין זיי אַ סאַטירישער ניואַנס, נוסח משכילים, און מעגלעך, אַז ער שטאַמט טאַקע פון זייער צייט און אַטמאָספער. אַ זייטיקע ראיה דערצו איז אַ חריפותדיקער זאָג, וואָס האָט זיך דערהאַלטן פון יאָר 1848, ווען די רוסישע חיילות האָבן פאַסירט גאַליציע, אויפן וועג קיין אונגערן, כדי דאָרט צו דער־דריקן די רעוואָלוציע — אין אַ שטעטל איז געווען איינקוואַרטירט אַ ראָטע קאָזאַקן, וואָס האָבן אָנגעטאָן גענבערווינטע לייד; אַז זיי האָבן אָוועקמאַרשירט, האָט אַ יידענע געטראָגן אַ פולע קאַן וואַסער, און האָט זיך שפּעטער לעבעדי־קערהייט אָויפגעגעסן, הלמאי זי האָט דאָס וואַסער נישט אויסגעגאָסן, דען ווען יאָ, וואָלטן זיי דאָך געהאַט אַ שוואַרצן סוף; אָבער ווייל נישט, זענען זיי צוריק־געקומען און האָבן זיך נאָכאַמאָל איינקוואַרטירט און האָבן ווידער געטריבן זייערע ווילדע שטיק און האָבן דאָס שטעטל, און די יידענע בתוכם, געשטעלט בדיל הדל. האָט זי איבערגעחזרט נעמי׳ס ווערטער: אני מלאה יצאתי וריקם השיבני השם, און געטייטשט: איך בין אַרויס מיטן פולן, האָט מיך גאָט געלאָזט מאַכן הויל און ליידיק. פאַרשטייט זיך, אַז דער טייטש שטאַמט פונעם שטעט־לישן לץ, מעגלעך אַ משכיל, וואָס דאָס סאַטירישע איז אים נענטער געווען ווי דאָס פאָלקלאָרישע, אויף וויפל ער האָט בכלל געהאַט אַ זין פאַרן פאָלקלאָ־רישן.

ווייטער, וואָס שייך דעם פאָלקלאָרישן, איז עס אַ מסורה נישט בלויז ביי יידן, נאָר אויך ביי זייערע, בעיקר סלאַווישע, שכנים, ווי אַ שטייגער, די אוקראַי־נער, ווי מיר לערנען אָפּ פון אַ שטעל אין טאַראַס שעווטשענקאָ׳ס „קאָבזאַר״, וואָס יעווגען אָנאַצקי האָט דאָס באַהאַנדלט אין אַ באַזונדערן אַרטיקל (אַלמאַ־נאַך סוואָבאָדאַ, ניו־יאָרק 1963). שעווטשענקאָ — באַמערקט ער — האָט זיין פּאָעמע „וועליקי ליאָך״ [= אַ גרויסער קעלערגרוב] אָנגערופן מיסטעריע, ווי עס האָבן אין מיטלעלטער געהייסן געוויסע אינסצעניזאַציעס פון קולטישע מאָמענטן, וואָס אַנטהאַלטן געהיימע יסודות פון קריסטליכן אויסלייזונגס־גלויבן. ער האָט די פּאָעמע אַזוי באַצייכנט, ווייל ער רעדט אין איר וועגן אוקראַאיִנישן אויסלייזונגס־גלויבן — ער דערציילט דאָרט איבער דריי נשמות, וואָס זענען, בצורת פייגל, געפלויגן, און זיך געזעצט אויפן אָנגעבויגענעם צלם פון אַן אַלטער צערקווע — זיי ווערן נישט אַריינגעלאָזט אין גן־עדן, ווייל זיי מוזן אָפּקומען פאַר זייערע זינד, ביז מען וועט דעם קעלער־גרוב אונטער דער צערקווע נישט אויפ־גראָבן. די ערשטע נשמה האָט נאָך באַהדאַן כמיעלניצקי געטראָגן אויף די הענט, אַלע האָבן זי ליב געהאַט, און זי איז שוין אַפילו געשטאַנען אין שידוכים, אָבער

איינמאָל, אין אַ זונטיק, איז זי געלאָפן צום וואַסער, און האָט באַגעגנט כמיעל־ניצקין מיט זיין סוויטע, און

Ja wody nabrała
Ta wpowni szliach perejszła jim

טייטש: איך האָב אָנגעשעפּט וואַסער און בין מיט פולן זיי דעם שטראָז פאַרביי־געגאַנגען. זי דערציילט ווייטער, אַז זי האָט נישט געוווּסט, דאָס כמיעלניצקי איז דעמאָלט פון פּערעיעסלאַוו געפאָרן קיין מאָסקווע, איר צו שווערן טרייקייט, זי האָט שוין קוים דערטראָגן ביז צו דער שטוב אירער, און זי פרעגט זיך, פאַרוואָס האָט זי נישט צעקלאַפּט די וויאַדרע

Bat'ka, matir, sebe, brata
Sobak otruiła
Toju kljatoju wodoju

טייטש: דעם טאַטן, די מאַמע, זיך אַליין, דעם ברודער, דעם הונט, האָב איך פאַר־סמט מיט דעם פאַרשלטענעם וואַסער; און דערפאַר מוז זי טאַקע אַזוי מיאוס אָפּ־קומען. דאָס הייסט, אַז ווייל זי איז פאַרבייגעגאַנגען מיטן פולן, האָט זי גורם גע־ווען, אַז כמיעלניצקי איז דערפאָרן קיין מאָסקווע, אָבער ווען זי וואָלט דאָס וואַסער אויסגעגאָסן און צעקלאַפּט די וויאַדרע, וואָלט זיך די נסיעה נישט איינגעגעבן. דער חילוק פונעם אוקראַינישן גאַנג און דעם יידישן נוסח איז קלאָר — דאָרט איז דער מאָטיוו געהאַלטן אין אַן אָבערגלויבישער אַטמאָספער (אַ גלגול פון אַ נשמה וואָס קומט אָפּ פאַר אַן אומבאַוווּסטן חטא), דאָ איז דער מאָטיוו געהאַלטן אין אַ רעאַליסטישער אַטמאָספער, וואָס ווערט נאָך פאַרשאַרפט מכוח דעם סאַטי־רישן איינשטעל צום עצם גלויבן.

ג.

ווי מיר זעען, מוז זיך היינט דער באַגריף און דאָס בילד פון איבערגיין מיט פולן אָדער ליידיקן אויסלעבן אין אַן אַנעקדאָט, וואָס נעמט זיי אָוועק דעם לעצטן רעשט פון נאַאיוון פאָלקלאָרישן כאַראַקטער, וועלכער ווייזט אָן אויף אַ זייער ווייטן, אַזש ביי דער מיטאָלאָגיע אָנשפּאַרנדיקן, גלויבן. בפרט אַז דער קעגנזאַץ פול און ליידיק מוז נישט אָנקומען צו יענעם באַגריף און בילד און קען מכוון זיין צו פאַרשיידענע באַטייטן. אַזוי איז דער באַנוץ שכיח ביי דער נסתר — אַ שטייגער, וועגן שוסטערס: „מ'האָט אין שיכרות זיך די צרות אויסגערעדט, דערמאָנענדיק מיט מורא די ווייבער, וואָס אַז זיי וועלן אַהיימקומען מיט ליידיקן,

וועלן יענע זיי באַפֿאַלן מיט האַרצווייטאָג" (משפּחה מאַשבער, 1948, טל 2, ז' 146), אָדער „ער האָט דערום געפּרוווט קומען צו דער מאָסע ניט מיט ליידיקן — — נאָר מיט פּאַקטישע, גוט דורכגעקלערטע פּלענער" (דאָרט, ז' 280); „אים — — וואָס האָט שוין נישט איינמאָל געפּרוווט טאָן — — הערט מען ניט — — נאָר מ'קערט זיך אַלע מאָל פֿון אים אָפּ און מ'לאָזט אים מיט ליידיקן" (דאָרט, ז' 284); „ווי קינדער וואָס מ'כאַפּט ביי זיי — — אַוועק אַ חפץ, מיט וועלכן זיי שפּילן זיך, און זיי בלייבן מיט ליידיקן און וויסן ניט, וואוהין די זאַך איז פֿאַרשוואונדן" (דאָרט, ז' 338); „אָנשטאָט דעם וואָס נחום זאָל אַרויס מיט ליידיקן — — זאָל ער בעסער בלייבן ביי דעם, וואָס ער איז איצט" (דאָרט ז' 427); „ער האָט דאָס געזען אין בליק, וואָס יעדערס מאָל פֿלעגט מאירל אָפּוועגדן — — און יעדערס ניט מיט ליידיקן נאָר מיט טרערן פֿון צער" (דאָרט, ז' 153). מיר האָבן די דוגמה געבראַכט בחינת אחרון אחרון, ווייל זי פֿירט אונדז צוריק צו אונדזער בילד און באַגריף, אין אַ פֿאַראיידעלטער ראַם — נישט אַן עמער, נאָר אַ מענטשלעך אויג, נישט וואַסער נאָר טרערן, אָבער פֿולע האָט אַ באַזונדערן באַטייט — דאָרט אַ מאַגישן, דאָ אַ סימבאָלישן.

מיר האָבן בכוונה אַרויסגעהויבן דעם נסתר'ס באַנוצן ווייל ער האָט טאַקע אונדזער גרונטיק בילד צוריקגעפֿירט צום מקור — די מעשה מיטן אַלט-גריכישן אויבער-גאָט וואָס האָט זיך דערצויגן אויף דער קרעטאַ-אינדזל, האָט געהאַט פֿאַר אַן אַם די ציג אמאַלטעאַ, און דער שכר אירער פֿאַר אויסזויגן אַזאַ מיוחס איז געווען, וואָס מען האָט זי דערהויבן צו די שטערן און דאָרט זיצט זי זיך און איר האָרן איז געוואָרן דער האָרן פֿון שפּע — דרייט זי אים איבער, גיסט זיך אויף דער ערד כל'ע גוטס, אויב, חלילה, נישט — איז ווינד און וויי. אַזאַ מין בילד האָט זיך געלאָזט קאָנסטרואירן, און האָט זיך אויך קאָנסטרואירט, לגבי דעם מזל דלי, דער שטערן פֿון חודש שבט — כאָטש תפֿילת טל איז מכוון צו אַלע צוועלף מזלות, איז מזל דלי, שוין צוליב זיין בילדלעכקייט, — אַן עמער, פֿון וועלכן עס גיסט זיך — אַ סימבאָל פֿאַר דער אַראָפּטריפֿנדיקער ברכה. געפֿינען מיר טאַקע ביי דער נסתר, דעם מאַדים אויף קינסטלערישער עקספּלאָאַטאַציע פֿון סימבאָלישן מאַטעריאַל, אויסגעבויט דאָס בילד פֿון מזל דלי, אין ראַמען פֿון אונדזער פֿאָלק-גלויבן, — אין זיין דערציילונג „אין ווייַן קעלער" לאָזט ער אַ פֿיגור, דעם טרעגער, אַזוי דערציילן: „דאָ נישט לאַנג — — האָט ער דעם מזל-עמער באַגעגנט. מיט זיין שטאַנג און מיט זיינע עמער אויף די אַקסל און די שטאַנג איז אים אויף דער ברייט פֿון דער פּלייצע געלעגן, און די עמער האָבן זיך געבאַמבלט, און ליידיק וואַסער-פּירעריש איז ער אים אַנטקעגן געקומען. האָב

איך ארייגעקוקט אין די עמער און זיי טרוקן און צעלעכצט געזעהן. האָב איך זיך צו אים געווענדעט און ביי אים „וואָס איז די מעשה?" — אַ פרעג געטאָן, וואָס עפּעס די עמער טרוקן און ווי לאַנג שוין דעם ברונען נישט געזעהן, זעהט אויס? האָט ער מיר געענטפערט: מזל יונגפרוי [= מזל בתולה] האָט חתונה און איך וויל איר מיט ליידיגן איבערגיין... אַ דאַנק מיר איז זי אין הימל אַרויפ־געגומען, אַ דאַנק מיר האָט זי אַן אָרט צווישן די מזלות באַקומען, און איצט גייט זי צו אַ פרעמדן זיין" (געדאַכט, בערלין 1922, באַנד 1, ז' 223—224). און וואָס מיר זעען אויבן, זעען מיר אויך אונטן: „און די פייגלען זענען אַף ערטער און יישעווון [= ישובים] אָנגעקומען, טעכער זיינען אַנטקעגן און מיט פּולן געגאַנגען" (געדאַכט, קיעוו, 1929, ז' 84).

אַזוי זעען מיר, ווי אונדזער אַנעקדאָט, וואָס האָט אַ מיטאָלאָגישן מאָטיוו דעגראַדירט און אים אַראָפּגעניִדערט אין קליינעם שטעטל אַריין, ווו די יידענע, וואָס האָט די קאָזאַקן נישט פאַרגונען אַ נצחון, האָט אויסגעגאָסן איר עמער וואַסער, כדי זיי איבערצוגיין מיט ליידיקן, האָט צוריק אַרויף־אַוואַנסירט ביז צו די שטערן, צו דעם מזל דלי, וואָס האָט דער מזל בתולה נישט פאַרגונען איר חתן, האָט אויסגעטרוקנט זיין עמער וואַסער, כדי זי איבערצוגיין מיט ליי־דיקן, פּונקט ווי די וויאַדרע איז געוואָרן כביכול אַ טייך; איז אַרויס פון שטעטל און האָט זיך אויסגעשפּרייט אין דער נאַטור, ווו טייכן גיין די פייגל אַריבער מיט פולן, ווי אַ סימן פון מזל־ברכה.

און צולעצט אַ קינסטלעריש־הומאָריסטישן באַנוץ, ווי עס האָט אים ישראל אפרת אין זיינס אַ ליד, וואָס הויבט זיך אָן: „שבע־לה, שבע׳לה, צאי נא הלום / עיניך פוזלות כמו אסל על שכם / עת מלא דלי אחד וריק השני" (מאזנים, חשון תשכ"ז). טייטש: שבעלע, שבעלע, קום נאָר אַרויס, די אויגן דיינע שיקלען, ווי אַ קראָמיסלע אויף די אַקסלען, ווען איין קאַן איז פול, די אַנדערע ליידיק.

און צוריקקומענדיק צום שיקסל אין כמיעלניצקיס צייטן און דער יידענע פון 1848 — כראָנאָלאָגיש איז דער אוקראַיִנישער מאָטיוו עלטער, אָבער מעגלעך אַז דער יידישער איז אויך נישט איבעריק יונג. דען דער ליצנישער טייטש פון אני מלאה יצאתי וריקם השיבני השם איז אפשר קאָמפּליצירטער: השיבני [= ער האָט מיך אומגעקערט] איז געטייטשט געוואָרן ווי הושיבני [= ער האָט מיר געזעצט] און ריקם [= ליידיק] ווי ריקים [= זעלנערס].

14. אַ מעשה מיט אַ בעזעם

א

גיוואַין גיזאַין באַיזים — אָט די דריי ווערטער, און אַזוי, דעמאָנסטראַטיוו און פּראָוואָקאַטיוו אַרויסגעזאָגט, איז אַ זאַג וואָס האָט מיך נאָך קינדווייז, אין שפּראַכפאָרשערישן זינען, אינטריגירט. עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט אין אַ חוזקדיק נאָכקרומעניש, מיט וועלכן מיר, בראָדער קינדער, האָבן זיך דיס־טאַנצירט פון אונדזערע שכנים אין די אַרומיקע שטעטלעך; למשל, פונעם צפונ־דיקן שטערוויץ (= שטשוראָוויצע) און בעיקר פונעם דרומדיקן פּידקאַמין (= פּאָדקאַמיען). אַזוי ווי מיר זענען זיכער געווען, אַז אונדזער אַרויסרייד: גיוועין גיזעין בעיזים איז הלכה־למשה־מסיני, איז אונדז אַפילו נישט איינגעפאַלן, אַז דווקא ווייל די אַרומיקע שטעטלעך זענען מער אָפּגעשלאָסן פונעם הויפּטטראַקט, מיט וועלכן מיר האָבן זיך געגרויסט — (אַ קלייניקייט, אין דער סאַמע מיט צווישן קיעוו און ווין) — און די שינעס פון דער אייזנבאַן האָבן זיי אפילו נישט פאַרביי־געשניטן, האָבן זיי אָפּגעהיט אַן עלטערן נוסח־הדיבור, און מיר האָבן, אין שמועס מיט דאָרטיקע יידן בכיוון באַנוצט אַזעלכע ווערטער, וועלכע זענען מסוגל בולט צו מאַכן זייער דרך. אַזוי, אַ שטייגער, פלעג מען אַ פּידקאַמינער יידן פרעגן: מיט וואָס פאַר א גילאַיגנהאַיט זענט איאַ (= איר) גיקימען, מיט הערש טיקיס וואַיגאַלי, וכדומה.

וואָס עס האָט מיך אָבער נישט געלאָזט רוען, איז געווען די קשיא, פאַרוואָס האָבן דווקא די דערמאָנטע דריי ווערטער זוכה געווען צו זיין אַ שם־דבר פאַר זייער דיאַלעקט, און ווער האָט דאָס זיי מזכה געווען?

ב

די ערשטע קשיא: פאַרוואָס, האָט זיך ביי מיר ערשט נאָך יאָרן דערלעבט באַפרידיקנדיקן תירוץ, און ער איז ממש געקומען בהיסח־הדעת — איך פלעג

אַריינקומען צו מײַנעם אַ יוגנטפֿרײַנט, משה שטאָדטמאַוער (איצט: שלמי) וועל־כער האָט געוווינט ביי זיין זיידן, ר׳ שלמה דייטשער, אַ מעקלער פֿון שד״א (— שערות דבר אחר, כלומר: חזיר־האָר), איינמאָל איז צו אים אַריינגעקומען אַ יידענע, אַ שאַרפֿע סוחרטע, און ער האָט זי געשיקט אָנקוקן בינטלעך סחורה; עס האָט נישט לאַנג געדויערט, איז זי צוריקגעקומען און האָט איר תרעומת אויס־געדריקט אין דריי ווערטער: גיוועין גיזעין — פּיזים. עס איז מיר ממש אויפֿ־געגאַנגען אַ ליכט — הייסט עס, אַז אונטער די דריי חוזק־ווערטער, וואָס האָבן נישט קיין זין, שטעקט אַ ווערטל, וואָס האָט אַ בפֿירושן זין. די צרה איז אָבער, וואָס איך האָב דעם נוסח פֿון די דריי ווערטער נאָר דעמאָלט, — (עס איז אַ מעשה מיט איבער פֿערציק יאָר צוריק) — געהערט, און איך האָב מיך שוין כמעט מיאש געווען פֿון אַ צוויט באַגעגעניש. ווייזט אָבער אויס, אַז יאוש איז נישט די בעסטע מידה; ווייל אַזאַ באַגעגעניש איז פֿאָרט געקומען — אין תל־אביב פֿלעגט צו מיר אַריינקומען אַ זקן, ר׳ לייב זיגלבוים, אַ מאדים אויף בראָדער יידיש. איינמאָל דערציילט ער מיר, אַז ער האָט געזוכט אַ דירה, האָט מען אים געראָטן נאָכצוזען דאָ און דאָרט, איז ער געגאַנגען און האָט געהאַט עגמת נפֿש, וואָס ער האָט גאָר־נישט רעכטס געפֿונען און פֿון זיין מויל איז אַרויס מיין אַלטער באַקאַנטער: גיוועין גיזעין — פּיזים. פֿרעג איך אים, וואָס איז שייך אַהער פּיזעס, וואָס איז דאָך אַ מין שאַרפֿע רפֿואה וועלכע מען גיט צו שמעקן אויפֿצומונטערן אַ גוסס, מאַכט ער מיט די פּלייצעס: ווזשע (—וואָס זשע), איאַ (= איך) בוטשים וואָיסט נישט אַז מי זוגט: ס׳איז פּיזים, מאַינט מין, אַז עס האָט אַזאַ ווערדי (= ווערדע) ווי מי פּאַטשט אַ מעס (= מת) אין וויהאַיסמענים (= ווי הייסט מען עס) און מי שטיפּט עים (= אים) כאַלושים (= חלשות) טראָפּן ס׳אַ נעכטיגא טוג, אַן אאוסגיבלוזן אַי (= איי), האָט ניש(ט) וועיאַט (= ווערט) אַ שיס פּילווא (= פּולווער). איך האָב מיך געמאַכט כלא־יודע, אַז איך הער דאָ אַ חידוש און גע־מאַכט אַן אָנשטעל, אַז איך שטויס מיך נישט אָן וואָס האָט עס מיט די אָנגעקוקטע דירות צו טאָן, טוט ער אַ קלאַפּ אויף דער קני זיינער און חזרט זיך נאָכאַמאָל איבער און אָנדערשט איבער איין וואָרט: גיוועין גיזעין — אַ פּזמון. און איידער איך באַוויז ממשיך צו זיין מיין תמעוואַטע שפּיל, פֿאַרלויפֿט ער מיר דעם וועג: און היצט (= איצט) וועט איאַ (= איך) מאַ (= מיר) וועלן דאַצאַילן אַז איאַ וואָיסט נישט וווס ס׳האָיסט פּזמון. שטעל איך מיך ווי איך וואָלט טאַקע גרייט געווען אַזוינס צו דערציילן, אָבער ער טוט אַ זאָג: אַ פּזמון, אַ גראַמפּוץ, אַ פּיץ.

מיין ליבער זקן האָט מסתמא נישט געוווסט, אַז ער האָט דאָ, תוך־כדי־דיבור, געטריבן ביידערליי עטימאָלאָגיעס — אַ פֿאָלקסטימליכע, וועלכע האָט

אָנגעהאָקט אַ שידוך צווישן פּיזעם און צווישן פּזמון, און דער שידוך איז צו־שטאַנד געקומען צוליב זייער ענלעכן קלאַנג און ענלעכן אידיאָמאַטישן באַטייט; אַ וויסנשאַפטלעכע — (גראַמ) פּוץ און פּיץ זענען פון זעלבן שורש און באַטייטן דאָס זעלבע וואָס דאָס דייטשישע Busse, Bosse, Posse (= אַ ליצנות). פאַרוואָס, דאָס ערשטע וואָרט: פּוץ האָט אַן u און דאָס צווייטע פּיץ אַן y באַווייזט, אָדער אַז דאָס וואָרט איז צווײמאָל אַריין אין בראָדער יידיש און דאָס לעצטע איז דאָס פּריערדיקע, אָדער אַז לעבן גראַמפּוץ (= Reimposse) האָט זיך אויך אַרומגע־דרייט דער קלאַנגלעכער קאָנקורענט: Krampus (= אַ מין בדחן, פריילעכמאַ־כער וכדומה).

ג

די אַנדערע קשיא: וועד — לאָזט זיך לייכט פאַרענטפערן, אויב מיר נעמען אָן, אַז דער בראָדער פּיזעם און דער פּידקאָמינער באַיזעם זענען ביסודם אידענטיש, און אַז ביידע מיינען דאָס וואָס רופט זיך אין דער גמרא: מושק, אין מיטעלעלטערלעכן לאַטיין muscum, און איז אויך געווען דער טייטש פונעם חומש־וואָרט: מוֹר. נח שפּירא דערקלערט, אין זיין אַרבעט איבער מושק אין העברעישע מקורים, (לשוננו, ניסן תשי״ט, זז׳ 185—187), אַז דער מושק moschus moschiferus איז אַ זויג־חיה, ענלעך צו אַן אינד, אָבער אָן הערנער, און געפינט זיך אין די באַרגיקע סביבות פון טיבעט, אַלטאַי, הימאַלאַיאַ און יאַקוטיע. דער ער (זכר) האָט אויפן בויך אַ מין בייטל אין וועלכן די דריזן טריפן אַריין דעם מושק, אַ ווייכע מאַטעריע, וואָס האָט אַ זייער שאַרפן ריח און ביטערן טעם, און ווערט באַנוצט אין דער בשמים־אינדוסטריע און איז זייער טייער. ער ברענגט דאָרט ווו ער ווערט דערמאָנט אין דער גמרא: מושק, מוסכין; רש״י רופט אים מושגא ר׳ סעדיה גאון פאַרטייטשט מוֹר (שמות ל״ג כ״ג) — מושק (אלמסך), אַזוי אויך דער רמב״ם. דער ראב״ע האַלט נישט פון דעם טייטש, אַזוי אויך דער רמב״ן, די אַלע מיינען אַז דער מושק איז דאָס בלוט פון דער חיה, אָבער דער ראַ״ש רעדט וועגן איר שוויס, און ערשט אבודרהם רעדט וועגן אַ בייטל (כיס). אַזוי הערן מיר די דעות פון אַברבנאל, ר׳ בנימין מוספיא, ביז די משכילים — ר׳ ברוך לינדא וואָס רופט די חיה ביזאם ביז ר׳ אברהם ברוך פּיפּירנאָ וואָס באַשרייבט זי ווי עס דאַרף צו זיין, און דערמאָנט אויך, אַז עס איז פאַראַן אַן אַנדערע חיה זיביט״ו, וועלכע מען רופט אויך חתול של הזיביט״ו, וואָס גיט דעם מוסקו.

אגב, אין די נידערדייטשישע דיאַלעקטן הייסט אַ סאָרט בלומען, וואָס פאַרמאָגן אַן אָנגענעמענעם ריח Musch אָדער Mőősch, וויזט אויס אין פאַרבינד מיט moschus אָדער דעם נאָרוועגישן וואָרט muske וואָס מיינט ריח, אַראָמאַט.

ד.

דאָס וואָרט מושק געפינט זיך אין מאָדערנעם העברעיש. אָט האָב איך אָנגעזאַמלט אַ פּאָר משלים — אברהם מאפו: וכמוסקוס הזה כן התורה לתופשי התורה וכן הדעת למשכילים; זכה — נעשה לו סם חיים לא זכה — נעשה סם מות״ (עיט צבוע, חלק ג׳, פרק ז׳). טייטש: אַזוי ווי דער מוסקוס איז די תורה פאַר אירע לערנערס און די וויסנשאַפט פאַר אירע געבילדעטע, איז ער זוכה ווערט ער אים אַ סם צום לעבן, איז ער נישט זוכה ווערט עס אים אַ סם צום טויט. יל״ג ווייטער הט אַ משל, וואָס הייסט: המושק והשפן; טייטש: דער מוס־קוס און דאָס קיניגל. און ער דערקלערט: Le musc, דאָס מאָשוסטיער און דער־מאָנט: די גמרא, רש״י, רמב״ם און פאַרענדיקט מיט לעווינזאָנס בוך איבער דער זאָאָלאָגיע פונעם תלמוד. ח. נ. ביאַליק שרייבט: „ובישם שלמה את האגרת במושק ויחתמנה בטבעת״ („שלמה ובלקיס״), טייטש: און שלמה האָט דעם בריוו באַ־שמעקט מיט מוסקוס און האָט אים פאַרחתמעט מיט אַ פינגערל; „וגם מן המושק והענבר והאהלות ועצי ההבנים שלחה בידם״ (דאָרט), טייטש: און אויך פון מוסקוס און פון בערנשטיין און אַלאָען און עבנהאָלץ האָט זי דורך זיי געשיקט. „כי מור ומושק תטופנה עיניה וקומה לה כברוש רענן״ (דון קישוט), טייטש: ווייל מיררע און מוסקוס טריפן אירע אויגן און זי האָט אַ שטעל פון אַ ציפּרעס. און יידיש זע זלמן שניאור: „אין געמיש פון וויך און ווייב / ווי פאַטשולי און ווי מוסקוס / שטראָמען אויס אַ שווערן דופט״ (40 יאָר וכו׳, ליד: באַהעמיען, ז׳ 63

און אַזוי ביז היינט — זע, אַ שטייגער, י. שמואל („אשליות טרופות״, תשכ״א, ז׳ 5):

וְקַרְקַע הַנִּמְכֶּרֶת לְלִטּוּפוֹ שֶׁל קַיִץ
הֵרָה סוֹדוֹת טְמִירִים וְזוֹמְמָה נִסִּים,
וְרֵיחַ מוֹשֶׁק כָּבֵד עוֹלֶה מִקְּצֵה הַחַיִץ
וּצְחוֹק וּבְכִי מִן הַשִּׂיחִים נָסִים.

טייטש: און די ערד וואָס גיט זיך איבער דעם גלעט פון זומער, שוואַנגער פון באַהאַלטענע סודות און טראַכט אויף נסים, און אַ שווערער מאָשוס־ריח גייט אויף פון עק צווישנשייד, און געלעכטער און געוויין אַנטלויפן פון די קוסטעס.

ה.

אַט דער מוסקוס הייסט יידיש: פּיזעם, און אויב מיר נעמען אָן אַז דאָס מיינט אויך דער פּידקאָמינער באַיזעם פּרעגט זיך, אויב בייזעם איז אַ פּריער־דיקע אָדער שפּעטערדיקע פאָרעם, און די תשובה איז אַ טאָפּלטע. דען עס קען גריילעך זיין אַ פריערדיקע פאָרעם, וועלכע מען האָט אויך אין בראָד באַנוצט, און אַ שטיקל ראיה געפין איך אין אַן אַנדער, נישט פאַרשריבן בראָדער ווערטל: זיאַך (= זוך) באַראַ (= ביי אַ) טכאַר (= טכויר) אין ביזעם (= בוזעם), וואָס איז מסתמא אין גרונט: זוך ביי אַ טכויר פּיזעם, ווי עס באַווייזט דאָס פּוילישע: tchórz zybetu rodzić nie może (= אַ טכויר קען קיין ציבעט נישט געבוירן), וועלכעס עס ברענגט יוליאַן קזשיזשאַנאָווסקי אין זיין בוך איבער דער אַלט־פּוילישער פּאַצעציע (וואַרשע, 1960, ז' 351), לויט אַן אַלטן חיבור און נעמט אָן, אַז עס איז אַ ווערטל. מיר האָבן שוין פריער געהערט וועגן ציבעט — עס איז די חיה vivera zibetha וואָס גיט אויך אַרויס אַ שאַרף־ריח'יקע מאַטעריע ווי פּיזעם.

אָבער אונדזער ווערטל קאָן אויך זיין אַ שפּעטערדיקע פאָרעם און מעג־לעך אַפילו אַ משכילישע קאָרעקטור. ערשטנס, קען זיך פּידקאָמין באַרימען מיט איר ר' אַברהם יצחק לאַנדאָ וואָס האָט געהאַט אַ האַנט אין „קונדס" און מיט אַ קנאָפּ צוויי דורות נאָך אים מיט איר בערל מרגליות, באַקאַנט ווי בערל בראָדער. צווייטנס הייסט דאָך פּיזעם דייטשיש Bisam, Biesem, Bisem, Bisen און פּויליש: piżmo, און דער פאַרבייט פון פּ"א ובי"ת איז נישט קיין נאָווינע — האָט מען, אַ שטייגער, ביי אונדז אין שטאָט פאַראַדירט באַרכן קליידל אויף אַ פּאַרכן קליידל, נישט ווִיסנדיק אַז עס איז אידענטיש — זיגמונט גלאָגער ברענגט אין דער אַלטפּוילישער ענציקלאָפּעדיע דאָס פּוילישע באַרכאַן, באַרקאַן, באַראַקאַן, דאָס אַראַבישע בערקאַן, דאָס איטאַליענישע באַראַקאַן, דאָס דייטשישע בער־כענט, אָבער אויך דעם לאַטיינישן באַצייכן פאַר פּוילישע וואָולעבערס — סיי טעקסטאָרעס סיי פּאַרכאַניסטע. און אַזוי דערמאַנט יצחק באַשעוויס איינעם „וואָס האָט צוגעשטעלט די וואַרשעווער פּוילישע רעסטאָראַנען האָזן, פּעזאַנטען און נאָך אַזוינע דעליקאַטעסן" (אין דער אַלטער און נייער היים", פאָרווערטס, 19 אָקטאָבער 1963). פּויליש הייסט עס bażant, דייטשיש Fasan, גריכיש־לאַטייניש fasianos, העברעיש פּסיונים. דריטנס, האָט עס דאָך געמוזט זיין אַ משכיל, אָדער אַ משכילישע סביבה, וועלכע האָט אין אונדזער ווערטל בפירוש פאַראַדירט דעם תוכן און דעם ריטם פון לאַטיינישן veni vidi vici [= איך בין געווען, געזען, מנצח געווען]

און אויב אונדזער הנחה איז ריכטיק, האָבן מיר דאָ אַ טשעקאַווע שטיקל: אַ משכילישער אויפטו ווערט אַ שם־דבר פֿאַר אַן אָפּגעלאַכטן פּראָווינציאַלן, על כל פּנים נישט־משכּילישן, שמועס־שטייגער. באמת, מעשה בומעראַנג.

ו.

דער ענין פּיזעם פֿאַרנעמט אַן אָרט אין דער הלכה: „בשמים וואָס זענען ניט פֿון אַבֿוים און נישט פֿון דער ערד דהיינו פּיזעם מאַכט מען ברוך אתה וגו׳ בורא מיני בשמים, דאָס איז טייטש (בורא) וואָס ער האָט באַשאַפֿן מיני בשמים" (ספר מקור הברכה, מונקאַטש, תרנ"ה, ח"א, נ"ג ע"א). די קשיא וואָס עס איז זיין עקוויוואַלענט אין לשון קודש ווערט פֿאַרשיידן פֿאַרענטפֿערט — מיר האָבן שוין געהערט וועגן: מור דרור; קומט נאָך צו בושם, אַזוי האָבן מיר דאָס לויט תרגום שני וועגן די מתנות פֿון מלכה שבא, אז זיי האָבן כולל געווען גאָלד און גוט געשטיין און וואָרצלען און פּיזאָם (זע גרינבאַום אַנטאָלאָגיע, ז׳ 214—215), אָבער דער מלמד שיח (ז"ב ע"א) פֿאַרטייטשט: „וקידה אונ׳ פּיזום י"א [= יש אומרים] אונגבר", און אין דער הקדמה האָלט ער עס פֿאַר אַ טעות פֿון די מלמדים; ווייטער אין דער יינגערער צייט האָט מען געפּרוּווט זען דערינען גאָר חלבנה, וואָס איז געוויינטלעך אין דער טייטש־מסורה: גאַלבאַן אָדער טייוולסקויט — אַזוי משה זייפֿערט: „וכל זמן אשר הוא מוציא לאור מכ"ע [= מכתב עתי] עברי המועיל „כחלבנה למת" אין אנחנו חייבים להשתחוות על כפות רגלינו" (הכל תלוי בקאָנקורענץ, הקול, תרל"ט, נומער 23, ז׳ 50). טייטש: און אַזוי לאַנג ער גיט אַרויס אַ העברעיש בלאַט וואָס העלפֿט ווי חלבנה אַ טויטן זענען מיר נישט מחוייב זיך ביקן אויף די באַלנס פֿון אונדזערע פֿיס [= אויף די שפּיץ פֿינגער]. דעסגלייכן ווען ער קלאָגט זיך איבער איינעם אַ געלערנטן „כי יגזול לפעמים מאתנו חצי גליון — — במאמריו המועילים לנו כחלבנה למות" (המגיפה בין הרעדאַקטאָרים העברים, דאָרט, תרל"ח, ז׳ 443), טייטש: וואָס רויבט פֿון אונדז צומאָל אַוועק אַ האַלבן בויגן מיט זיינע אַרטיקלען וואָס העלפֿן אונדז ווי חלבנה א מת, אָדער: „בקום עליכם שואה חדשה, יגזרו תענית ויקראו לפניכם איזה מזמור תהלים אשר יועילו להוותיכם כחלבנה למת" (דאָרט, תרל"ט, נומער 52, ז׳ 758). טייטש: אַז עס קומט אויף אייך אַ ניי פּורעניות, זענען זיי גוזר תענית און זאָגן פֿאַר אייך עפּעס אַ קאַפּיטל תהלים וואָס העלפֿט אייער אומגליק ווי חלבנה א מת. אין אַלע דריי פֿעל מיינט דער שרייבער: עס העלפֿט ווי אַ טויטן פּיזעם. ער האָט עס פֿאַרביטן אויף חלבנה, כאָטש דער מאָשוס האָט אַ גוטן און טייוולסקייט אַ שלעכטן ריח, אָבער בייביידע איז ער גאָר שאַרף.

ז

אָבער דער עיקר באַנוץ מיט פּיזעם, איז לגבי אַ מענטש אָדער אַ זאַך וואָס האַלטן ביים סאַמע לעצט, און כאַפּט זיך צום לעצטן מיטל, וואָס העלפט לרוב אויך נישט — זע, אַ שטייגער, י.ל. פרץ: „ר׳ גבריאלטשען האָט זיך, לא עליכם, אַ דאַרם איבערגעדרייט. ער האָט שוין, זאָגט מען, קוועק־זילבער געגומען, טייל זאָגען אפילו בסוד: פּיזעם אויך!״ (אייזיקל שעכט): אָדער נ. מ. יאסנאָגורסקי וועגן חברה קדישא וואָס זאָגן טרינקנדיק: „חברה! לאָזט אָפּ — — דאָס ברייט איז שוין פּוזעם״ (דער ערשטער זווג, בערדיטשעוו, תרע״ד, עמ׳ 36), אָדער אלכסנדר מוקדוני: „ער האָט ניט קיין בעשטימטע סאָציאַלע פילאָזאָפיעס, וואָס זאָלען איהם דינען ווי פּיזעם־איינשפּריצונגען און וואָס זאָל איהם מאַכען פאַר אַ קעמפער״ (מאָרגען־זשורנאַל, 14 אפּריל 1945).

בקיצור: דאָס וואָרט פּיזעם וועקט טרויריקע אסיאָציאַציעס, חוץ דוגמות ווי אַ שטייגער אליקום צונזער: „מיט אַ גאָלדענעם קייט און אויבל / טוט מען זיך שוין שעמען, / מיט אַ ביזעמפּעלץ און סויבל / זעט מען אבי ווענען״ (אַלע ווערק אויסגאַב מרדכי שעכטער, באַנד 1, ז׳ 108, שורות 5—8), אָדער ברוך האַגער: „אויסגעטאָן פון בגדי שרד: זיידענע בעקעשעס, פאַרביקע, געבלעטערטע, זיידענע כאַלאַטן, סויבעלנע טוליפּעס, סויבעלנע היטלען. אָרעם און פּראָסט: אַ לאַסטיקענע קאַפּאָטע מיט אַ פּיזענעם ספּאָדעק״ (אפשר זיך פאַרזינדיקט, די אידישע צייטונג, 6 סעפּטעמבער 1964).

15. קאָסע אין לוח

א

עס פּאַסט זיך ווי אַ קאָסע צו אַ לוח — איז מיר נאָך קינדווייז אויסגעקומען צו הערן, ווי אַ משל אויף צוויי מענטשן, זאַכן וכדומה, וואָס פּאַסן זיך יאָ, און מער נאָך ווי אַ משל אויף צוויי מענטשן, זאַכן וכדומה וואָס פּאַסן זיך נישט. איך האָב עס בלויז געהערט אין דער פּאָרעם, און נישט אין לענגערן נוסח, סיי ווי עס ברענגען עס בערנשטיין־זעגאַל, סי׳ 3120: אַ קאָסע מיט אַ לוח, און אַ סליחה מיט אַ פּייערצייג, סיי ווי א. ליטווין [= שמואל הורוויץ] אין זיינעם אַ פּעליטאָן: „אַט צונויפפּאָרן אַ קאַץ מיט אַן ענדיק, אַ קאָסע מיט אַ לוח — אַט דאָז איז אַ ענין!“ („קיבע׳לע שמאַנט“, ראָמאַנצייטונג, וואַרשע, 1908, נומער 18, זייט 547).

פרעגט זיך: פּאַסט זיך באמת אַ קאָסע צו אַ לוח? איז עס אודאי אַ משונהדיקע קשיא, אָבער זי האָט מיך לאַנג אינטריגירט און אָפּגעקאָסט אַ היפּש שטיקל צייט און מיך געפירט אויף וועגן און אָפּוועגן, וואָס האָבן מיר שטאָט אַן איינציקן זיכערן תירוץ דערלאַנגט עטלעכע מסופקדיקע תירוצים, אַזוי אַז עס לאָזט זיך פרעגן, צי די גאַנצע מוטשעניע איז כדאי געווען. וועל איך אויף דעם פרעג נישט ענטפערן, און דעם ענטפער איבערלאָזן דעם לייענער, וואָס וועט האָבן געדולד בין מנחה למעריב דורכצולייענען דעם פּראָטאָקאָל פון דער דאָזיקער פאַרשע־רישער עקסקורסיע, וואָס איך פאַרשרייב דאָ פאַר אים.

ב

פאַרשטייט זיך, אַז דער ערשטער שריט צו פאַרשטיין דאָס ווערטל, ווי איך האָב עס געהערט, דאָס הייסט אין זיין קירצסטן נוסח, איז אַ פאַרגלייך מיט אַן אַנדער ווערטל וואָס האָט צו טאָן מיט אַ קאָסע, דהיינו: ער האָט געטראָפן

(אָדער: אָנגעטראָפֿן) יאַק (אָדער: ווי) קאָסאַ נאַ קאַמיען [= אַ קאָסע אויף אַ שטיין] ווו די אַליטעראַציע פון די צוויי קופּ'ן (בולטער פּויליש, ווייל אין איר איז קאָסאַ, מלעיל, בשעת אין רוסיש איז זי מלרע).

פּויליש גייט דאָס ווערטל trafił (natrafił) jak kosa na kamień
רוסיש: naszła kosa na kameń אוקראַיניש ווייטער najszła kosa na kamiń

און עס מיינט אַז איין עקשן האָט אָנגעטראָפֿן אויפֿן אַנדערן. דאָ ווילט זיך באַמערקן, אַז פּויליש האָט אַ ווערטל trafił kos na kosa, ווו kos מיינט גרונטיק אַ מין פויגל, אָבער ווערט באַנוצט אין באַטייט פון אַ פּראַנט, אַזוי אַז kos מיינט אויך דריידלעך, פוילע שטיק. אָבער קערן מיר זיך אום צו אונדזער ווערטל, כדי צו באַמערקן, אַז מיר האָבן עס, כמעט ווי עס גייט און שטייט אין סלאַוויש, אויך אין יידיש — אַזוי, אַ שטייגער, שמ"ר: „אונ קוים האָט ער איהם פון זיין שטוב אַרויסגעפּאַטערט האָט ער זיך גינומען צו ליזען: ער האָט אָבער גיטראָפין וויא מיא זאָגט קאָסאַ נאַ קאַמין ליזע וואר איין אָרדענטליכע פרוי" (האָניג פון אלייב", ווילנע, תרנ"ו, ז' 12); אָדער: „איך מוז דיר די וואַרהייט זאָגען אַז דאָ האָבין זיך צו זאַמען געטראָפן וויא מיא זאָגט קאָסאַ נאַ קאַמיען, וועלוועלע איז אַזאַ הונד וואָס פּערדינט דעם שטעקין" („צווישען צוויא פלאַמען", 1־טער טייל, ז' 54); אָבער וואָס האָבן מיר פון דעם פאַרגלייך, אַז די ווידעראַנאַנד־שייכות צווישן אַ קאָסע וואָס פאַרהאַקט זיך אין אַ שטיין איז קלאָר, בשעת אַפילו אַ נייטראַלע שייכות צווישן אַ קאָסע און אַ לוח איז זייער מטושטש, אַזוי אַז מיר זענען נאָכן פאַרגלייך פּונקט אַזוי קלוג ווי פריער.

אמת, בערנשטיין־זעגל באַמערקן, אין זייער לענגערן נוסח, וואָס ברענגט צוויי פאַרלעך, אַז עס האַנדלט זיך אין צוויי זאַכן, וואָס פּאַסן נישט צו אַנאַנדער, אָבער פון דעסטוועגן דאַכט זיך, אַז עס איז פאַרט דאָ אַ שייכות: אַז מען וויל קאָסען היי, מוז מען נאָכקוקן אין לוח, וואָס פאַר אַ וועטער עס וועט זיין, און אַז מען שטייט־אויף ביינאַכט צו סליחות האָט מען אין אַלטע צייטן געמאַכט ליכט מיט אַ פייערצייג. איז עס אָבער אַ פּשט'ל, און נישט בלויז מחמת דעם, וואָס אַ סערפּ צו שניידן תבואה וואָלט געווען אַ בילכערער קאַנדידאַט, און נישט בלויז מחמת דעם, וואָס קאָסען איז נישט אַזאַ היימישע זאַך ביי יידן, אַ זיי זאָלן עס פאָרן מיט אַ לוח און אַ סליחה, נאָר אויך מחמת דעם, וואָס דאָס יידישע ווערטל האָט נישט אַזאַ גרויסן צוטרוי צום לוח, און טאַקע בערנשטיין־זעגל ברענגען סי' 3112:
ווער עס קאָכט נאָכן בוך, און זייעט נאָכן לוח, דער האָט אַ רוח.

ג

נו, אַזוי ווי אונדזער ווערטל האָט זיך אונדז נישט אַנטפּלעקט ווי עס שטייט און גייט, נעמען מיר קלערן, אַז אפשר האָט דאָ קאָסע אַן אַנדערן באַטייט. האָט דאָך סלאַוויש kosa און פון דעמזעלבן אָפּשטאַם czosać, czesać (= קעמען) דעם באַטייט צאָפּ, אָבער דאָס האָט נאָך ווייניקער שייכות צו אַ לוח, בלייבט נאָך kosa אין באַטייט פון שטערנבילד אָריאָן, ווי אַן איבערזעץ פון coma Berenices, דאָס הייסט די האָר פון בערעניקע (דאָס ווייב פון דעם מצרישן קיניג תלמי אויערגעטעס) וואָס צוליב זייער שיינקייט האָבן די דיכטער זיי אַוועקפּאַרטראָגן צווישן די שטערן; אָבער דאָס פאָלק האָט עס געהאַלטן פאַר אַ קאָסע, אַ שניט־כלי, און די שטערן הייסן kosiarze [= שניטערס]. איז אַפילו שכיח, אַז מזלות זאָלן זיין אויסגעמאָלן אין אַ לוח, אָבער דערצו זענען געווען בילכערע בעלנים ווי אָריאָן, וואָס ווערט געווינטלעך פּירגעשטעלט, לויט דער גריכישער מסורה, ווי אַ יעגער, צוגלייך דעם אשורישן און תנכישן נמרוד, און ער הייסט ביי אונדז כסיל (מאַרטין לוטער באַמערקט צו דעם שטערן, אַז די דייטשישע פּויערן האָבן אים גאָר גערופן יעקבס־לייטער).

דאַכט זיך, אַז עס וועט אונדז נישט גיין בעסער, אויב מיר זאָלן מאָביליזירן אַנדערע באַטייטן פון דעם שורש — ווי, אַ שטייגער, עס ברענגט מיכה יוסף בערדיטשעווסקי: „סלויפט אַריין די מוטער אַ ווייבעל פון אַ יאָר דרייסיק, אַ הויכע און אַ דאַרע, מיט אַ קאָסינקע אויפן קאָפּ“ (יודישע כתבים פון אַ וויטען קרוב, טייל 2, ז׳ 84). דאָס מיינט אַ דריישפּיציק קאָפּטיכל אין אוקראַינע און ווייסרוסאַלנד, וואָס עס פלעגן בעיקר טראָגן די פּויערטעס, און איז, ווי מיר זעען, אויך שכיח געווען אין דער יידישער גאַס. נו, האָט עס ווידער אַ מסופּקדיקע שייכות צום לוח, פּונקט ווי עס האָט מסתמא נישט קאָסע, סקאָסנע, נאַ סקאָס, קאַסאָקי, וואָס מיינט קרום, שיף, זעזאָוואַטע וכדומה. פאַראַן אויך אַ וואָרט קאָס, וואָס איז אַ טייל פון דער מיל־מאַשינעריע, ווי עס ברענגט יוסף ראָלניק איבער דער דאָרפס־מיל: „דער מייסטער, אַ יונגער און גיכערער אין פאַך, / איז שפּעט ביינאַכט פאַרן גיין שלאָפן / געגאַנגען זען צי יעדע זאַך / איז אויף דעם ריכטיקן אָרט און שטעל: / צי שייערט זיך נישט איין שטיין אין צווייטן / דער קאָס צי איז פול און צי דאָס מעל / אין קאַסטן וואַקסט אין ווייסע געטורעמטע בייטן“ („אַ פענצטער צו דרים“, ניו־יאָרק 1941, ז׳ 78), דעסגלייכן: „ווען דאָס ערשטע מעסטל איז שוין פאַרשאָטן אויפן קאָס / און דאָס ערשטע ביסל מעל / פאַלט אויפן דעק פון קאַסטן אַראָפּ“ (דאָרט, ז. 90), דאָ מיינט קאָס דאָס סלאַווישע kosz, kosza וואָס הייסט יידיש

קויש, און איז אויך אַ באַצייכן פאַרן קויש אין מיל איבערן שטיין פון וואַנען עס שיט זיך די תבואה. אָבער ווידעראַמאָל: וואָס האָט דער קויש צו טאָן מיטן לוח, שוין אָפּגעשמועסט פון דערמאָנטן סלאַווישן kosa, koca וואָס הייסט אויך אַ צעפּל.

ד

קומט נישט אַנדערש אויס, נאָר מיר זאָלן פּרוּוון אָננעמען, אַז אין אונדזער ווערטל איז גאָר די קאָסטע קיין קאָסטע נישט און דער לוח קיין לוח נישט, אלא צוויי ווערטער, וועלכע האָבן דווקא אַ שטאַרקע שייכות צווישן זיך, אָבער אַזויווי זייער גרונטיקער באַטייט איז פאַרגעסן אָדער מטושטש געוואָרן, זענען זיי מגולגל געוואָרן אין צוויי קלאַנגיק ענלעכע און פאַרשטאַנדלעכערע ווערטער. און כדי נישט לאַנג צו ברייען, זענען מיר מפרש אונדזער השערה, אַז אונדזער ווערטל איז אַרויסגעוואַקסן אין אַ יידיש־פּוילישער סביבה, אַזוי אַז לוח איז גרונטיק בלויז li'ach און נישט lu'ach, און דאָס li'ach איז אַ גלגול פון פּוילישן licho; און אַז קאָסטע איז נישט דאָס פּוילישע kosa נאָר kusy; און סיי licho און סיי kusy זענען סינאָנימס פון רוח, שד, שטן, אַזוי אַז דאָס פּאָרל איז ממש אַ זיווג מן הגיהנום, אַ סך מער ווי עס מיינט דער באַקאַנטער זאָג: עס פּאַסט זיך ווי שקר מיט (צום) שלימזל, וכדומה.

דאָס וואָרט licho אין זיין פריעריקן באַטייט האָט זיך אָפּגעהיטן אין זאָג: cetno czy licho, דאָס הייסט: גראָד צי אום, און אַלעקסאַנדער בריקנער דערקלערט אין זיין עטימאָלאָגישן ווערטערבוך, אַז דער איבערגאַנג צום באַטייט: בייז, שלעכט האָט זיך גענומען דערפון, וואָס די וואָראָזשביטעס (וואָרזאָגערס) פּלעגן פאַר־צייטנס מאַכן סתם שטרעכעלעך אין אַש וכדומה, און שפּעטער נאָכציילן; איז די צאָל אויסגעפאַלן גראָד — איז עס געווען אַ גוטער סימן, איז אָבער די צאָל אויסגעפאַלן אום — איז עס געווען אַ שלעכטער סימן. הייסט עס טאַקע עד היום: komu padnie cetnem, komu padnie lichem [= וועמען עס וועט אויספאַלן גראָד, וועמען עס וועט אויספאַלן אום], אין זינען פון מזל און שלימזל.

דאָס וואָרט cetno אין הייַנטיקן פּויליש שכיח בלויז אין שפּיל, אָבער נאָך אין 16־טן יאָרהונדערט האָט cetno אַ באַטייט פון אַ גראָד־צאָל, — אַזוי שרייבט דער אַריאַנישער דיכטער גזשעגאָזש פּאַוועל פון בזשעזשין אין אַ ליד צו קאַלווין, וואָס האָט די דרייאייניקייט אויסגעביטן אויף אַ פיראייניקייט (אין דער אַנטאָלאָ־גיע פון יאַן דיר־דורסקי, 1948, ז' 31): / A Bóg też rad widzi
Liczbę co nie *jest cetnem,* choć kto z tego szydzi/Bo prawdzivie ci *trzej* są

[= ווייל גאָט זעט גערן, אַ צאָל וואָס איז נישט קיין פּאָר, כאָטש עמעץ מאַכט חוזק דערפון, ווייל אין דער אמתן, זענען זיי דריי פּאַרהאַן]. אגב האָבן מיר אויך אין אונדזער קינדער־שפּיל אום צי גראָד און דאָס שפּיל ווערט שוין דערמאָנט אין דער ערשטער העברעישער דראַמע, „צחות בדיחותא דקידושין", וואָס חיים שירמאַן האָט אַרויסגעגעבן פון כתב־יד און האָלט פאַר איר מחבר דעם איטאַליעניש־יידישן שרייבער ר' יהודה סאָמאָ — עס הייסט דאָרט „ונאספה מהגרגרים בלי מספר ונצחקה עמהם בזוג ונפרד — — לא יאות לנו פה על מספר שוה ונפרד" (זייט 47). טייטש: מיר וועלן אַנקלייבן פולע פאַלעס אומגעציילטע קערנער [פון באָקסערן] און שפּילן מיט זיי פאָר און געטיילט [= אום צי גראָד] גייט אונדז נישט דאָ וועגן צאָל פון גלייך און געטיילט [= אום צי גראָד]. דאָס קינדער־שפּיל ווערט פויליש אָנגערופן בקיצור cet˝lich (אַזוי אין וויטעשאַרקעוויטשס ווערטערבוך פון וואַרשעווער פּוילישן דיאַלעקט אין 19־טן יאָרהונדערט, וואַרשע, 1966) און אַזוי ווערט פאַרענטפערט פאַרוואָס דער שפּיל פון אום־צי־גראָד האָט געהייסן שפּילן צעטלעך.

דער עיקר פאָר אונדז איז אָבער דאָס וואָרט licho וואָס באַטייט גרונטיק איבעריק (אוקראַיניש: łysze — בלויז, פּויליש liszyć się — איבערבלייבן) און איז אויך אַריין אין יידיש, — זע, אַ שטייגער, אין דער ערשטער מודעה, אויף דער ערשטער זייט אין ערשטן נומער פון „קול מבשר" — עס הייסט דאָרט (11 אָקטאָבער 1862): „נאָר אַזוי ווי מיר האָבן דעם פּרייז זייער וואָלוויל געמאַכט, קענען מיר נישט קיין לישנע בלעטער דריקן". לישנע מיינט דאָ, פאַרשטייט זיך, איבריקע. און ווער קען דאָס נישט סאָוועטישן טערמין: לישאַניעץ, דער וואָס האָט קיין רעכט נישט און איז, בעצם, אַן איבריקער. אויך אין lichy באַטייט פון אומווערטיק, פאַרטאַצקע וכדומה, האָבן מיר אין יידיש, אין קינדוויז האָב געהערט לעבן אַ ליאַדע טאָג אויך אַ לעכע (ליעכע) טאָג, אַזוי ביי שלמה עטינגער „אַ גאַנצע לעכע טאָג הערט מען דאָך נישט מער נאָר — —" (סערקעלע, כתבים, אויסגאַב ווײַנרייך, באַנד 2, ז' 332) וואָס האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן ווי אַ פאַרקוועטש פון: אַ גאַנצן לעכטיקן [= ליכטיקן] טאָג, בפרט אַז עטינגער נוצט אַ ווערב לויכן, זע אַ שטייגער: קוקט זי נאָר אַן די לויכנדיקע צרה„ עס דאַכט זיך איר אויך, אַז איר שיינט גאָר, די פאַסקודניצע" (דאָרט, ז' 342). ווי אויך: „קוקט אַן דעם מענטשן אפילו דעם רייכן / קוקט אַן זיין לויכנדיקן סוף" (דאָרט, באַנד 1, ז' 36). ווײַנרייך ברענגט אין ווערטער־זוכצעטל (דאָרט, ז' 611): לויכנדיק = לייכטנדיק, שיין, אַזוי אַז ביידע באַנוצן מוזן זיין איראָניש, און דער ווערב איז דעמאָלט אפשר בלויז אַזוי באַנוצט געוואָרן, און מעגלעך, אַז עס איז געווען

אַ באַנוץ: לא־כן־דיק אויפן שטייגער פון אַ לא יוצלח, לא לנו, ענלעך דעם מערב־יידישן אַ לאַ־חפץ. שווערער אָנצונעמען, אַז עס האָט צו טאָן מיטן אלט־יידישן לאַיכן [= אָפּנאַרן].

ה.

ווייטער דאָס וואָרט licho אין זינען פון בייז, שלעכס, שלאַק, פורעניות, קומט פיר אין כמה וכמה פוילישע ווערטלעך: Cicho, niech śpi licho [= שטיל, זאָל שלאָפן דאָס בייז], Siedź cicho, gdy śpi licho [= זיץ שטיל, בשעת עס שלאָפט דאָס בייז], יוליאַן קדשיזאַנאָווסקי באַמערקט אָבער (Mądrej głowie etc. וואַרשע 1960, באַנד 2, ז' 164, ווי אויך אין זיין ווערטער־בוך פון פוילישן פאָלקלאָר), אַז דאָס פּאַראַלעלע ענגלישע ווערטל רעדט וועגן הינט, וואָס מען טאָר זיי נישט וועקן, אָבער אונדזער ווערטל האָט אַ שייכות צו די מעשיות פון טיפּ T 1137, ווי די מעשה וועגן קיקלאָפּ פּאָליפעם פון דער אָדיסייע, נאָר אַנשטאָט דעם גריכישן איינאויגיקן קיקלאָפּ האָבן מיר אַ מין שד וואָס פרעסט מענטשן, און הייסט Licho אָדער Bieda דערפאַר הייסט עס אויך אין אוקראַיניש Ne zaczepaj z bidoju chaj bida spyt [= דערטשעפּע נישט די בידע, זאָל די בידע שלאָפן] וואָס איז אויך אַריין אין גערעדטן יידיש. פונדעסטוועגן האָט זיך דער פוילישער פאָרשער געקווענקלט, צי דער קיקלאָפּ האָט טאַקע אַ שייכות צום סלאַווישן שד וואָס זיין עובדא איז, דורך כלערליי כישוף־פּאָרטלען צוצוציען, איבערצורעדן און פאַרפירן מענטשן. דער דאָזיקער שד, רוח אָדער שטן, קוקט על כל פנים, אפיר פון אַזעלכע זאָגן ווי: Żeby cię licho porwało [= עס זאָל דיך דאָס בייז פאַרכאַפּן], נאָך מער: Idż do licha, puste lasy, na gęste bory na rozstajne drogi [= גיי צום בייז, אויף טרוקענע וועלדער, אויף געדיכטע וועלדער, אויף שייד־וועגן]. דער פוילישער דיכטער ס.פ. קלאָנאָוויטש אין זיין Worek judaszów (1600) רעדט איבער אַ שטאָט Judogrod אָדער Lichogrod וואָס איז בדומה דער טערקישער שטאָט פּאַנעראָפּאָליס, ווו פיליפּ מוקדון האָט באַזעצט שלעכטע מענטשן, מנוולים וכדומה.

און יידיש האָט דאָך בפירוש איבערגענומען דאָס וואָרט licho צוזאַמען מיט די ווערטלעך — איך האָב שוין אָנגעוויזן אויף צוויי פון זיי (אין מיין בוך „יריד השעשועים", תשכ"ד, זייט 166): שלמה רעזניק האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אַרום ריזשין גייט אויך צווישן יידן דאָס אוקראַיִנישע: נע זאַטשעפּאַי לעכאַ, נעכאַי לעכאַ טעכאָ [= טשעפּע נישט דאָס בייז, זאָל דאָס בייז שטיל זיין]; יצחק

גנאַנאָוויטש (גניזי) וויטער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אַרום לידע גייט אויך צווישן יידן דאָס ביעלאָרוסישע: ניע טשעפאַי ליכאָ קאָלי ספּיט ציכאָ [= טשעפּע נישט דאָס בייז ווען עס שלאָפט שטיל]. איצט וויל איך צוגעבן אַ ליטעראַרישע ראיה — אייזיק מאיר דיק שרייבט: „נון הייסט עס „ניא צעפּייע ליכא קאַלי שפּיא״ אונ האבין זיך אלזא גיוואונצין צו מאכין אזעלכע בעזוכע כל זמן זייא ועלין עש דארפין״ („דער אונגעבעטענער גאַסט״, ווילנע, תרל״א, זייט 29). און נאָך קלאָרער: „וואָס נאָך איזט אזוא גרינג אויף צו רעגען (אויף צו וועקען) וויא איינע איינגע־שלומטע ליידענשאַפט (תאוה) „יאָ נעצעפּייע ליכע קאַלי שפּי״, לאַזט זיך לייכט בערעדען, דער וואהן (דער טעות) איז קורץ די רייע (חרטה) איז לאנג״ („יהודית דיא צווייטע״, ווילנע, תרל״ה, זייט 16). ווייזט אויס, אַז דיק האָט דערשנאַפּט דעם ענין Licho, וואָס זיין כוח איז אין באַרעדן און איבעררעדן. אגב, באַנוצט זיך דיק מיט דעם וואָרט אין אַן אַנדער ווערטל — אַזוי דערציילט ער וועגן אַ בחור, וואָס האָט פאַרלאָזט זיין שלעכטן וועג און האָט זיך זייער געמוטשעט, ביז ער האָט געקריגן אַרבעט און איז מיט איר מרוצה געווען: „אונ איז געגאַנגען אין שפּאַן זייער גוט, דען ער האָט פערשטאנען פּאַצאָם פונט ליכע״ („מאַטקע אונ הערשקע״, ווילנע, 1873, זייט 58); אָדער: „אייער פרויא — — שטודירט פּאַר גיוויס דאָרטין אין אילון [= ווילנע] דיא האַרטע שולע (דאָס הייסט עס גייט איר זייער שלעכט) אונ וויס שוין פאר גיוויס פּאַצעמו פונט ליכע״ („דער בן־יחיד״, ווילנע, 1875, ז׳ 39). אויך שמ״ר שרייבט: „איך וועל אייך אַלעמען ווייזן ווער עלטער איז איהר וועט בייא מיר וויסען פּאַצאָם פונט ליכאָ״ („דער נייער נגיד״, ווילנע, תרמ״ג, ז׳ 21), און אַ ייִנגערע דוגמה — משה קאָנסטאַנטינאָווסקי: „אַ יונג מיטביינער, געזונט, ווי אַ ריז... און אַז ס׳וועט ווערן ווידער אַמאָל אַ שטרייק פון די שלעפּערס, די בלוט־זויפּערס, וועט ער זיי שוין קאָנען ווייזן „פּאַטשאָם לעכאָ״ („דאָ און דאָרט״, בוענאָס־איירעס, 1935, ז׳ 52). צו דער קאָנסטרוקציע זע אויך חיים הזז („בישוב של יער״, תר״צ, טייל 1, ז׳ 48): „כמה אתה וגם שכמותך הולכים בליטרא״ [= וויפל ווי דו און אויך אַזעלכע ווי דו גייען אויפן פונט]. אָבער דאָס איז אַן ענין פאַר זיך.

קערן מיר זיך אום צום עיקר, כדי צו באַמערקן, אַז מען מעג אָננעמען, אַז אין יידיש־באַנוץ מיט ליכע, ליכאָ שפּירט זיך דער דעמאָנאָלאָגישער אויס־טייטש פון וואָרט, ווי עס באַנוצן עס, אַ שטייגער, די פּאָליאַקן בשעת זיי זאָגן licho, כדי נישט צו זאָגן czart, szatan, djabeł [= שד, שטן, טייוול], כאָטש יידיש איז נישט אַזוי ווייט געגאַנגען ווי פּויליש, וואָס האָט אַ פּאָלקס־מעשה וועגן אַ טאַטן, וואָס האָט געשיקט זיינע זין do licha, און זיי האָבן גענומען

וואַנדערן און האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין פּאַלאַץ פון דעם אייבערשט פון די שדים pan Lichocki (זע יוליאַן קזשיזשאַנאָווסקי ,Polska bajka ludowa w układzie systematycznym וואַרשע, באַנד 1, נומער 382).

ו

אויב licho (= ליכאָ, ליכע) איז אַזוי היימיש אין יידיש־באַנוץ, פאַרוואָס האָט עס זיך נישט דערהאַלטן אין אונדזער זאָג, און איז מגולגל געוואָרן אין אַ לוח, וואָס קלעפּט זיך נישט צו דער קאָסטע? איז עס אַ גערעכטע קשיא, אָבער דער תירוץ ליגט אויף דער האַנט — טאָקע צוליב דעם שכן זיינעם, וואָס איז אין יידיש נישט, אַזוי ווי ער, היימיש געוואָרן. וואָס שייך ווייטער דעם דאָזיקן kusy איז זיין גרונטיקער באַטייט בייסן, טועם זיין, פּרווון, אָבער אין פּויליש האָט דער ווערב kusić אָנגעוווירן דעם באַטייט (עס האָט אים אין (kąsać און הייסט איבעררעדן צו אַן עבירה, און kusiciel הייסט אַן איבעררעדער, און איז דער שם־דבר פאַרן מסית ומדיח, דעם שטן, ווייטער הייסט kusy זייער קורץ און איז אידענטיש מיט kucy, וואָס איז אויך שכיח אין יידיש אין דער פאָרעם קוציק אָדער קוציקל, אַ קליינער מענטש, און, בעיקר, אַ קליין פערד[1].

צום גוישן באַנוץ זע, אַזאַ שטייגער, חיים הזז (כנ״ל, באַנד 2, ז׳ 344) „קומו קומו אַ קוצימו בודי! — נאנח טבל ואמר רמז כלפי ישראל — עד שהשמן נעשה קטן נפשו של קטן יוצאת״ [= האָט טעוול אַ קרעכץ געטאָן און מרמז געווען אויפן פאָלק ישראל, ביז דער פעטער וועט קליין ווערן וועט די נשמה פון קליינעם אַרויס]; צום יידישן באַנוץ זע, אַ שטייגער, שלום עליכם: „אַ פּרוי האָט שוואַכע נערוועץ, די צייט איז איין אומרוהיגע, עס קאָן זיך איר אויסווייזן אַ קוצע קוה פאַר אַ באַרנבוים״ („אַ פסחדיקע עקספּראָפּריאַציע״, קאַפּיטל 1).

---

1) אַזוי האָבן מיר ביי אַדאַם מיצקיעוויטש אין זיין ליד Trojka koni (אַ טראָיקע פערד).
Zaledwie z miejsca, znowu pełno krzyku
Hej — zarżał Lezgin — ty w lewo kucyku

טייטש: קוים (זיך גערירט) פון אָרט, ווידער פול געשריי; העי — האָט אַ פאַרסקע געטאָן דאָס קאַוקאַזישע פערד — דו (גיי) לינקס, קוציק (איינער). און שלמה עטינגער האָט אַ משל: „קיציקל די מאַלפּע״ (כתבים, אויסגאַב ווײַנרייך, באַנד 1, ז. 158).

ז

אָבער בעיקר ווערט kucy באַנוצט צו באַצייכנען קורצע קליידער, אַזוי אַז מען זאָגט nosić się kontuszowo czy z kuca [= גיין אָנגעטאָן אין קאָנטוש אָדער קורץ], און kusy ווערט אויסגעטייטשט ווי דער שטן, דער שד, וואָס לויט די פֿאָלקס־באַגריפֿן גייט ער אין קורצע מלבושים, אַן עדות דאָס ווערטל kusy jak diabeł wenecki [= קורץ געקליידט ווי אַ ווענעדיקער רוח], און פֿראַנטן, וואָס פֿלעגן זיך טראָגן ווי פֿרעמדע, בעיקר ווי דייטשן. אַזוי האָבן מיר ביי מיצקעוויטש אין דער באַלאַדע זיינער וועגן פּאַן טוואַרדאָווסקי [דער פּוילישער פֿאוסט]:

Diablik to był w wódce na dnie
Istny Niemiec, sztuczka kusa
Skłaniał się gościom układnie
Zdjął kapelusz; dał susa

טייטש: אַ שדל איז דאָס געווען אין בראָנפֿן אויף דנאָי, אַן אמתער דייטש, אַ קוסע [= קורצגעקליידט] שטיקל [= אנטיקל], האָט בנעימות באַגרוסט די געסט, אַראָפּגענומען דעם קאַפּעלוש און דערלאַנגט אַ שפּרונג. אין דערזעלבער באַלאַדע הייסט עס: kusa rada [= אַ קוסע עצה, משמע אַ שלעכטע עצה]. דער פּערשט יאַבלאָנאָווסקי דערציילט אין זיינע זכרונות (אַרויס פֿון כתב יד ערשט 1963) איבער אַ וועכטער, וואָס איז משוגע געוואָרן און פֿלעגט שרייבן גראַמען, ווי אַ שטייגער (ז. 37):

Gdy *Niemca* diabeł stworzył, dał mu frak czerwony
Krótką fajkę i ogon w trąbkę skręcony

טייטש: בשעת דער שטן האָט באַשאַפֿן דעם דייטש, האָט ער אים געגעבן אַ רויטן פֿראַק, אַ קורצע פּייקע און אַ ווייִדל פֿאַרדרייט ווי אַ טראָמבעלע[2].

אויך ביי אונדז איז דייטש, דייטשל סינאָנים פֿון אַ פּגע רע — זע, אַ שטייגער, עוזר בלאָשטיין: „וויא וואלט איך בעסער זיין, אַז עס וואָלט קומען אהיצעל, אדייצעל אונ וואָלט זיך צו נויף שמעקין מיט אייער טאָכטער" („די שטאָדט־רויבער", 1911, טייל 1, ז' 43), און נאָך מער אַ סינאָנים פֿון רוח, שד, ווי אַ היפּשע

---

2) דער פּוילישער שד באַרוטאַ, באַקאַנט בעיקר אין דער סביבה פֿון לענטשיץ, איז אַ חאַלד־שד און לויט קאַלבערג האָט אים זיך די שליאַכטע פֿירגעשטעלט אין אַ קאָנטוש, אָבער די פּויערן האָבן אים זיך אויסגעמאָלן אין אַ דייטשישן סטראָי. פֿאַראַן אַ פּויליש פֿאָלקסליד O kusym Janku איבערן קורצן (קורצגעקליידטן) יאַנעק, וואָס גאַרטלט זיך אַרום מיט זיין האַק און שפּאַרט זיך אָן אויף זיין זאַק, און ענלעכע שטותים.

אילוסטראַציע די באַלאַדע פון נפתלי גראָס (לידער, 1958, זייט 173), ווו עס דערציילט זיך, אַז אין ווינטער־אַוונטן „פאָרן בעל־עגלות מיט בוידן און געשפּאַנען / — — זיי פירן דייטשלעך־סוחרים — — / מיט גילדענע זייגערס און מיט שניפּסן / — — און פול געוואָרן זענען גאָר מיט זיי די שטיבער / מען האָט געגעסן און געטרונקען און געזונגען / געצאָלט דעם פולן מקח און זיך גישט געדונגען / — — און אַלע מיט איין קול און איינס און איינס — איין פּנים / ווי די נישט־גוטע — — / נאָך איידער נאָך סע האָט געצומען טאָגן / אַז מיטאַמאָל — ערשט אַלע זענען זיך צעפאָרן / דער ווינט האָט זיך געלייגט, און אַז ס׳איז טאָג געוואָרן / געשטאַנען זענען שטיבער אָן דעכער און אָן שטאָרן / און יידן מיט אָרימקייט אין דרויסן, ווי פאַרלאָרן".

קערן מיר זיך אום צום ענין kusy — לוציאַן שעמיענסקי אין זיין געזעמל פון פּוילישע, רוטענישע, ביעלאָרוסישע פאָלקס־מעשות (פּויזן 1845) ברענגט וועגן אַ שד וואָס אַנטלויפט פאַר אַ בליק, וואָס איז נוהג אים צו טרעפן, באַשרייבט ער אים: w kusym fraczku młody Niemczyk [= אַ יונג דייטשל אין אַ קורצן פראַקל]. אויך יידיש האָט דאָס בילד אין דעם באַטייט — לעבן דעם קינדער־גראַם: שטוצער שטוצער פאַן [= פון] פּאַריז / קורצע הויזן לאַנגע פיס; האָבן מיר דאָך דאָס ביז גאָר באַקאַנטע קינדער־לידל: „אויפן הויכן באַרג, אויפן גרינעם גראָז / שטייען אַ פּאָר דייטשן / מיט די לאַנגע בייטשן / הויכע מענער זענען זיי / קורצע קליידער טראָגן זיי"; און דער [דאָס] דייטשל הייסט אין פאָלקס־ליד און אין דער פאָלקס־מעשה דער שטן, מסתמא נאָך איידער די בערלינטשעקעס זענען געבוירן געוואָרן[3].

פּויליש האָט נאָך כלערליי ניואַנסן, ווי אַ שטייגער kuse dni, די דריי לעצטע טעג פון זאַפּוסט, ווען מען האָט געהוליעט און דאָס יונגוואַרג האָט זיך פאַרשטעלט פאַר יידן, טערקן, פּויערן, ציגיינער, קבצנים, בערן וכדומה. נאָך עפּעס: פּונקט ווי Licho גייט מיט אַ גרויס איניציאַל, וואָס באַטייט אַ נאָמען, דער נאָמען פון אַ שד, אַזוי ברענגט לוציאַן רידעל אין זיין באַקאַנטער דראַמע „דאָס פאַרכשופטע ראָד", צווישן די פאַנטאַסטישע פיגורן אויך לעבן דעם גרויסן שד: diabeł Boruta אויך דאָס קליינע שד׳ל: diáblik Kusy; און דער גרויסער פּוילישער פאָלקס־פאָרשער אָסקאַר קאָלבערג ברענגט אַ מעשה איבער

3) אגב, האָט אויך פּויליש kos אָדער ćwik וואָס מיינט, ווי שוין דערמאָנט, אויך אַ פּראָנט, אין באַטייט פון אַ נאַקעטן מענטשן, ווייטער bezpludrowiec (אָן הויזן) מיינט, ווי סאַנקולאָט, אַ ראַדיקאַלן, אויך ביי אונדז פאַרלאָכט, און אפילו מיטן באַגרץ פון אַ שטיפעריי: אבדו עשתונותיו טייטש: האָט פאַרלוירן די הויזן; לויט אוקראַאינישן štany (סטאַן, הויזן).

אַן איבערדעדער צו שיכרות (לוד, באַנד 8, 1875, נומער 59) און עס הייסט דאָרט:
człeczek z kudłatym nosem — *Pokuśnik* poczyna namawić parobka
[= און אַט אַ קליין, קוציק מענטשעלע מיט אַ קודלאַטע נאָז, דער איבעררעדער הייבט אָן איבעררעדן דעם פּאַראָבעק].

פונדעסטוועגן איז דאָס וואָרט kusy גופא, בפרט אין באַטייט פון רוח, שד, שטן, אין יידיש־באַנוץ נישט היימיש געוואָרן, און אויב מיין היפּאָטעז האָט אַ האָפט, און דאָס וואָרט איז אַריין אין אונדזער זאָג, האָט מסתמא די פּאַראייִנצלט־קייט גורם געווען, אַז קוסי זאָל מגולגל ווערן אין קאָסע, און צוליב דעם איז אויך ליכאַ מגולגל געוואָרן אין לוח.

ח

לויט אונדזער השערה האָבן מיר, משמע, אין אונדזער זאָג צו טאָן מיט אַ גרונטיקן נוסח, וואָס דערמאָנט דאָס דייטשישע mit Belzebub gegen den Teufel [= מיט בעל־זבוב קעגן שטן], און אפשר אויך מיטן זאָג פון גרימעלסהאַוזן (1683, אויסגאַב עקס ליבריס, ז' 152): den Gleich mit Gleich gesellt sich gern, sprach der Teufel zum Kohler דאָס הייסט: דען גלייך מיט גלייך חבר'ט זיך גערן, האָט געזאָגט דער שטן צום קוילנברענער (ביי לוטער אַ סינאָ־נים פאַר אַ בלינד־גלויביקן, אין פאַלק אַ סינאָנים פון אַ שד). איז אָבער די צרה, מיר האָבן נישט אָנגעטראָפן מיט אַ זאָג: jak kusy do licha אָדער jak kusy z lichem, וואָס זאָל זיין אַ מין ווערטל, און עס קען דאָך נישט גע־מאָלט זיין, אַז יידיש זאָל אין אַ פּסעוודאָמאָרפאָז דערהאַלטן וואָס פּויליש האָט פאַרגעסן, אויב עס האָט עס בכלל געהאַט. און צו דער צרה קומט נאָך צו אַ גרעסערע — דער לענגערער נוסח, אויב מיר זאָלן זיך נישט לייכט מאַכן דאָס לעבן און אים האַלטן פאַר אַ געשטוקעוועטן.

און באמת שטעלן אונדז סיי ליטווינס סיי בערנשטיין־זעגעלס נוסח פאַר פּרישע קשיות. וואָס שייך ליטווין — נאָכדעם ווי מיר זעען אין ערשטן טייל אינדיק מיט אַ קאַץ, רעכטן מיר זיך אויף אַ קאָסע, ווי אויף אַ קאָזע, אָבער וואָס האָט דאָס באַשעפעניש צו טאָן מיט אַ לוח, כיבאַי מיר זאָלן אַריינטייטשן, אַז גרונטיק אין געווען: ווי אַ קאָזע צו קאַליענדע, וואָס איז דורך דעם ענלעכן קאַלענדאַר געוואָרן אַ לוח. איז עס סוף סוף נישט מער ווי אַ וויציק פּשט'ל. וואָס שייך ווייטער בערנשטיין־זעגל, פּאַסט זיך אַפילו אַ לוח צו אַ סליחה, אָבער

מעגלעך, אַז דער ענין סליחה און פּיערצייג פֿאַרדינט אַ באַזונדערן באַהאַנדל, וואָס קאָן וואַרפֿן אַ ניי ליכט אויף אונדזער פּראָבלעם.

אָבער דאָס וויכטיקסטע איז, אַז מיר האָבן צו אונדזערע צוויי וואַריאַנטן פֿון ווערטל, צוגעקראָגן אַ דריטן — מאיר האָרוויץ פֿון קיבוץ בית־קמה האָט אונדז דעריבער אינפֿאָרמירט. ווי ער שרייבט אין זיין בריוו (13 סעפּט. 1964) האָט ער אונדזער ווערטל געהערט אין אַזאַ פֿאָרעם: קאַסע, לוכע, שאַאַנע [= קאַסע, לוח, הושענא]. מען האָט זיך מיט דעם ווערטל באַנוצט אויף אָנצו־וויזן אַ סתירה צווישן מענטשן אָדער זאַכן. נאָכמער, ער ברענגט אין נאָמען פֿון זיין מומע, מרת מאַשע דיאַמאַנט פֿון ביאַלאָבזשעג, אין ראַדאָמער קרייז, וואָס וווינט איצט אין תל־אביב, אַ סיפּור המעשה, וואָס זאָל דערקלערן דאָס ווערטל. עס איז אַ מעשה מיט אַ שלימזלדיקן איידעם אויף קעסט, וואָס דער שווער האָט אים אונטערגעטריבן, ער זאָל עפּעס טאָן מכוח פּרנסה, און האָט אים געגעבן אַ סכום געלט. דער יונגערמאַן האָט איינגעקויפֿט אַ כמאַל קאָסעס, אָבער אַזוי ווי ער האָט איינגעהאַנדלט אַ באָוול, האָט ער זיי נישט געקענט אָפּזעצן און דאָס גאַנצע ראַמשל איז אַרויף אויפֿן בוידעם. דער שווער האָט אים מיט אַ שווער האַרץ געגעבן נאָך אַ סכום געלט, און דאָסמאָל האָט דער שלומיאל איינגעהאַנדלט אַ באַרג לוחות, אַ פּאָר האָט ער אָפּגעזעצט, אָבער די איבריקע, תרתי משמע, זענען געוואָרן קאָמערניקעס ביי די קאָסעס. דער שווער האָט שוין מער נישט געוואָלט צעטרענצלען קיין געלט, אָבער די טאָכטער זיינע האָט זיך אַריינגע־לייגט, האָט ער געמוזט נאָכגעבן, און איצט האָט דאָס איידעמל דערטאַפּט אַ כאַפּטע הושענות, און דאָס רוב האָבן, פֿאַרשטייט זיך, אויך אַריבערגעוואַנדערט אויפֿן בוידעם. אַזוי זענען זיך אַלע דריי מיני סחורות געשלאָפֿן אויפֿן בוידעם, ביז עס האָט זיך געמאַכט די גרויסע מלחמה און אַלץ איז געוואָרן אַ סחורה. די גויים האָבן געזוכט, אַלץ גרייט צו קויפֿן, און פֿאַרזשאַווערטע קאָסעס בתוכם. דאָ האָט זיך דער שלומיאל אונדזערער געכאַפּט אויף אַ פֿאָרטל, צו פֿאַרקויפֿן אויך דאָס איבעריקע אַלטוואַרג — אַ גוי וויל קויפֿן אַ קאָסע? — אדרבה, אָבער ער מוז צו דעם קויפֿן אַ לוח און אַ הושענא...

פֿאַרצייכענען מיר מיט גרויס דאַנק, אַז די מעשה איז זייער פּיקאַנט, בעיקר די פֿאָענטע אירע, דאָס וואָס פֿויערן מוזן קויפֿן פֿאַרעלטערטע יידישע לוחות און פֿאַרלעגערטע יידישע הושענות. אָבער עס איז קלאָר, אַפֿילו פֿון עצם דערמאָן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַז דאָס ווערטל שטאַמט נישט פֿון דער מעשה, נאָר די מעשה האָט מען צוגעקלעפּט צום מער־נישט־פֿאַרשטענד־לעכן ווערטל, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש, שוין צוליב זיין פֿאָרעם — אַלע דריי

ווערטער גייען אַן פּאַרטיקלען, ווי עס גייט אַ געוויסער סאָרט פון ווערטלעך, אַ שטייגער, קו, בייטש, שטעקעלע וכדומה. אָבער וואָס שייך דעם אָפּשטאַם, האָבן מיר אפשר אויך דאָ סלאַווישע ווערטער: קאָסע = kosa, לוח[ע] = licho, שאַנע [הושענא] = siano, וואָס לאָזן זיך אַפילו ראַציאָנאַל קאָמבינירן: kosi licho siano [= דער רוח קאָסעט היין], און ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ קאָמבינאַציע האָט אַ האַפט. וואָס מיר באַמערקן אָבער דאָ איז, אַז דער ענין פון פאַרקויפן אַ גוי יידישע לוחות, געפינט זיך ביי שלום־עליכם אין זיין הומאָרעסקע „דריי לוחות", — כדאי צו לייענען.

ט

און צולעצט וועגן פייערצייג, וואָס ווערט דערמאָנט אין נוסח בערנשטיין־זעגל — מיין לאַנדסמאַן, דער דיכטער און פאָרשטער יעקב נתנאל־ראָטמאַן, ברענגט אין זיין אַרבעט איבערן דריידל („הדואר", כ״ג כסלו תשכ״ב) אַן אַלט קינדער־לידל וואָס ער האָט פאַרשריבן פון אַן אַלטער פרוי, מרת אמעלהאַר, ביי אונדז אין שטאָט. עס הייסט: אי נאַ האַרי / אי נאַ באַרי / לעמעשקי מיט פייערצייג / דעמבענע קאָרע: / קאַלעסאַ קאַלעסאַ. דער דערקלער פון די ווערטער: האַרי באַרי — סלאַווישער גראַם, וואָס הייסט: בערג און וועלדער, לעמעשקע — קלאַטשע־פּעדים, פייערצייג — אַ שטאָל מיט קרעמען (און אַ הובקע) אָנצוצינדן פייער, קאַלעסאַ — רעדער. דער דערקלער פון תוכן: אַ המון האָט זיך פאַרזאַמלט אויף בערגער און אין וועלדער, טראָגן קלאַטשע און פייערצייג און דעמבענע קאָרע, צינדן אָן פייערן אויף רעדער און שרייען אויס: רעדער ברענען, רעדער ברענען. דער שרייבער האַלט, אַז דער גערמאַניש־סלאַווישער מנהג צו פראַוון תקופת טבת דורך פייערן איז אַריבער אין דער יידישער גאַס און ער זעט אַ גלגול פונעם סימבאָל פון די פייערן, פונעם פייער־ראָד, אין אונדזער דריידל. דוכט זיך מיר אָבער, אַז ער איז זיך טועה, און אונדזער ווערטל דעקט־אויף זיין טעות, — דען עס איז בפירוש פאַראַן אַ מנהג ווו פייערצייג און סליחה האָבן אַ נאָענטע שייכות, אָבער דער מנהג האָט אַ פריערדיקע דאַטע — אין דער ערשטער נאַכט סליחות פלעגן די קינדער אָנצינדן ליכט אין אַ קאַסטן וועלכן מען האָט געלאָזט שווימען אויפן טייך (עס האָט געהייסן: לאָזן דעם טאַרעם) און דער עולם פלעגט, צוריקקערנדיק פון די סליחות, הנאה האָבן פונעם ספּעקטאַקל פון אַ ברענענדיקן טייך. (זע דעריבער אין מיין בוך „אבני שפה", ז״ז 337—345, ווי אויך ז׳ 394).

וואָס האָט דער מנהג פון פייערצייג און סליחות צו טאָן מיט אַ קאָסע און אַ לוח — אָט דאָס איז די קשיא.

16. אַריין מיט אַ באַסאַמאַ

א

ער איז אַראַן [= אַריין] מיט אַ באַסאַמאַ — אַזוי האָב איך עס געהערט אין מיין יוגנט איבער איינעם, וואָס איז אַריינגעקומען מיט אַ וויסטער מהומה און אַ געפּילדער. דער זאָג איז גאָרנישט געווען קיין זעלטענער, סיי אין מיין ייִדנס קרעטשמע און סיי אין מיין טאַטנס שענק, ווו ליאַרמענדיקע און שעלטנ־דיקע שיכורים זענען געווען אַ וואָכנגאַנג, בפרט בשעת די מאַנטיקדיקע ירידים, אָבער אַזוי ווי איך האָב יאַרנלאַנג דעם זאָג נישט געהערט, האָב איך אים כמעט ווי פאַרגעסן, אַזוי אַז ווען מיין פריינט ד״ר משה אַלטבויער, אַ געבוירענער פּרעמיסלער (פּשעמישל), האָט אים מיר דערמאָנט, האָב איך מיך קוים־קוים ספּאָמיענטעט. און ער האָט אים נישט בלויז מיר, נאָר אויך דעם לייענער דער־מאָנט — ער האָט דאַריבער אָפּגעדרוקט אַ קליינע אַרבעט („אַ וויניק באַקאַנ־טער אונגעריזם אין מזרח־גאַליציַשן ייִדיש״, ייִדישע שפּראַך, באַנד XVII, העפט 1, יוני 1957). ער געדענקט — שרייבט ער — פון קינדוויַיז אויף אַן איד־יאָם: ער קומט מיט אַ באַסאַמאַ; ער גייט מיט אַ באַסאַמאַ, מיטן אַקצענט אויפן ערשטן טראַף, וואָס זיין באַטייט איז: מיט אומאיידלקייט, מיט גראָבקייט. עס איז, דערקלערט ער, אַן אונגערישע קללה, וואָס זיין שורש באַטייט coitare [= זיך מזווג זיין] און איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גאַסן־ און זעלנער־לשון, איז אַריין אין פּויליש, אָבער ייִדיש האָט עס, לויט אַלטבויער, נישט איבער־גענומען פון פּויליש, נאָר פונעם משא־ומתן מיט אונגערישע זעלנערס, וואָס האָבן געלאַגערט אין גאַליציַשע שטעט און שטעטלעך, און עס האָט אין ייִדישן באַנוץ אַנגעוווירן זיין ברואַליטעט.

ב

ד״ר אַלטבויער ברענגט אויך צוויי ציטאַטעס שבכתב — איינע דייטשיש, פון קאַרל קראַוס; איינע ייִדיש, אויף וואָס איך האָב אים אַנגעוויזן — אין דער

אַנאָנימער קאָמעדיע „די גינאַרטי וועלט" (אַרויס צומערשט אַקעגן 1816, און אין אַ וויסנשאַפטלעכער אויסגאַב פון מאיר ווינער, מאָסקווע 1940) געפינט זיך (ז' 62) אַ זאָג: „פעקעטיבאַסינאַ[?] אַלדינג נאָך דער צייט". די קלאַמערן אין דער פּרעגצייכן באַווייזן, אַז דער אַרויסגעבער האָט עס נישט פאַרשטאַנען און ער איז זיך אויך מודה; אַלטבויער דערקלערט די שייכות צו באַסאַמאַ און זאָגט, אַז צום שורש באַס האָט מען דאָ צוגעשטעלט אַ וואָרט אין אַ פאַרגרייזטער פאָ־רעם, וואָס באַטייט vagina [= ערוות אשה], בשעת פעקעטי באַטייט שוואַרץ, און אויך דאָ, באַטאָנט ער, האָבן מיר פאַר זיך, אין יידישן באַנוץ אַ דעברו־טאַליזאַציע.

וואָס שייך פעקעטי איז עס אַן אָפּטער משפחה נאָמען ביי אונגערישע יידן, און איז מסתמא דער עקוויוואַלענט צו דעם דאָרט און ערגעץ אַנדערש אויך אָפטן משפחה נאָמען שוואַרץ; אויב אויך דער פּריוואַט־נאָמען פּעקי, פּעקא האָט אַ שייכות דערצו בין איך נישט מסוגל צו אַנטשיידן. על כל פנים האָט הרב ר' שלמה לאַנדסבערג געהאַט צו טאָן מיט איינעם, וואָס האָט געהייסן פּעקא און נישט געוווּסט וויאַזוי צו שרייבן אין גט זיין שם־קודש, האָט ער מסכים געווען צו שרייבן דעם דאָזיקן נאָמען און צוצוגעבן: וכל שום וחניכא דאית לי' [=אין אַ יעדן נאָמען און צונאָמען וואָס ער האָט], אָבער ער האָט געפונען אויפן ראַנד פון שלחן ערוך אבן העזר פאַרשריבן פון זיין זיידן: „פּעקי קורין לתורה אורי, כן שמעתי" [= פּעקי רופט מען אויף צו דער תורה אורי, אַזוי האָב איך געהערט] און ר' שלמה באַמערקט: „ונראין הדברים שבלשונות ידועות התנועה "פּעו" על אש (Feuer) ואין חילוק בין הברה לבסוף אם באות א' או י'" [= און עס ווייזט אויס, אַז אין געוויסע שפּראַכן באַטייט „פּעו" — פייער, און עס איז נישט קיין חילוק אויב עס ענדיקט זיך מיט א' אָדער י']. דאָס הייסט ער טייטשט עס פון feu, אָבער עס איז ווייט נישט קלאָר.

אויף ד"ר אַלטבויערס אַרבעט האָט זיך אָפּגערופן הרב חיים ליבערמאַן (יידישע שפּראַך, באַנד XVII, העפט 2, דעצעמבער 1957) — ער האָט דאָס וואָרט געפונען אין אַ הומאָריסטיש מעשה־ביכל (לעמבערג 1889), ווו עס ווערט געזאָגט: „דער זעהט וויא אַ פּוילישער יוד עסט טרפות טוט ער אַ גושרייא פּאַלאַק ממזר עס אוזט דעך טרפה באסאמא טרעמטדע, דאָס איז איין אויסראַר־דענטליכעס שימף וואָרט אויף אונגאַריש — —".

נאָכדעם ווי מיר האָבן דאָ איבערגעגעבן בקיצור אַלטבויערס דערקלערן און ליבערמאַנס צוגאָב, ווילן מיר עפּעס צוגעבן, אָפּשטעלנדיק זיך אויף דריי פּונקטן. דער ערשטער פּונקט — וואָס איז, בעצם, דער גרונטיקער באַטייט

פונעם זאָג; ער איז אַריין מיט אַ באַסאַמאַ; דער אַנדערער פּונקט: ווי אַזוי האָט זיך דער זאָג אויסגעשפּרייט; דער לעצטער פּונקט: וויאַזוי האָבן זיך יידן דעם אָפּשטאַם פונעם זאָג אויסגעטייטשט.

ג

צום ערשטן פּונקט — אַזוי ווי באַסאַמאַ איז ביסודו אַן אונגעריש ניבול־פּה־וואָרט, וואָס ווערט באַנוצט ווי אַ מין קללה, איז דער, וואָס מען זאָגט אויף אים, אַז ער איז אַריין מיט אַ באַסאַמאַ, איינער וואָס איז אַריין און האָט, נאָך אפשר אויף דער שוועל, דאָס וואָרט באַסאַמאַ מיט כעס הויך אַרויסגערעדט אָדער אַרויסגעשריגן, בדומה ווי מען האָט געזאָגט איבער אַ קאַזאַק, וואָס איז אַריין מיט אַן ענלעכן רוסישן זאָג, און ביי אונדז האָט עס טאַקע געהייסן: ער איז אַריין מיט אַ כיבוד אַם. אין ביידע ציטאַטעס, וואָס אַלטבויער ברענגט, סיי פון „די גינאַרטי וועלט" סיי פון קאַרל קראַוס, ווערט נאָך באַסאַמאַ בפירוש באַנוצט ווי אַ זידל־וואָרט, און איך בין נישט זיכער, ווי עס איז אַלטבויער, אַז די מחברים האָבן עס שוין נישט מער פאַרשטאַנען. על כל פנים הערן מיר פונעם שפּעטערן מחבר, אַז ער האָט גריילעך פאַרשטאַנען אונגעריש. אמת, מיט דער צייט איז דער עיקרדיקער באַטייט, חוץ לאונגערן, פאַרווישט געוואָרן און באַסאַמאַ איז געוואָרן אַ סינאָנים פון מהומה, געפילדער, גראַבקייט וכדומה.

וועגן דעם אויסשפּרייט פון דעם באַנוץ — פּונקט ווי אַלטבויער האָט עס געהערט אין פּרעמיסלע און איך אין בראָד, האָט עס ג. קרעסל געהערט אין זאַבליטיוו, אָבער דאָרט איז עס אַנגעגאַנגען צווישן קינדער וואָס פלעגן זיך רייצן מיט פאַרלעך נעמען פון יינגלעך און מיידלעך אָדער אַ יינגעלע און אַ מיידעלע, אַ שטייגער: יאַסעלע מיט שימאַלי באַסאַמאַ. אַוודאי האָבן די קינדער נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי זאָגן, אָבער עס ווייזט אויס, אַז זיי האָבן עס איבערגענומען פון פריערן, וואָס האָבן נאָך געוווּסט דעם ברוטאַלן באַטייט, איז דאָך זאַבליטיוו אַ סך נענטער פון פּרעמיסלע און בראָד צום מקור פון וואָרט, אונגערן.

ד

דעם אַנדערן פּונקט — דאָס אונגערישע וואָרט, ווי אַ זידל־וואָרט, אָדער קללה־וואָרט איז פאַראַן סיי פּויליש, סיי דייטשיש, און דאָס אין ערטער וואָס זענען גאָר ווייט פון אונגערן. פּויליש — אַ שטייגער, לודוויק יאַבלאָנאָווסקי, (געבוירן 1810) אין זיינע זכרונות (געדרוקט פון כ"י, 1963) דערציילט (ז' 272) וועגן די

אונגערישע רעוואלוציאנערן פון 1848, וואס די פוילישע אולאנער פלעגן זיי זאגן
My do was nic nie mamy tylko tych Basam Mazaniow nauczymy rozumu
טייטש: מיר האבן צו אייך גארנישט, נאר די באסאם מאזאניעס וועלן מיר לער־נען שכל. ווי מיר זעען איז דאס זידל־ווארט דא א פארמיש פון דער אונגערישן באסאמא און דעם פוילישן מאזאן', מאזאניע וואס מיינט א שמירער, א שלימזל וכדומה. דייטשיש ווי א שטייגער, היינריך קלייסט, וואס דערציילט אין זיין אנעקדאט פון דער לעצטער פרייסישער מלחמה, דאס הייסט קעגן נאפאלעאן, א מעשה מיט אן אויסטערליש וואגטוריסטיש מוטיקן דייטשישן זעלנער, וואס האט זיך רואיק געטרונקען זיינע שנאפסן און גערייכערט זיין ליולקע, בשעת די פראנ־צויזן האבן זיך שוין באוויזן אין דארף, און ווען דריי פון זיי זענען צו צו אים —
"Bassa Manelka! — ruft der Kerl, und gibt seinem Pferde die Sporen und sprengt auf sie ein und — — alle drei vom Sattel haut, die Pferde — aufgreift und "Bassa Teremtetem!" ruft — —
[= באסא מאנעלקא — רופט דער יונג, און גיט דעם פערד די שפארן, און טוט זיך א לאז אויף זיי, און האקט זיי אלע דריי אראפ פון זאטל, כאפט אונטער די פערד און רופט אויס: באסא טערעמטעמטעם].

שוין די צוויי דוגמות באווייזן אונדז דעם גרויסן אויסשפרייט, סיי אין ארט סיי אין צייט, פון אונדזער באנוץ, — די דייטשישע דוגמה פירט אונדז אריין אין 1812, אין די נאפאלעאנישע מלחמות, ווו עס האבן אנטייל גענומען אונגערן, באסניאקעס וכדומה, די פוילישע דוגמה פירט אונדז אריין אין 1848 און אין בפירושן שייכות מיט אונגערישע רעוואלוציאנערן, צו וועלכע עס האבן זיך אנ־געשלאסן פוילישע רעוואלוציאנערן און זיי האט עס פיינט דער פוילישער רע־אקציאנערער פערשט מיט זיינע אולאנער. אבער ווילהעלם האוף גייט א סך ווייטער — אין זיין באקאנטן ראמאן „שלאסס ליכטענשטיין" לאזט ער איינעם אזוי רעדן (טייל 3, קאפיטל 1):
Muckerle, Hauptmann vom achten Fähnlein! Ich rat' Euch haltet Euer Maul! — *Bassa manelka,* ich versteh' keinen Spass. Die Mauz (-maus) soll den Lőwen nicht erzürnen

דעסגלייכן הערן מיר דארט (טייל 2, קאפיטל 2):
Diavolo maledetto! *bassam teremdete.* Zie (-Sie) ihn doch nicht allein reiten lassen
[= צו אלדע רוחות, באסאם טערעמדעטע, איר וועט אים דאך נישט לאזן אליין רייטן]. דער מחבר האלט אפנים אז שוין אין יענע ווייטע צייטן, אין וועלכע דער ראמאן קומט פיר — די מעשה געשעט 1519 — האבן זעלנער זיך באנוצט מיט דעם אונגעריזם. אבער מעגלעך אז ער האט עס אהין אריינפארטראגן — אגב

באַנוצט ער זיך מיט דעם זידל־וואָרט אויך אין זיין Der Mann im Mond וואָס איז אַ טייל פון זיין ראָמאַן איבערן שטן.

ה

אָבער וואָס עס דאַרף אַרויסגעהויבן ווערן איז, אַז מיר האָבן אַ קאָמ־בינירט זידל־וואָרט, און די קשיא ווער עס האָט עס ווייט פאַרטראָגן, צי זעלנער, צי ציגיינער בלייבט אָפן. וואָס שייך ציגיינער, זע דעם ראָמאַן פון אַנגעלוס בויטיען Christ und Jude, וואָס ער באַצייכנט ווי אמתע איבערלעבענישן אין מעקלענבורגער גיטער (לייפּציג 1916) האָט צווישן דעם פּערסאָנאַזש, וואָס ער לאָזט רעדן סיי אין דייטשישע סיי אין יידיש־דייטשישע דיאַלעקטן, אויך איינעם, יאַנקאָ, אַן אַלטן ציגיינער, וואָס לייענט, אַפּריל 1860, אַ מודעה אין אַ בלאַט, ווי אַ פּריץ זאָגט צו טויזנט טאָלער פאַר אָפּזוכן זיין, מיט יאָרן צוריק צוגע־רויבטע, טאָכטער, און באַלד קומט פיר אַ שמועס צווישן דעם ציגיינער און זיין זון אַנדאָר (ז׳ 469) — דער אַלטער פרעגט, אויב די צוגעגנבעטע גורדולאַ איז טויט, דען אויב נישט, זענען זיי גליקלעך; דער זון ענטפערט, אַז די זאַך גייט אים נישט אָן. דער פאָטער פרעגט, אויב טויזנט טאָלער גייען צו פוס, דער זון זאָגט, אַז די פּאָליציי וועט זיי ביידע כאַפּן ביים גאָרגל און אַריינשטעקן אין חד־גדיא אַריין, דערויף פאַרסקעט אים אָפּ דער פאָטער: Basseme teremtete! — — Ist sich Andor dumm דאָרט קומט אויך פיר אַ צוזאַמענשטויס צווישן יידן און ציגיינער (ז׳ 472), וואָס ווילן אין שלאָס אַריין, און טענהען אַז מען האָט זיי אַהין פאַרבעטן. זאָגן די יידן: Lugner Chammer! Afn Schlosshof sind kaine Hihner zu schtehlen [= ליגנער, חמורים, אויפן שלאָס־הויף זענען נישטאָ קיין הינער צו גנבענען], ענטפערן זיי די ציגיינער: Jud erbarmliches! Zwaimal belaidigen! Teremtete: — Mach furt sunst [= נעבעכדיק יידל, צווייטאָל באַליידיקן, טערעמטעטע, זיי עוקר, אַזיסט].

ווי מיר האָבן געזען באַנוצט זיך מיט די זידל־ווערטער אויך די יידישע גאַס — באַסאָמאַ האָבן מיר געהערט פון אַ יידענע (די פאַנע בריה) אין דער אָנאָ־נימער קאָמעדיע פון 1816; סיי באַסאָמאַ סיי טערמטעטע, האָבן מיר געהערט אַ ייד אין דעם דערמאָנטן מעשה־ביכל. דאָס צווייטע וואָרט איז אויך אַריין אין פּויליש ווי עס ברענגט דער פון אַלטבויער דערמאָנטער אַלפרעד זאַרעמבאַ (Język polski, XXXI, 3, 1951), און וואָס עס איז דאָ אונטערצושטרייכן איז, וואָס זאַרעמבאַ באַמערקט: פּויליש האָט אַפילו אויסגעפורעמט אַ ווערב

teremtelować (— שעלטן, זידלען, באַליידיקן), הייסט עס, אַז אונדזער זאָג איז אַריין אין כמה לשונות און מעגלעך אין דער זעלבער צייט, האָט זיך אָבער, ווי עס ווייזט אויס, שטאַרקער געהאַלטן אין מזרח־גאַליציש יידיש צוליב דער געאָגראַפישער נאָענטקייט צום מקור. ברענגט טאַקע דער נאַראַיעווער משה נאַדיר אַ מעשה מיט אַ דייטש וואָס האָט אַ מאַשין אין דעם שטעטל און אַז זי האָט נישט פונקציאָנירט האָט ער געשאָלטן: „סאַקראַמענטאָ״ און באַסאַמאַ... און קרייצ־שאַקמיליאָנבליצהאָגעלדאָנערוועטערנאָכאַמאהל״ (אונטער דער זון, ווילנע, 1928, ז׳ 94), עס חזרט זיך איבער: „ער איז אַרויס מיט אַ „סאַקראַמענטאָ!״ און מיט אַ „באַסאַמאַ״ געשריגן אויף די גויים, וואָס האָבן געשפּיגן אין די הענט אַריין, און געהאָלפן אונטערשטופן״ (דאָרט, ז׳ 100). זעלטענער קומט אין יידיש פיר טערעמטעטעטע, וואָס איז אָבער שכיח אין פּויליש; זע, אַ שטייגער, קאַזשימיעזש בראָדזשינסקי (1791—1835), וואָס יוליאַן טובים ברענגט אין זיין אַנטאָלאָגיע פון פיר הונדערט יאָר פּוילישע עפּיגראַמעס (1957, ז׳ 238):

Nie tak prędko diabeł rogiem
Kozak wymownym batogiem,
Umizgami baba stara
I teremtete huzara
Strwożonych ludzi odstrasza
Jak, poeci, władza wasza

טייטש: עס שרעקט אַזוי נישט די איבערגעשראָקענע מענטשן דער שד מיט זיין האָרן, דער קאָזאַק מיט זיין באַרעדעוודיקער בייטש, די אַלטע באָבע מיט אירע חנדלעך, דער הוזאַר מיט זיין טערעמטעטע ווי איר, פּאָעטן, מיט אייער ממשלה. דעסגלייכן אַ ייִנגערע דוגמה פון אַן אנאָנים (אין די יאָרן 1900—1935) אין יענער אַנטאָלאָגיע (דאָרט, ז׳ 489):

Gdy Piłsudzki rozmawiał z panem Kesselerem
Endecja krzyczała *terem-tetem-terem*
Lecz gdy Korfanty jedzie do Berlina
Endecja mu ordery mądrości przypina

טייטש: ווען פּילסודסקי האָט גערעדט מיט קעסעלער האָט די ענדעציע [די נאַציאָנאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי] געשריגן טערעמטעטעמטערעם, אָבער ווען קאָרפאַנטי [דער פירער פון דער פּאַרטיי] פּאָרט קיין בערלין, קלעפּט איִם די ענדעציע צו אָרדערס פון חכמה. און וואָס שייך דעם ווערב זע, אַ שטייגער, עמיל זעגאַדלאָוויטש אין זיין באַקאַנטן ראָמאַן Uśmiech [= שמייכל] דערציילט ער

וועגן דער באַבע (אויסגאָב 1965, ז' 107) אַז זי
wyzywa, *teremtetuje,* ale już rozmyśla jakby tu złemu zaradzić
[= באַליידיקט, טערעמטעטירט, אָבער
קלערט שוין נאָך וויאַזוי מען קען דאָ דאָס בייז פאַרמיידן], און אונדזער וואָרט
ווערט דאָרט דערקלערט: שילטן, זידלען, שרייען.

ו

צום לעצטן פונקט — ד"ר אַלטבויער האָט שוין באַמערקט, ווי אַזוי מען האָט פאַרשטייט זיך פאָלקעטימאָלאָגיש, אויסגעטייטשט דעם אָפּשטאַם פון באַסאַמאַ — אַזוי האָט אים הרב ראובן מרגליות איבערגעגעבן אַן השערה, אַז עס שטאַמט פון באַס — אַ גראָבע שטימע, און פון דעם, על פּי סעמאַנטישער אַנאַלאָגיע: באַסאַמאַ — גראָבקייט. פּיקאַנטער איז דער אויסטייטש, וואָס הרב חיים ליבערמאַן ציטירט פונעם דערמאַנטן הומאָריסטישן מעשה־ביכל: „דער פּוילישער יוד אבער דער קיין אונגאריש פערשטאנדען האָט אוז אום זעהר קשה געוועזון וויא קומט טרפות צו באסאמא, האָט ער זיך אויס גלייגט אז באסא הייסט בשר (פלייש) ווייל דו זופן איזט פליישוק פאַסט דער צו דאס ווארט בשר ובפרט דער דייטש מאכט דאָך תמיד פון א קמץ א פתח. צום בייא שפּיעל פון וואָש [= וואָס] ווירד ביי אוהם וואַש [= וואָס] וואָס מיינט ער אָבער טרעמטדע מוז ער אוואדי מיינען מטרם תדע אלזא צו זאממען בשר מטרם תדע הייסט בשר שנתעלם מן העין, ווירד עס שוין טרפה..."

ווי מיר זעען פירט זיך די פאָלק־עטימאָלאָגיע לויט איר שטייגער — זי באַהאַנדלט דאָס וואָרט באַסאַמאַ מעטאַאַנאַליטיש — באַסאַ [= בשר]; ווייטער מאַ ווערט צוגעשטעלט צו טערעמדע, [= מא + טערעם = מטרם], און מיר האָב שוין געזען, אַז היינריך קלייסטס זעלבער זאָגט טאַקע צווײמאָל Bassa, און איינמאָל טרייבט ער מעטאַאַנאַליז Bassama = Bassa + Ma[nelke]; און וואָס שייך באַסאַ = בשר, ווילט זיך דערמאָנען, אַז אויך די רוסישע פאָלק־עטימאָלאָגיע האָט אויסגעטייטשט kołbasa = כל בשר, וואָס עס איז אַפילו געבראַכט אין אַן ערנצטן ווערטערבוך. אָבער די פּיקאַנטסטע פּירושים האָט מיר איבערגעגעבן ר' משה שמשון וואַסערמאַן, עליו השלום, געבוירן אין בראָד און נפטר געוואָרן ווי אַ חבר הרבנות הראשית אין תל־אביב: אין אונדזער שטאָט איז געווען אַ באַרימטער שיכור אַ בן־תורה, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון ניבול־פּה; אַז ער האָט זיך אויסגעשוכעט, האָט מען אים דאָס פאַרגעהאַלטן, פלעגט ער זיך פאַר־ענטפערן: ביי מיר איז דאָך יעדן טאָג פורים און מען דאָך חייב לבאַסאַמאַ

[= חייב לבסומי = איז מחויב צו זיין פאַרשניאַשקעט], האָט מען אים געזאָגט, אַז אויב אפילו אַזוי, מוז ער עס דאָך נישט מאַכן מיט אַזעלכע געוואַלדן, האָט ער געענטפערט: הקול יפה לבאַסאַמאַ [= הקול יפה לבשמים = די שטים פּאַסט זיך פאַר בשמים, אייגנטלעך: פאַר בשמים־מאַכערס].

ז.

ד״ר אַלטבויער דערמאָנט, אין זיין אַרטיקל, נאָך אונגעריזמען אין גאַליציישן יידיש, ווי למשל אַ באַצער (באַטיער) און זיינע דעריוואַטן באַציערוועז, באַציאַרס־קער יונגאַטש; בעקעשע, טאַרניסטער אָדער טערניסטער, קאַלפּאַק און קאַלפּיק, קוטשמע [= קיטשמע], טשאַטע, טשאַטעווען, טשאַקע און אַנדערע, וואָס יידיש האָט עס נישט גענומען גלייך פון ערשטן מקור, נאָר דורכן פאַרמיטל פון סלאַוויש. איך פאַרשטיי, אַז אונטער די אַנדערע ווערטער מיינט ער מסתמא בעיקר גאַטיעס, טזשיזשמעס, הוזאַר, קולאַק [= קילעק], שאַליש אָדער שאַלאַש, בעשטען, פּאַיטאַש, טולופּ, האַידוק און ענלעכע. עס וואָלט כדאי געווען דעם ענין פּרט־ימדיק צו באַהאַנדלען און מיר וועלן דערויף דאָ בלויז פראַגמענטאַריש אָנווייזן — וואָס שייך באַטיאַש אָבער באַטיער וואָס האָט באַצייכנט אַ הפקר־יונג און האָט געהאַט העכערע מדרגות, ווי באַטאַריוק אָדער באַטיאַריגע, און זיינע מעשים האָבן געהייסן באַטיאַרסקע גענג, באַטיאַרסקע שטיק און חברה הפקר־יינגען האָט געהייסן די באַטיאַרניע, אויף דעם וואָרט האָבן אָנגעוויזן אינפאַרמאַנטן פון גאַליציישן יידיש, ווי אַ שטייגער יחיאל שנייד, אַ גריידינגער: באַטיער — אַ געמיינער מענטש (יידישע שפּראַך, באַנד 7, 1947, ז' 94). נחום סטוטשקאָוו האָט אין זיין אוצר סי' 545: באַטשאַר(ש); דאָס איינגעקלאַמערטע אות ווייזט אָן אויפן פּוילישן baciarz. דאָס וואָרט קומט אויך פיר אין דער ליטעראַטור; זע, אַ שטייגער, קלמן הייזלער: „פאַר רב ר' אלטערס בית דין פענצטער / שטייען קופּקעלעך מענטשן און קוקן אַריין / די באַטיאַרעס און די ווילע יונגען / און די שטאַטישע באַרעדערינס רעדן נאָך — / ווי אַלטערטשע זאָגט נאָך דעם רבס רייד: / „הרי זה גטיך, דאָס איז דיין גט״. ווייטער פּויליש, וואָס האָט עס איבערגענומען פון אונגעריש betyar [= אַ מחוצף] האָט עס בשפע און בריקנער האַלט סיי baciarz, סיי baciaryga פאַר לעמבערגער דיאַלעקט, אַזוי דערמאָנט עס אויך באַי [= זשעלענסקי] אין זיינע Słówka (אויסגאַב 1965, ז' 302):

Do *batiarki* w Łyczakowie
Przyszedł *batiar* i tak powie
Ho, ho, ho.

טייטש: צו אַ באַטיאַרקע אין ליטשאַקאָוו [= אַ פאַררופן פערטל אין לעמבערג] איז געקומען אַ באַטיאַר און זאָגט אַזוי: האָ, האָ, האָ, און זע אַן אינטערעסאַנטן אַנטוויקל — נחמן בלומענטאַל ברענגט אין זיין ווערטערבוך פון דער חורבן־צייט אין נאָמען פון אברהם ווייסבראָד (עס שטאַרבט אַ שטעטל, מינכען, 1948, ז' 33) וועגן קאָווע־הייזלעך, וואָס דער יודנראַט האָט געעפנט אין סקאַלאַט און מען האָט עס גערופן: באַטיאַרניעס, ווייל עס פלעגן אַהין צו קומען די קלי העיר וואָס געלט איז ביי זיי געווען הפקר. וואָס שייך גאַטיעס אָדער גאַט־קעס גייט עס פון אונגעריש gatia, וואָס זענען אַמאָל געווען די אויבערשטע הויזן, און היינט מיינט עס דווקא די אונטערשטע הויזן. און כאָטש בריקנער האַלט דאָס פוילישע gacie פאַר גרונטיק־סלאַוויש, איז עס נאָכאַמאָל אַריין דורך אונגעריש מיטן באַטייט־פאַרבייט. על כל פנים האָט זיך נאָך אין מיין געבוירנשטאָט דערהאַלטן אַ זכר פון דעם עלטערן באַטייט: אַ יעדער מאַטיעס עקזעצירט אין די גאַטיעס, ווו מען מיינט אַן אונגערישן זעלנער וואָס זיין שם דבר איז מאַטיאַס, און אין די עסטרייכישע קאַסערן האָבן די זעלנער נאָך אין אונדזערע צייטן געזונגען General Laudin rückt ein mit seiner weissen Armee עס איז דער נאָמען פון אַ גענעראַל בימי דער קייסערעכע מאַריע טערעזע און זיינע זעלנער האָבן טאַקע געטראָגן גאַטיעס. און אויב אַלעק־סאַנדער פרעדראָ, דער פוילישער מאַליער, דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז ער האָט איינמאָל ביי זיין חבר געצומען „אַ געוויסן נויטיקן, כאָטש בלויז לייוונטענעם טייל פון אָנגעטועכץ, וואָס די זון זעט עס געוויינטלעך נישט", און אַז דער חבר האָט עס צוריק פאַרלאַנגט, האָט ער אָנגעשריבן אַ ליד מיטן נאָמען Żale Jakuba nad utratą gaci [= די קינות פון יאַקוב אויף די פאַרלוירענע גאַטיעס], הערן מיר אַ צוויי־דריי דורות פריער פון יענדזשעי קיטאָוויטש Opis וכו' (אויסגאַבע פון כתב־יד, ראָמאַן פּאָלאַק, 1950, ז' 433):

zdziery starych koszul, pluder, które *gaciami zowią*

[= שמאַטעס פון אַלטע העמדער און פלודערן, וואָס מען רופט גאַטיעס], און פלודערן איז בלויז אַ קיצור פון Pluderhose וואָס מיינט ברייטע אויבערשטע הויזן. ווייטער טשיזמעס אָדער טשיזשמעלעך, וואָס מיינט שיך אַן כאַליעוועס, איז מסתמא, טערקיש, אָבער אריין פון אונגעריש אין פוילישן ciżmy, ciżemki און פון דאָרט אין יידיש, און איז אַריין אפילו אין דייטשיש Tschisme. ווייטער פּאַיטשאַש, בעיקר אין דער חוזק־פּאַרעם: אַן אַלטער פּאַיטאַש גייט פון פוילישן paitasz וואָס שטאַמט פון אונגעריש paitas און מיינט אַ פריינד; קלינגט אויך פּויטאַש און מאיר שטיקער האָט אַ ליד „פּויטאַש קלעזמער" וואָס הייבט זיך אַן (טאָג מאָרגען זשורנאַל 7 מאַרס 1965):

איצט וויל איך פּוּטאַשן באַזינגען
דעם בעסטן קלעזמער־יונג אין גאַנץ קליין־פּוילן
פּוּטאַש מיטן גלעזערנעם אויג און אויסגעריבענע זוילן
ווען מעשענע טאַצן האָבן אָנגעהויבן קלינגען.

און צולעצט עפּעס וועגן דעם וואָרט בעסטען, אויסבעסטען, וואָס שטאַמט גרונטיק פון bestia, איז אָבער אין דער פאָרעם און אין דעם באַטייט פון שאַרף אויסמוסרן, געקומען פון אונגעריש דורך סלאַוויש besztać, wybesztać און די משכילים האָבן אין דעם וואָרט און זיין באַטייט מרמז געווען לגבי זייערע דם־שונאים, ווען זיי האָבן זיי גערופן בעסטיאַנער און דעם ספר „שבחי הבעשט" אָנגערופן „שפחת הבעשטיע" [= די דינסט פון אַ חיה; אָדער: די דינסט וואָס מען דאַרף אויסבעסטען].

אודאי איז עס אַ כלל־קשיא, ווי ווייט עס האָט געגרייכט דער אַריינדרינג פון אונגעריזמען, און דאָס איז, ווי געזאָגט, אַן ענין פאַר זיך, עס וואָלט זיך געלוינט עס באַזונדערס צו באַהאַנדלען, אפשר אין ראַמען פון דער אַלגעמיינער אונגערישער השפּעה, אַ קליינער רמז דערצו — אייזיק מאיר דיק ברענגט אַ מעשה וועגן צוויי אָרעמע ליטעשע ייִנגלעך, וואָס האָבן זיך פאַרוואָלגערט קיין האָלאַנד און זיי דערציילן: „אין פאַרלויף פון איינעם מאָנאַט האבין מיר שוין אַזוי ווייט פארדינט דאָס מיר ווארען אין שטאנד שוין אום צוא קליידען אלע [= אַלאַ] מאַד פאַ וואנגערסקע, דאָס מירביידע האבין אויס גיזעהען וויא נעטע קערלען" („דיא צוויא קליינע קאטערינציקעס" וכו' 1874, ז' 37). אינטערעסאַנט איז אויך, אַז מיר האָבן ייִדישע משפּחה נעמען: אונגער, אונגאַר, אוגער, ווי אויך וואנגער (זע אַ שטייגער שלמה וואנגער וואָס ווערט דערמאָנט אין ספר לאנצוט תשכ"ד) און מעגלעך אַז אויך דער משפּחה־נאָמען האגער האָט אַ שייכות דערצו, כאָטש די מסורה זייערע איז אַנדערש (hager = הויך און דאַר). בדרך כלל רעדט מען ייִדיש וועגן אונגערן אָבער זיי הייסן אויך וואנגערס אָדער וואנגערעס; זע, אַ שטייגער, דער נסתר (משפּחה מאשבער, 1948, כ"א, ז' 227): „עס איז אומגעגאַנגען מיט ייִדן און אויך מיט ניט־ייִדן — קאָמפּאַניאָנען, מיט וואנגערס, מיט מאָלדאַוואַנעס און אַנדערע".

און סוף סוף דאַרף מען נישט פאַרגעסן דעם אונגערישן וויין און דעם אונגערישן טאַנץ. וואָס שייך וויין — איז דאָך ייִן הגר אַ שם דבר און האָט נישט געפעלט אין די געכתיבטעטע רעקלאַמעס פאַר יין כשר לפסח: פּויליש באַטייט węgier סיי אַן אונגער, סיי דעם אונגערשן וויין, דער חילוק איז בולט אין אקוזאַטיוו; Węgra מיינט דעם אונגער, węgier מיינט דעם וויין. וואָס שייך

דעם טאַנץ זע ביי שלמה עטינגער: „דער שרייט: קלעזמער; שפּיל מיר איין אונגער״ / דער: „גייך, איך צעברעך דיר די פינגער״ / דער שרייט ווידער: שפּיל מיך אַ וואָלעך״ (כנ״ל, באַנד 1, ז׳ 19); אָדער: „איך וועל טאַנצן אַן אינגער / אויף די שפּיץ פינגער / גלייך און קרום / אַרום און אַרום״ (דאָרט, ז׳ 124).

אונגערן, אונגערלאַנד איז געווען אַ שם דבר פון זעט, און מען האָט עס פּאַראָדירט להיפּוכדיק — זע אליעזר שטיינבאַרג: „מאַכט זיך אָפּט אַז זלמן קומט פון הונגערלאַנד צו פאָרן״ (משלים, באַנד 2, תשט״ז, ז׳ 44).

ח

און צולעצט קערן מיר זיך אום צו אונדזער באַסאַמאַ כדי צו באַמערקן, אַז דאָס וואָרט האָט זיך דערלעבט אַ פּאָלק־עטימאָלאָגישן דרוש — אויף דער קשיה, פאַרוואָס די מנוולים פירן אַלץ אויס, האָט מען געענטפערט: ווייל די גמרא זאָגט, אַז הלכה כבאַטיאַרוּע [= הלכה כבתראה = די הלכה איז לויטן לעצטן תנא], און דערפון דער זאָג: תנא באַטיער [= תנא בתרא], אַ ביי־נוסח צום באַקאַנטן תנא באַרטעק. אָבער דאָ שטעלט זיך אַ האַרבע קשיא: וויאַזוי איז די תיו רפה אין בתרא און בתראה געוואָרן ווי אַ תיו דגושה אָדער אַ טית. עס איז דיזעלבע קשיא, וואָס האָט זיך מיר געשטעלט, ווען איך האָב געהערט, אַז אין געוויסע מקומות אין קרוינפּוילן הייסט אַ קינד פאַרן ברית קוינעברעטעלע און זיין אָפּשטאַם איז קודם־ברית׳עלע, און אויב עס איז נישט קיין פאַרגרייז, ווי מיר האָבן, אַ שטייגער, ביי הערמאַן שיף, וואָס שרייבט וועגן ר׳ חנינא בן דוסא און רופט דעם טאַטן אַן Dotha („שיעף לעווינבע״, 1848, לויט אויסגאַב 1919, ז׳ 93), איז כדאי דעריבער אַ קלער צו טאָן.

17. צווישן וואָרם און דאַרם

א

יעדער וואָרם האָט זיך זיין דאַרם — איז אַ ווערטל, וואָס איך האָב געהערט קינדוויז פון מיין עלטער־פעטער, ר׳ משה שפּירא, ווען ער איז געקומען פון זשאַלקיוו, ווו ער איז געווען שוחט ובודק, צו אונדז, קיין בראָד, צום יאָרצייט פון זיין מאַמען, מיין עלטער־באָבע, מרת מאַליע, עליה השלום. איך דערצייל די פּרטים, ווייל עס איז מיר שפּעטער נישט אויסגעקומען זיך אויף דעם ווערטל אָנצושטויסן, נישט בעל־פּה און נישט בכתב. איך געדענק אויך די סיטואַציע, אויף וועלכער דער עלטער־פעטער מיינער האָט מיט דעם ווערטל רעאַגירט — אַ קינד אין שטוב האָט זיך באַקלאָגט, אַז עס קאָרטשעט אים אין מאָגן, האָט דער עלטער־פעטער געזאָגט, אַז מסתם איז עס אַ וואָרם (אפשר געמיינט אַ באַנד־וואָרם) און האָט דעם קינד געהייסן געבן אַ ווערפּעלע צוקער אָנגעזאַפּט מיט נאַפט, און אַז עס האָט געהאָלפן, האָט ער געזאָגט ,אַז דער וואָרם וועט זיך אומקערן, ווייל כביכול שפּייזט דאָס קלענסטע ווערעמל, און יעדער וואָרם האָט זיך זיין דאַרם.

פונעם אויסטייטש פאַרשטייט זיך, אַז דאַרם מיינט דאָ אַ איינגעווייד, קישקע, ווי דאָס מיטלהויכדייטשישע darm, און דאָס היינטיקע דייטשישע Darm, וואָס באַטייט די פאַרדיי־קישקע, און האָט זיך בעצם יידיש טאַקע באַדאַרפט אויסצופורעמען דאַרם, אָבער דער באַנוץ איז אפנים געווען אַ זעלטענער — י.ל. פּרץ שרייבט : „ר׳ גבריאלטשען האָט זיך, לא עליכם אַ דאַרם איבערגעדרייט — — — אז אויב די קישקע גלייכט זיך נישט אויס — — איז גאָר נישט גוט״ („אייזיקל שעכט״)[1]. אַ סך פּאָפּולאַרער איז דאָס קאָלעקטיווום בלשון־רבים די גדערים (זיגמונד א. וואָלף, וואָס טראַנסקריבירט עס giderim, ברענגט עס לויטן ספר שפה ברורה, פּראַג 1660).

1) אגב, שטאַמט טאַקע Darm פון drehen [= דרייען].

ב.

אָבער נישט בלויז דאָס איינציקע וואָרט אין אונדזער בעל־פּה־ווערטל נאָר דאָס גאַנצע ווערטל, איז פּראָבלעמאַטיש, און ווייזט זיך אויס ווי אַן אומ־באַוווּסטע פּרעפּאַראַציע פון אַן אַנדערס, מער פאַרשפּרייטס, ווי עס ברענגט בערנשטיין, סי׳ 1251: איטליכער „וואָרום" האָט זיין „דאָרום", וואָס איז געווען פאַרשפּרייט סיי בעל־פּה סיי בכתב, און מיינט אויך, אַז יעדע קשיא האָט אַ תירוץ; און די ווערטער וואָרום און דאָרום זענען אַרויסגערעדט געוואָרן לויטן דיאַלעקט, אין צפון: worum-dorum, אין דרום: wurym-durym, אָבער דאָ און דאָ לרוב מיטן אַקצענט אויפן ערשטן טראַף, און אַזוי, דוכט זיך, אויך אין מערב־יידישן נוסח, ווי עס ברענגט אים אברהם טענדלאו אין זיין געזעמל (1860), סי׳ 704: Es get kaan Worum, es hot sein Dorum! און פאַרטייטשט עס, אַז גאָרנישט איז פאַראַן אָן אַ סיבה, און אַזוי האָבן מיר עס ביי שלמה עטינגער: „רייכע לייט שטאַרבן אָרעם / און יונגע פאַר דער צייט; / ווייל איטלעכער וואָרעם האָט זיין דאָרעם" (כתבים, כנ״ל, באַנד 1, ז׳ 272), ווי אויך ביי שמ״ר: „עס איז זייער ריכטיג וואָס דיא ווייבער זאָגען „יעדער וואָרעם האָט זיך זיין דאָרעם". עפּעס אַמענטשין זאָל זיין כסדר גוט איז שווער צוא געפינען, איטליכער בשר ודם פון אָרום ביז רייך, פון קליין ביז גרויס מוז האָבין עגמת נפש, אָט האָט אונזער כשרער רבי שמערעלע געהאַט עגמת נפש דער פון וואָס עס האָט זיך ניט געמאַכט קיין רעכטער זווג פאַר זיין יענקעלען" (דער קוגעל, ווילנע, תרנ״א, ז׳ 8—9). אָבער אין היינטיקן דייטשיש גייט דאָס ווערטל:

1) Jedes Warum hat sein Darum.

2) Auf ein Warum hat er immer zehn Darum.

און דער אַקצענט פאַלט געוויינטלעך אויף צווייטן טראַף. אַזוי האָבן מיר עס, ווייזט אויס, אויך ביי שלום עליכם: „און וואָס פאַר מחותן בין איך וואַאָבשטשע מיט גענערעלער! נאָר די מעשה איז, פאַרשטייט איר מיך, וואָס יעדער „וואָרום" האָט זיין „דאָרום". מיר שטרייכן דאָס אונטער, ווייל בלויז פון וואָרום־דאָרום האָט זיך געקאָנט אומבאַוווּסט אָדער שטיפעריש אויספורעמען: וואָרם־דאָרט, מיט אַן אַנדערן אויסטייטש.

ג.

נאָך מער, דאָס היינטיקע יידישע וואָרום (אויך וואָרן), מיטן אַקצענט אויפן ערשטן טראַף, באַטייט נישט ווי דאָס דייטשישע warum, מיטן אַקצענט אויפן

צווייטן טראַף: אַ פרעג־וואָרט פון דער סיבה: וואָס מיינט: פאַרוואָס, אָדער אַ רעלאַטיוו־וואָרט וואָס מיינט: וועגן וואָס, ווײַל[2]. דאָס וואָרט וואָרום ווערט אויסגעלייגט אויף דרייערליי אופנים, וואָס שפּיגלען אפשר אָפּ, ווי עס ווערט אַרויסגערעדט: 1) א.מ. פוקס: „ער שפּאַנט מיט גיכן גאַנג... וואָרעם דאָרט אין דער ווייטקייט... שײַנט.... דער דאַך פון אַ היים" (דער לעצטער וועג); 2) יצחק באַשעוויס: „וואָרום צו וואָס זענען זיי עפּעס געפּאָרען אין אַ כשרען פענסיאָנאַט" (טיפען און געשטאַלען, נחת, פאָרווערטס, 22 סעפּטעמבער 1962); 3) יצחק יאַנאַסאָוויטש: „וואָרים אַז חיים נאַמנס זון — — האָט שוין אויך אויסגעטוישט די גמרא אויף אַ מאַשינדל, איז שוין אַ סימן, אַז מיט אידישקייט ווערט וואָס אַמאָל ענגער" (דער אידישער קעמפער, 11 אָקטאָבער 1963).

דער באַנוץ מיטן וואָרט דאָרום, דערום איז געוואָרן אַ זעלטענער, אָבער ער האַלט זיך נאָך, אויך אין דער פאָרעם: דרום; זע, אַ שטייגער, ר' בן ציון אלפס: „דרום ברייגגט מיט מיינע טרייהייט צו אייך, איך זאָל עראינערן די וואָס פאַרגעסין גאָר צו מאַכין אַברכה" (מעשה אלפס, תרע"ה, ח"ב, ז' 29), דעסגלייכן: „דרום ווען מען גייט צוא צום כלי וואסער אטרונק טאָהן" (דאָרט, ז' 30). שלום עליכם לאָזט טוביה דעם מילכיקן זאָגן: „דערום זאָג איך צוויי מאָל אודך, איך וועל דיך לויבן גאטעניו", דער נסתר באַנוצט זיך גאַנץ היפּש מיט דעם וואָרט — מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט צוויי דוגמות: „די מאַכט האָט זיי דערום גוט נאָגעקוקט, זיי אין אויג געהאַט" (משפּחה מאשבער, 1943, באַנד 1, ז' 248), אָדער: „און דערום — — לאָמיר פאַר איר די קעפּ פאַרנויגן" (פלאָרא, דערציילונגען און עסייען, 1957, ז' 253). ווייטער דאָרום, מיטן אקצענט סיי אויפן ערשטן סיי אויפן צווייטן טראַף, איז אויך אין דער שמועס־שפּראַך אויסגעוועפּט, מיר האָבן שטאָט דעם: דעריבער, דערפאַר, וואָס איז כמעט אַריין אין אונדזער ווערטל — זע, אַ שטייגער, יצחק קאַצענעלסאָן („על נהרות בבל", פּערטער אַקט):

ניטאָ קיין פרייד אָן אַ „פאַרוואָס"
ניטאָ קיין צער אָן אַ „דערפאַר"

דערום האַלט זיך נאָך אין דערימער, דערימעך, דערימאָך, און ווערט באַנוצט צוליב דיאַלעקטישן ניואַנס: זע, אַ שטייגער, ה. רויזנבלאַט („היימיש ברויט", צוקונפט, יאַנואַר 1947):

---

2) אמת, שמ"ר שרייבט: „פּטרוניוס! וואָרום האָסט דוא זיך אזויא לאנג געזאמט" („אַ מענטש אַלס גאָט", ווילנע, 1888, ז' 5), אָבער דאָס איז דייטשיש.

דערימעך טאַקע איז קיין חידוש נישט,
וואָס דאָ, דאָס ברויט דאָס היגע, פּילט זיך
ווי אַ ווייטער אורח אויף אַ פרעמדן טיש,

פּונקט ווי אויך דייטשיש טוט עס צוליב אַ דיאַלעקטישן טעם, זע, אַ שטייגער, ווילהעלם שרעדער, וואָס לייגט אין מויל פון אַ דינסטמיידל Und des Buch worinnen des zu lesen schteht, des fehlt Sie und *dadrumer* sein Sie so verstimmt (הומאָרעסקן, איינע שטודענטישע יוגענד־עררינערונג, ז׳ 59). טייטש: און דאָס בוך [געמיינט געטעס „פאוסט"], ווו מען קאָן דאָס לייענען גייט אייך אָפּ, און דערפאַר זענט איר אַזוי פאַראומערט.

ד

אָבער כאָטש איך בין גוטה אָנצונעמען, אַז דאָס ווערטל מיט די גראַמען: וואָרם־דאָרם איז אַנטשטאַנען, פונעם, מסתמא מער שוין נישט פאַרשטאַנענעם, ווערטל מיט די גראַמען: וואָרום—דאָרום, האַלט איך, אַז עס האָט זיך אויך, אפשר בלאָ־יודעים, אַנגעלענט אין אַ זכרון פון אַ פּאָפּולערערן גראַם; און אַ ראיה דערצו האָבן מיר ביי דער אַלטער תחינה־שרייבערין חנה כץ — אין איר דרשה פאַר ווייבער, וואָס רעדנדיק מכוח דער שטראָף פאַר לשון־הרע, שרייבט זי (לויט קאַרמאַנס אַנטאָלאָגיע, ז׳ 34): „דאָ ווערט בישאַפן איין וואָרום [= וואָרם] ער קריכט אין זיין נאבל [= נאָפּל] דורך זיין גידערים / ער גיבט אין מין צושיקן אלירלי ווערים" [= אַלערליי ווערם]. קלאַנגיק ענלעך אָבער באַטייטיק אַנדערש איז דער קאָמבינירטער גראַם ביי אפרים איזאַקאָוויטש (לידער, 1962, ז׳ 32): „די פערד סאָפּען, נעבעך, קיין גוטס קומט זיי ניט אַקעגן; / דער בעל עגלה שעלט, ס׳פּעלט אַ פערד, כאָטש גיי ווער אים / פון אויבן עקשנותדיקן וואַשט דער קאַלטער רעגן / און הינטן קריכט די בלאָטע אין די גערעדים".

פאַרשטייט זיך אַז סיי דאָרם סיי וואָרם האָבן אַנדערע גראַמען; זע, אַ שטייגער: „וואו ער [יהורם] נויארט גינג דא ראן אים אויש זייניא דרמן / אויביר אין קאם דש זיכטום ער וואש ניט צו דער באַרמן" (מלכים בוך, סי׳ 1543, פאַטאַספּאָקיע ל. פוקס, סטראָף 1388); אָדער מיכל גאָרדאָן: „רבי שמיליק מיט יאָסן נעמען זיך אונטערן אָרעם / און דרייען זיך ביידע ווי אויף מיסט אַ וואָרעם" („יודישע לידער", וואַרשע 1889, ז׳ 47). עס איז אַ צפונדיקער orem-worem בשעת דרומדיק גייט עס urem־worem און איז קיין גראַם נישט. אגב, דער דיאַלעקט־פאַרמיש איז אַריין אין אונדזער ווערטל און אין גרונוואַלדס געזעמל

(צייטשריפט פיר יידישע פאָלקסקונדע, 1898, סי' 29) האָבן מיר אַ משונה־דיקע, נישט פאַרשטענדלעכע, ווערסיע: Jeder *Urem* hot a *Dorn* וואָס הייסט: יעדער אָרעם האָט אַ דאָרן; אויב אָרעם מיינט סיי אַ טייל פון אַ האַנט סיי אַן אָרעמאַן, ווייסן מיר נישט וואָס צו טאָן מיטן דאָרן אָבער עס ווייזט אויס אַז urem מיינט גרונטיק wurem (=וואָרום) און dorn מיינט גרונטיק durym, אוןביידע ווערטער זענען שוין נישט פאַרשטאַנען געוואָרן, און עס איז אַרויס אַזאַ מין פאַרזעעניש. על כל פנים זעען מיר, ווי אַזוי דאָס ווערטל האָט געקאָנט מגולגל ווערן אין דער ווערסיע, וואָס איך האָב געהערט פון מיין עלטער־פעטער; ווי וואָרום (=פאַרוואָס) איז געוואָרן וואָרם און דאָרום (=דערפאַר) איז געוואָרן דאָרם (=קישקע). וואָס שייך דער ווערסיע גופא, האָט זי זיך אפשר אָנגעלענט אין אַ טאַפּלגראַמיק ווערטל, וואָס איז עד־היום נישט פאַרשריבן געוואָרן: אַ יעדע יישקע [= יושקע] האָט זיך איר קישקע, אַ יעדע יאָוך [= יויך] האָט זיך איר באָוך [= בויך]. דאָ איז די קישקע מיטן בויך די קאָנסומענטן, און דאָס ווערטל גייט נאָך אַ קלאַסן־אויפטייל: דער אָרעמאַן וואָס עסט יישקע גראַמט זיך בלויז מיט קישקע, דער גביר וואָס עסט יויך גראַמט זיך מיט גאַנצן בויך.

ה

אָבער די קשיא וועגן גאַנג פון אונדזער גראַם, חזרט זיך איבער לגבי אַ דרייאיק־געטאָפּלטן ווערטל־גראַם, וואָס איז ביז איצט אויך נישט פאַרשריבן געוואָרן: אַ יעדע קאַץ אין איר פּאַלאַץ, אַ יעדע מויז אין איר הויז, אַ יעדער וואָרם אין זיין טאָרם. דאָס אַלץ וויל זאָגן, אַז אַ יעדעס באַשעפעניש איז אַ בעל־בית ביי זיך; קלאָרער געזאָגט, דאָס ווינקל פון דער קאַץ, דאָס לעכל פון דער מויז, דאָס גריבל פונעם וואָרם האָבן ביי זיי אַזאַ ווערדע, ווי די גרויסע געביידן ביי די מענטשן. פרעגט זיך, צי דער גראַם: וואָרם—טאָרם, איז דאָ אויך אַ גלגול פון וואָרם—דאָרם, וואָס איז ווייטער אַ גלגול פון וואָרום—דאָרום, אָדער ער איז אַ גרונטיקער. כדי דערויף צו ענטפערן, מוז מען אַ קלער טאָן, צי דער וואָרם האָט אַרויפּגעוואַנסירט ביזן טאָרם נאָר צוליב דער גראַם־לייכטקייט, אָדער עס איז דאָ אַן אַנדערער טעם דערביי. דען בדרך־כלל האָט דאָס ווערטל דעם וואָרם אָפּגעגעבן אַ וואָזשנע פרנסה־פּאַך, אָבער גאָר נישט קיין וואָזשנע דירה. וואָס שייך דעם פרנסה־פּאַך, איז ווי נישטיק דאָס ווערטל זאָל אים נישט אָנידערשטעלן, בפרט אין פאַרגלייכן; זע, אַ שטייגער, יצחק באַשעווים: „וואָס זאָל זאָגן אַ הייַנטיקער מענטש, וואָס איז קעגן די פאַרצייטיקע, ווי אַ וואָרם צו אַן עלעפאַנט" (די עגונה, פאָרווערטס, 25

אויגוסט 1962), וואָס איז נאָך שאַרפער פונעם געגראַמטן פאַרגלייך: ווי אַ פליג קעגן אַ ביק[1]), און ווי נישטיק מען זאָל נישט אַנידערשטעלן זיין כוח; זע, אַ שטייגער, דער נסתר: „אָבער זיין גרויס איז אַ וואָרעם, זיין כוצפע איז אַ ווערעמדיקע, און ווי אַ וואָרעם וועלן מיר אים צעטרעטן, פוי" („גייענדיק"), איז זיין מלאכה שוין איינמאָל אַ מלאכה; סיי לגבי דעם עולם המדבר — זע, אַ שטייגער, שמ"ר: „דער גראָף... איז שוין געשטאָרבין... ווערים האָבין אים שוין לאַנג אויף גיגעסין" (איין אונגעריכ־טער גליק, ווילנע, אויסגאַב תרנ"ג ז' 15), סיי לגבי דעם עולם הצומח — זע, אַ שטיי־גער, ר' בנציון אלפס וואָס דערציילט אַ מעשה מיט אַ יידענע, וואָס האָט איר מאַן נישט געלאָזט געבן חליצה דער שוועגערין אירער, און אַ קליין יינגל האָט זי מיט זיין תמימות דערצו איבערגערעדט: „ריכטיג זאָגט די וועלט... אַ קליינער ווערימל קען צו טאָצן [= צוטאָטשען] אַ גרויסן בוים, אַט דער יונגער קינד האָט מיט זיין קליינעם פיסק געעפנט מיין הארץ..." (דער יונגער קינד וכו', ווילנע, תרפ"ג, ח"ב, ז' 18). נאָך מער, אַז עס אַרט אָדער קרענקט אונדז עפּעס, אָדער מיר וואַרפן זיך אַליין עפּעס פיר, דוכט זיך אונדז אַז אַ וואָרעם נאָגט אונדז און דייטשיש האָט דערפאַר אַ ווערב würmen און אַזוי אויך א. מ. דיק: „אונ דיזעס האָט דעם מארקוסען גוואורעמט (געקריינקט)" („דער אפּעקון", ווילנע, תרל"ג, ז' 32), אָבער אַ דירה האָט אים דאָס ווערטל צוגעשטעלט נישט ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ טויגער, וואָס עסט אויף גראָפן און צעטאָטשעט ביימער און נאָגט הערצער — בערנשטיין ברענגט, סי' 1273: איטליכער וואָרעם האָט זיך זיין לאָך; אין ווערטל איז עס לרוב אַ ביטער לאָך וואָס דער וואָרעם מאַכט זיך אַליין, דאָרט סי' 1271: אַז דער וואָרעם זיצט אין חריין, מיינט ער אַז עס איז קיין זיסערס נישט דאָ, און זע ברייטער ביי שמ"ר: „ווייסט איר דען ביט אַז דעם וואורם איז אנגענעהם צו זיטצען אין חריין דער פאַר וואָס ער איז שוין מיט דער ביטערקייט פון דעם חריין איינגעוואהנט געוואָרין, דיא זאַך מיט וועלכער מיא ווערט געוואהנט זיא מאַג וויא ביטער זיין שמעקט אונז זיס" (דער שלימזלדיגער מזל טוב, ווילנע תרמ"ט, ז' 5); און זע מענדעלע: „פריער אַז בנימין איז געווען וויא אַ הינדעלע וואָס ליגט אין איי, אָדער וויא אַ וואָרם וואָס ליגט אין חריין, ער האָט געמיינט, אַז אויף יענער זייט טוניעאַדיווקע עקט זיך דיא וועלט, קיין זיסער, קיין בעסער לעבען וויא דאָ איז גאָר נישטאָ" (מסעות בנימין השלישי, אויסגאַב ווילנע, תרס"ה, ז' 9). דאָס ווערטל קאָן אויך

1) ענלעך: ווי אַ פלוי קעגן אַ ביק, אויך ווי אַ פלאָך קעגן אַ ביק, געווען באַנוצט אין דער וואַל־פּראָפּאַגאַנדע פון צוויי יידישע קאַנטראַ־קאַנדידאַטן צום עסטרייכישן פּאַרלאַמענט: הרב ד"ר יוסף שמואל בלאָך און ד"ר עמיל ביק.

פארביַטן די בעלי חיים, זע, א. שטייגער יאהאן לאורעמבורג (נידערדויטשע שערצגעדיכטע, 1652, אויסגאַב ווילהעלם בראונע, 1879, ז' 67, שורות 661־662):

Dem Ossen düncket dat kein beter Spise was

Des Winters als dat How, des Samers als dat Gras.

טיַטש: דעם אָקס דוכט זיך, אַז קיין בעסער שפּיַיז איז נישט פֿאַראַן אום ווינטער ווי דאָס היי, און אום זומער ווי דאָס גראָז.

יצחק קאַצענעלסאָן פֿאַרבינדט דעם וואָרעם וואָס ליגט אין כריין מיטן וואָרעם וואָס נאָגט דאָס האַרץ און זאָגט („דאָס ליד פֿונם אויסגעהרגעטן יידישן פֿאָלק" כּתבים אחרונים, ז. 11): „ליגט ווייטאָק / אין מיר, ווי ווערם אין כריין, אין אויפגעגעסענעם אין האַרץ".

ו

אָבער מעגלעך, אַז פּונקט ווי מיר האָבן אין וואָרם—דאָרם דערשנאַפּט אַ זכרון פֿון אַן עלטערן גראַם און פֿאַרוויזן אויף זיַין שיור, מעגן מיר דאָס אָנגענומען לגבי וואָרם—טאָרם, דהיינו אַז עס איז אַן אַלט פּאָרל, וואָס פּאַסט זיך איינס צום אַנדערן נישט בלויז פֿאָרמאַל נאָר אויך אינהאַלטלעך. אויב אַזוי אָבער, איז כּדאַי צו געדענקען אַז אין אַן עלטערן באַנעם איז וואָרם נישט דאָס קליינע באַשעפֿעניש, נאָר אַ ריזיקע בריאה, אַ שרעק וואָס שפּיַיט פֿיַיער און לאָקערט אויף גרויס און קליין, בעיקר אויף בת־מלכּהס און פֿאַרשליגנט זיי אָדער פֿאַרשפּאַרט זיי, ביז עס קומט אַ ריצאַר, אַ גיבור און מאַכט פֿון אים אַן עק. מיר האָבן דעם וואָרם אין וואָרט לינד־וואָרם, לינדוואָרם, און נאָך מענדעלע לאָזט דעם גלויבן אין אים ברשעווען אין מסעות בנימין השלישי, און די מעשה מיט אַ באַרימטער שטאָט וואָס אַזאַ מין וואָרם האָט איר דערקוטשעט ביז זי האָט זיך באַפֿריַיט פֿון אים און זיך אויף אים אַ נאָמען געגעבן, דהיינו: וואָרמס (ווירמייזא), ברענגט נאָך יהושע מזח, וואָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף עלטערע מקורים, וואָס זענען איבערגעדרוקט געוואָרן — זע, אַ שטייגער: „אונ די שטאָט איז אלונדין וואָרים מיט זובן קעפּ — — הט ער זייא גיהייסין זיי זאלען קומין — — אויף דעם ארט וויא דער לונדין וואָרים איז — — אונ דער פריא האָט מען זיא ארויס גיפֿורט צום וואָרים" (איין נייאי מעשה, לעמבערגער דרוק). און זע מאַקס ערִיק (ווענן אַלטיידישן ראָמאַן און נאָוועלע, 1926 מעשה ווילווילדט וואָס קעמפֿט מיטן לינדוורם, בעיקר ז' 136 און וויַיטער). דאָס מיטלהויכדיַיטשישע lintwurm באַשטייט פֿון צוויי ווערטער מיט דעמזעלבן פּירוש, ווייל סיי lint סיי wurm

מיינען אַ שלאַנג; עס איז ווי אונדזער פּיפּערנאַטער וואָס באַשטייט אויך פון צווײ ווערטער וואָסביידע מיינען שלאַנג.

נאָר כדאי צו דערמאָנען, אַז פּויליש האָט אין פאָלקס־ליד איבער דעם הייליקן יעזשי [= געאָרגוס] וואָס האָט קראַנקע אַפּגעראַטעוועט פון דעם smok, אַ מאָנסטער, קומט צו דער סקאַלע, ווו דער מאָנסטער האַלט דאָס מיידל און זאָגט (אָסקאַר קאָלבערג, לוד, באַנד 19, איבער קעלצער סביבה וו, ז׳ 141):

Podej, panno swego paska
Wywieziemy w pole *robaczka.*

טייטש: גיב, מיידל, דיין פּאַסעק, מיר וועלן אַרויספירן (אויך: אַרויסנאַרן) אין פעלד אַריין דאָס ווערמל. (דאָס וואָרט robak איז פּויליש חל אויך אויף אַ וואָלף).

מיר דערמאָנען דאָס אַלץ, ווייל מיר נעמען אָן, אַז אין פּחד פון קינדער, אויך יידישע קינדער, פאַר אַ וואָרם שטעקט נאָך יענער ווייטער זכרון, אַזוי אַז דער קינדערשער שרעק־זאָג: אַנטלויפטס, דער וואָרם בייסט, האָט ווייניקער צו טאָן מיטן מדרש־וואָרט: מה תולעת זו אין כוחה אלא בפה [= דער דאָזיקער וואָרם האָט דעם כוח זיינעם בלויז אין מויל], און מער מיטן לינדוואָרם. יצחק באַשעוויס, וואָס איז אַ מאדים אויף פריע קינדער־זכרונות דערציילט, אַז ער פלעגט זיך קינדווייז שפּילן מיט אויסגראָבן אַ וואָרם און אים שפּאַלטן, אַז די משפּחה איז אַריבער אין אַן אַנדער שטעטל, האָט ער דאָס איבערגעחזרט, איז צווישן די שטעטישע קינדער און אים געקומען צו אַזאַ שמועס (פון דער אַלטער און נייער היים, פאָרווערטס, 4 אָקטאָבער 1963):

דער ברודער האָט מיך געפירט אַהיים, אָבער מ׳האָט מיך אַרויס־געלאָזט כ׳זאָל זיך שפּילן אין הויף און אין סאַד. כ׳האָב געפונען אַ צע־בראָכענעם לעפעל און געפּרווט מיט אים אויסגראָבן אַ גריבעל, אפשר וועל איך געפינען אַ וואָרם. פון ערגיץ זיינען אָנגעקומען אַ אינגעלע און צוויי מיידעלעך. דאָס אינגעלע האָט מיך געפרעגט:

— ווי הייסטו?
— איטשעלע.
— איך הייס בנימין.
— און ווי הייסט דו?
— שיינדעלע.
— און זי?
— אסתר.
— וואָס גראָבסטו, האַ?

— אַ וואָרם.
— אַ וואָרם בייסט — האָט שיינדעלע געזאָגט.
— אַ וואָרם האָט ציין?
— אַז ער בייסט, געהט בלוט...

הייסט עס, אַז עס איז נישט דערזעלבער וואָרם — דאָס ייִנגעלע רעדט פונעם ממשדיקן וואָרם, רימה ותולעה, וואָס פּאַר אים פּאַסט זיך דער גראַם: וואָרם־דאָרם, דאָס מיידעלע רעדט פון לעגענדאַרן וואָרם, דעם מאָנסטרום, וואָס פּאַר אים פּאַסט זיך דער גראַם: וואָרם־טאָרם.

און מעגלעך, אַז אַ שיור פונעם לינדוואָרם האָט זיך נאָך דערהאַלטן אין זאָג: אוי, איז ער (זי) אַ בייזער וואָרעם. אויך לגבי אַן אַנדערע חיה — זע, אַ שטייגער, אליעזר שטיינבאַרג: „מחמת וואָס סע הענגט דאָס לעבן אויף אַ האָר / און די קאַץ אַ בייזער וואָרעם, ווילד" (משלים, 1949, באַנד 1, ז' 53).

18. מאַכן אַ גאַרטל-הענגער

מאמר א׳: אַ דין וחשבון פון אַ פאַרשט־עקסורסיע

א

גאַרטל־הענגער — איז אַ וואָרט, וואָס איך האָב צום ערשטן געהערט, מיט אַ טוץ יאָרן צוריק, פון אַ זקן שקנה חכמה, אַ ייד מיט אַ מיוחסדיקן נאָמען, ר׳ ישעיה הלוי איש האָרוויץ, עליו השלום. ער איז דער מחבר פון אַ זייער פּרעציזער מאָנאָגראַפיע איבער אַן אָפּצווייג פון זײַן משפחה — די האָראָוויצס אויפן סטאַניסלאַווער כיסא־הרבנות (געדרוקט אין ספר סטאַניסלב), און פון אַן אַנטאָלאָגיע פונעם מהר״ל׳ס כתבים, וואָס איז געבליבן אין כתב־יד, און האָט פאַרמאָגט אַ שלל מסורות פון למדנישן פאָלקלאָר. ווען ער פלעגט צו קומען פון רמת־יוחנן, וווּ ער האָט געוווינט, געלערנט און געאַרבעט, פלעגט ער מיך מהנה זײַן מיט ווערטלעך (אַרײַן אין מײַנע אַנעקדאָטן־ביכער אין זײַן נאָמען) און אויך מיט זעלטענע ווערטער, וואָס זענען אָדער פאַרגעסן געוואָרן אָדער אַרויס פון דער שמועסשפּראַך. דאָס דערמאָנטע וואָרט האָט ער מיר צוגעטראָגן ווי אַ מין מתנה צו דער יידיש־קאַטעדרע, און איז מרוצה געווען, ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז עס איז מיר פריער קיין מאָל נישט געקומען צו די אויערן. פאַרשטייט זיך, אַז מײַן ערשטער פרעג איז געווען, מאי קמשמע לן; האָט ער קלאָר געענטפערט: אַ מין קונציק־געדרייטער גמרא־פּילפּול, ווו די קשיא אַנטפּלעקט זיך צום סוף ווי אַ תירוץ, אָבער ווײַל ער האָט עס געהערט קינדווײַז, און זיך דערמיט מער נישט באַגעגנט, האָט ער שוין קיין קאָנקרעטן משל נישט געדענקט. מײַן צווייטער פרעג איז געווען, ווי אַזוי אייגנטלעך האָט מען דעם וואָרטצווייליגג אַרויסגעזאָגט, און אויב עס איז אַ נפקא־מיניה צו דער פאַרשטאַנדענעש פון דעם וואָרט, לויט דעם בילד, וואָס עס שטעלט פיר, און איך האָב אַרויסגערוקט אַלע דרײַ מעגלעכקייטן: גאַרטלהענגער, וואָס עס ווײַזט זיך אויס קלאָר, אָדער גאַרטל־

לענגער, ווי מיר האָבן פאַר זיך עפּעס אויסגעצויגנס; צי גאָר גאַרטל־ענגער, ווי מיר האָבן פאַר זיך עפּעס איַינגעצויגנס, אפשר אַ ספּיראַל. אַוודאי האָב איך געוווּסט, אַז שטיצן זיך בלויז אויף אַ וואָרטבילד טאָר מען נישט, דען די ראַציאָנאַליזאַציע לאָקערט מיט אירע איַינרעדענישן, אָבער איך האָב דאָך נישט געהאַט קיין אַנדערן אָנשפּאַר. דאָ איז שוין זיַין תשובה געווען ווייניקער זיכער, וויַיל כאָטש קאָסעוו, סטאַניסלעוו און קאַלוש (דרום־מיזרח־גאַליציע), ווו ער האָט זיך געכאָוועט, פאַרשלינגען, בדרך־כלל, נישט די ה״א, איז אָבער דער בחיפּזונדיקער אַרויסרייד, בפרט פון חדר־יינגלעך, געווען נוטה דערצו; פונדעסטוועגן האָט ער געטעהנט, אַז די ה״א קלינגט אים בפירוש אין זכרון. וואָס האָב איך געקאָנט מער טאָן, ווי פאַרשריַיבן, וואָס און ווי אַזוי איך האָב געהערט, און אָפּוואַרטן אַ וויַיטערע אינפאָרמאַציע בעל־פּה און אפשר אויך, אויב דאָס מזל וועט צושפּילן, בכתב.

ב

און דאָס מזל האָט גאָר באַלד צוגעשפּילט — עס איז צו מיר, אַ ביסל שפּעטלעך, דערגאַנגען די קאָמעדיע „די געגנאַרטע וועלט״, פון אַן אומבאַקאַנטן מחבר, וואָס איז אַרויס בערך 1816, צום ערשט אָפּגעדרוקט אין זשאָלקעוו, האָט זיך אָבער אין דער אויסגאַבע נישט דערהאַלטן, און בלויז פון דער צווייטער, וויַיזט אויס געקירצטער אויסגאַבע, לעמבערג 1863, האָט זיך איין עקזעמפּלאַר אָפּגעהיטן אין קיִעוו, און נחום שטיף האָט זיך געגרייט אויפס ניַי אַרויסצוגעבן, אָבער אַרויסגעגעבן האָט עס מאיר ווינער (מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס״, מאָסקווע 1940). עס איז אַ פיַינע קאָמעדיע, און איר מחבר האָט געמוזט זיַין פון די משכילישע אַשלי רברבי — נאָך דעם עס איז אָפּגעפאַלן די שוואַכע השערה איבער ר׳ מענדל לעפין, בליַיבן צוויי קאַנדידאַטורן — איינע ר׳ מרדכי בן יחזקאלס, וואָס וויַיזט אָן אויף ר׳ יעקב שמואל ביק, די אַנדערע מיַינע, וואָס וויַיזט אָן אויף ר׳ איציק ערטער, אָבער עס זענען היפּאָטעזעס בחינת quod demonstrandum esse. אָט אין דער קאָמעדיע — (יוסף אָפּאַטאָשו האָט מיר געשענקט זיַין עקזעמפּלאַר מיט זיַינע ווערטיקע הערות) — געפינט זיך אַ מעשה מיט אַ מלמד, וואָס איז, ווי עס פּאַסט פאַר אַ משכילישן חיבור דער נעגאַטיווער טיפּ, — ער פאַרהעלפט דער מיוחסטע, וואָס איז אויך אַ נעגאַטיווער טיפּ איַינשלייערן אין אַ שידוך אַ בחורל, וואָס וויל אים נישט, און נעמט זיך שפּעטער אונטער, נאָך דעם ווי דאָס בחורל איז אים מכבד מיט שווה־כסף, דעם שידוך קאַליע צו מאַכן, און דערקלערט זיַין פאַרטל

אַזוי צו זאָגן: „גאָר אַ וווּנדער, אַ נפלא! אונדזער מיוחסת איז דאָך זייער פּרום; איך וועל איר זאָגן: ווײַל דו לערנסט אויך עפּעס חכמות, לשונות, און, ווי איך זע, קענסטו דאָך מלאכות אויך, — נו, שוין, ליגסטו דאָך, מסתמא, אין דער חי״ת [= חרם]. מילא, וועט זי אַליין זיך דער[פֿון] מרחיק זײַן. אוי, אַ גאַרטל־הענגער, אַ קניפּ און אַ שלייף. זי וועט אַנשלופּן ווי אַ קאַץ אויס דעם זאַק. איך וועל מיך מאַכן: פּאַנענקע, יאַ דורען״ (ז׳ 94). אין קאָמענטאַר דערקלערט מאיר ווינער: „אַ גאַרטל־הענגער, אַ קניפּ און אַ שלייף — דער זין איז אַן ערך — אַ זשוליק, וואָס פֿאַרשטייט ווי צו פֿאַרבלענדן די אויגן, אָפּצונאַרן, צוטראַכטן אַ פּאַרטל. לויט ידיעות, וואָס נ. שטיף האָט באַקומען: „אַז איינער טוט אָפּ אַ שווינדל און לאָזט איבער אַ טירל אָפֿן זיך אויסצודרייען, זאָגט מען: ער האָט געמאַכט אַ קנופּ מיט אַ שלייף. אַ גאַרטל בײַ אַ חסיד האָט אַ קנופּ און אַ שלייף, אַזוי אַז מען קאָן אים מיט איין צי אויפֿבינדן״ (ז׳ 123).

ג.

אַוודאי האָב איך הנאה געהאַט, אַז אַזאַ וואָרט איז זין פֿון אַ קונציקן אויפֿטו איז באַשריבן, אָבער איצט האָט זיך געפֿרעגט — וועמענס פּירוש איז דער רעכטער, צי פֿון יענעם זקן, אַז גאַרטל־הענגער איז אַ פּילפּול, צי פֿון מאיר ווינער, אַז גאַרטל־הענגער איז אַ זשוליק, אַ שווינדלער, און כאָטש בײַ מיר אין האַרצן האָב איך געוווּסט, אַז אַ מסורה שבעל־פּה פֿון אַ מסיח־לפי תומו איז פֿאַרלאָזלעכער פֿונעם אויסטײַטש פֿון אַ געלערנטן, וואָס האָט בלויז איין איינציקע ראיה־בכתב און דרינגט אַרויס דעם פּירוש בלויז פֿונעם צופֿאַליקן קאָנטעקסט, האָב איך נישט געהאַט קיין ברירה ווי צו פֿאַרשרײַבן ביידע פּירושים, און זיך, לעת־עתה, נישט אַנטשיידן. דערווײַל האָב איך אָבער געזען, אַז אַנדערע זענען, כמעט מעכאַניש, נאָכגעגאַנגען מאיר ווינערן — אַזוי האָט דער גרויסער ווערטערבוך פֿון דער יידישער שפּראַך אַרויסגעגעבן מוסטערזײַטן (ניו־יאָרק 1954), די אַרטיקלען גאולה — גרעמעלע; איז, פֿאַרשטייט זיך, אויך אַרײַנגעגאַנגען אונדזער וואָרט: „גאַרטל־הענגער דער, מ״צ [= מערצאָל] [אין לשון פֿון משׂכּילים] אַ כיטרער שווינדלער; עמעצער וואָס לאָזט זיך איבער אַ פֿאַרטקע, אַ טירל, אַ תּירוץ זיך אַרויסצודרייען, ווען מען כאַפּט אים בײַ דער האַנט; „אַ גאַרטל־הענגער, אַ קנופּ און אַ שלייף״ (די געגנאַרטע וועלט), [= אַ גאַרטל בײַ אַ חסיד האָט געהאַט, אַ קנופּ און אַ שלייף וואָס מען האָט געקאָנט אויפֿבינדן מיט איין צי]״. מיר זעען, אַז עס ווערט דאָ איבערגעחזרט ווינערס פּירוש היפּש אויפֿגעפּוישט,

מיט דעם צוגאָב, אַז עס איז משכילים־לשון, כאָטש אין דער קאָמעדיע באַנוצט עס דער אַנטי־משכיל. און נאָך פריער האָט נחום סטוטשקאָוו אין זײַן אוצר (1950) געבראַכט אונדזער וואָרט נישט ווי אַ באַצייכן פון אַ מידה, אַן אופן, נאָר פון דעם בעל־המידה, בעל־האופן — זע פּאַר' 363 (ז' 338): שקר, פאַלשקייט, שווינדל, די אונטערגרופּע: קרוטין, קרוטשעל, קרוטשקע־מאַכער, קונצן־מאַכער, גאַרטל־הענגער.

איך האָב ר' ישעיה הלוי האָרוויץ פאַרוויזן, ווי עס שטייט מיטן וואָרט, ער איז אָבער באַשטאַנען אויף זײַנס און עס האָט זיך גרינלעך אַרויסגעוויזן אַז ער איז כמעט גערעכט — דורכאַקערנדיק די שפּראַך פון אײַזיק מאיר דיק, האָב איך אָנגעשטויסן אין איין דערציילונג זײַנער („דער חזן", ווילנע, 1874) אויף אַ יונגן־מאַנטשיק, וואָס דער מחבר האָט אים אין זײַן יוגנט געקענט, ר' משה חאַסקעס, וועלכער פלעגט אין דער וואָכן אַרומגיין שבתדיק, און נאָך דעם ווי מיר זענען זײַן קאָמיש באַשריבענעם סטראָי, הערן מיר: „אונ דאָך פלעגן נאָך אים נאָך צו גיין אַ באַנדע שדכנים וואָס פלעגין אים צוא ריידין שדוכים די גרעסטע פון דער מדינה און ער פלעגט זייא צו בריען ווײַל ער איז גיוועזן איין גרויסער חריף, איין גאַרטל היינגער און דערצו איין מיוחס" (ז' 20). דיק האָט מסתמא געוווסט, אַז די לייענער פאַרשטייען שוין נישט מער אונדזער וואָרט, דערקלערט ער: „א גאַרטל היינגער האָט מען גערופן דער וואָס האָט גיקענט צוא זאַמען צעפען צווייא מסכתות איינע מיט דיא אַנדערע אונ אַ דריטע דערצו מיט גרויס חריפות" (דאָרט).

האָט טאַקע גאַרטל־הענגער בפירוש צו טאָן מיט פּילפּול, און כאָטש, לעת־עתה, איז עס נאָך נישט דער באַצייכן פונעם פּילפּול גופא, נאָר פונעם בעל־מפלפל, ווייסן מיר על־כל־פּנים, אַז גרונטיק האָט עס נישט צו טאָן מיט קיין זשוליק, אַ פאַרבלענדער, אַן אָפּנאַרער, און מיר האָבן אַפילו אַ שטיקל באַגריף אין דעם שטייגער פון פּילפּול: — צוטשעפּען מסכתות איז אַ באַקאַנטער טערמינוס, זע, אַ שטייגער, יעקב דינעזאָן: „ער האָט נאָך גמרא'ס אָנגעפּלאָכטן און אָנגעטשעפּעט" („יום־כיפור", אויסגאַב ניו־יאָרק, אָן דרוקיאָר, ז' 28).

ד

דיק וואָס שטעלט אַרײַן דעם גאַרטל־הענגער אין אַ קאָנטעקסט פון חריף, חריפות און מסכתות, באַפרײַט אים פונעם קאָנטעקסט פון קנופּ־און־שלייף, אָבער עס איז אַ באַפרײַונג מצד דער דעפיניציע און נישט מצד דער אַסאָציאַציע, ווײַל

גאַרטל קער זיך פּאַרט אָן מיט פאַרבינד און אויפבינד. אַדרבה, די אַסאָציאַציע באַ־העפט זיך ממילא צו כלערלי פּרוּוון נאָכצוגיין דעם אָפּשטאַם פון אונדזער וואָרט מצד דעם שײַכות צו מאַכן־אַ־קנופּ־און־אַ־שלייף. אַז דער מנהג איז נישט קיין ספּע־ציפיש חסידישער איז אַ גאַנג פאַר זיך — דאָס האָט שוין אַפילו אַ גוי געוווּסט, איידער חסידות, וואָס ווערט אין אונדזער קאָמעדיע אויסגעלאַכט, איז אויפגעשטאַ־נען; זע, אַ שטייגער, דעם ענין Knoten und Schlinge בײַ באָדנשאַץ (1748, חלק ד׳, ז׳ II), וואָס איז נישט מער ווי דער ענין פון קשירה ועניבה, וואָס איז אויך נוהג בײַ תכריכים, און ווערט אַזוי באַשריבן; זע, אַ שטייגער, אשר באַראַש („תמונות מבית מבשל השכר״, כתבים, באַנד I, ז׳ 47): „אחר הלבישוהו בעמידה את התכרי־כים, מכנסים וחגורה בעניבה בלי קשירה״ (טײַטש: דערנאָך האָט מען אים שטיי־ענדיקערהייט אָנגעטאָן די תכריכים, הויזן און אַ גאַרטל מיט אַ שלייף אָן אַ קנופּ) פּונקט ווי עס איז נוהג בײַ ציצית; זע, אַ שטייגער, די צוואה פון דעם בערזשאַנער גאון, ר׳ שלום מרדכי שוואַדראָן, וועלכער איז אגב, געווען אַ תכלתניק (לויט דער שיטה פון ר׳ גרשון העניך פון ראַדזין): „יקחו את הטלית טירקישען בלא העטרה וקשורים בו ציציות עם תכלת ולא יפסלו הציצית ולא יתפרו אותם לתוך הטלית רק יקשרו ב׳ ציצית זה עם זה בקשר א׳ ועניבה ולא יותר״ (טײַטש: מען זאָל נעמען דעם טערקישן טלית אָן דעם שפּאַניער, די ציצית מיט תכלת צוגעבונדן, און מען זאָל די ציצית נישט פּסול מאַכן, נאָר פאַרבינדן צוויי ציצית מיט אַנאַנד מיט איין קנופּ און אַ שלייף, און נישט מער). כדי צו פאַרשטיין דאָס באַזונדערע דערבײַ, מאַכן מיר אויפמערקיק אויף רש״ח קוק׳ס אַרטיקל (חידושים והערות קבורת מתים בצי־צית, סיני, שנה י״ט, חוב׳ א׳), ווו ער באַמערקט, אַז אין צײַטן אָדער לענדער, וואָס מען האָט זיך נוהג געווען אָפּצוזונדערן די ציצית פונעם טלית בײַם בר־מינן, פלעגן יחידי סגולה בעטן, מען זאָל זיי מקבר זיין מיט די ציצית שלא כמנהג פון זייער אָרט און צײַט. איז דער אויסדרוק: אַ־קנופּ־און־אַ־שלייף סײַ אַ געהויבן־ערנצטער, סײַ אַ דערנידעריקט־איראָנישער, געוועגדט אין מענטש און אין ענין. דער געווײנט־לעכער איראָנישער באַנוץ איז אַ סך באַגרענעצטער, ווי מיר האָבן עס געהאַט אין די דערמאָנטע דערקלערן — זײַן מקור איז פונעם מינהג שבת צו מאַכן בײַם גאַרטל אַ קנופּ און אַ שלייף, מען זאָל אים אויפבינדן, און אַפילו אינעם איראָנישסטן באַ־נוץ איז עס נישט מער ווי אַ קונציקער פּאַרטל. אַזוי האָט עס, בערך, י. ל. פּרץ אָנגעווענדט אויף אַ בוים: „די סאָסנע — גלײַך, אָהן קונצען, אָהן פּשטליך, נישט פאַרקניפּט און נישט פאַרבונדען״ („די פּײַל־און בויגען״, יום־טוב־בלעטלעך, וואַר־שע, ל״ג בעומר, תרנ״ד, ז׳ 9), און ווי בײַ אַ גרויסן שרײַבער מעג מען אָננעמען אַ צולאָג פון נאָך אַ מקור (צדיק כתמר — בלא פיקוסין [סיקוסין] ועומק [= עוקם]),

און פריער האָט עס פשוטער שלמה עטינגער וועגן אַ בעל־עגלה, וואָס האָט „זיי [די פערד] געהרגעט, געשמיסן / די שטריק האָבן זיך אים צעריסן / ער האָט ווידער געקניפּט און געבונדן / די הויט פון די פערד געשונדן" („אויסגאַב ווײַנרײַך, באַנד 1, ז' 156); אָבער דאָס געהער אין אַן אַנדערן רייסטער.

על כל פנים האָבן מיר אַ קנופּ און אַ שלייף נאָך אין שמואל בוך אין אַ פאַרקערטן סדר — אחיתופל „איין לאנגיא האנט צוועהל אן זיין האלז ער נאם / ער מאַכט דאַרן איין שלייף דש זיא באלד צו קאם / ער שטייג אויף איין באנק הינטער דער טויר דוך / ער קנויפפט דיא האנט צוועהל אן איינעם באלקן הוך" (אויגסבורג 1544, אויסגאַב פאַלק־פוקס סטראָף 1530). משמע, ער האָט זיך געהאָנגען אויף אַ האַנטוך.

ה.

דוכט זיך אָבער, אַז אַ סך שווערער איז נאָכצוגיין דעם אָפּשטאָם פון אונדזער וואָרט דווקא אין שײַכות מיט חריפות און מסכתות, כאָטש די אָפּעראַציע מיט גאַרטל איז אַרײַן אין די ערשטע ברכות פון שחרית־דיקן דאַווענען, ווו כביכול איז דער אוזר ישראל בגבורה (טײַטש: גאַרטלט אַרום ישראל מיט שטאַרקייט) און אַ מליץ, ר' זאב באָכנער, האָט דאָס בילדלעך געמאַכט (שירי תהלה, בערלין, 1808, דף י"ט ע"ב): „אני אני אאסור אזור, אני אבנטי אחזקנו" (טײַטש: איך וועל פאַרבינדן אַ גאַרטל, מײַן גאַרטל וועל איך באַשטאַרקן). און ער באַמערקט, אַז ער איז זיך סומך אויפן נביאס רייד: ואבנטך אחזקנו (ישעי' כ"ב, כ"א) און דערקלערט: „אין דורש בארץ אשר יאמר שהוא יחזיק אותנו באבנט גבורתו להועיל לנו בתפלתו" (טײַטש: קיינער פאָרשט נישט צו זאָגן אַז ער וועט אונדז האַלטן מיטן גאַרטל פון זײַן שטאַרקייט אונדז צו פאַרהעלפן מיט זײַן תפילה). סוף־כל־סוף איז גאַרטל אָדער גערטל אַ כשר און פאַרשטענדלעך יידיש וואָרט, און הענגער איז אויך נישט פון אונטערן פּלויט, מיר האָבן עס בײַם קאָלנער זע, אַ שטייגער, שלום עליכם: „נאָך שפּעטער, אַז מאקאר האָט אַנגעטאָן אַ קנעפּל אין אַ הענג־קאָלנער, האָט אים מרדכי נתן געעפנט אַ שיינעם קרעדיט" (די גרויסע בהלה פון די קליינע מענטשעלעך, פרק ה') און ווענדן עס אָן בײַ זײַנס גלײַכן, זע, למשל, א. לעיעלעס, אין אַ ליד וואָס באַשרײַבט דאָס ענגעניש אין סאָבוויי: „אַ קעניגרײַך פאַר אַ זיץ! אַ קעניגרײַך פאַר אַ הענגער!" (ראָנדאָס וכו', 1926, ז' 40) כאָטש מען וואָלט אפשר געמעגט מטריח זײַן דעם שכן זײַנעם, דעם הענגל [= הענקל] וואָס מוז נישט גראָד זײַן פון האָלץ אָדער מעטאַל ווי, אַ שטייגער, עס ברענגט ר' יחיאל מיכל

עפשטיין: „ווען מן איין כלי נעמט איז פיל בעשר אַבר דז גיס פאש הענגל אויף צו מאַכין אונ אַזו לויפן לאָזן אין איין שטיק״ (סדר תפילה דרך ישרה, פפד״א, תס״ג, הנהגה ישרה), נאָר קאָן אויך זײַן געצווירנט; זע, אַ שטייגער, בײַם גראַמען־פלעכטער י. באַכשטיין אין זײַן בוך Blätter Blüthen (איילענבורג, 1847), ווו ער רעדט פון זעלטענע זאַכן און צווישן זיי (ז׳ 98) Der Henkel von der Gelte in der Rahel das Wasser trug און אין אַ דעקלער, ווי אַזוי עס לאָזט זיך מאַכן דערפון טעאַטער, באַמערקט ער צו דעם פרט: ein verschlungener Dreierstrick (דאָרט). אגב, מיינט Gölt אָדער Gelte אַ גרויסע הילצערנע כלי צום וואַשן.

אָבער כאָטש אי גאַרטל אי הענגער זענען נישט פּראָבלעמאַטיש, איז זייער שידוך אַ פּראָבלעמאַטישער, און די עיקר־קשיא איז, וואָס איז דער גאַרטל־הענגער קאָנקרעט געווען, איידער ער איז געוואָרן אַ באַצייכן פאַר לערנען, און וואָס איז זײַן קאָנקרעט בילד. אמת דאָ האָט מיך מײַן אַרומפרעגעניש אָנגעשטויסן אויף דעם דרך פון חסידים וואָס זענען פאַכאַפּנע צו הערן דעם רבינס תורה, און געפינענדיק זיך אין די לעצטע שורות, האָבן זיי צוזאַמענגעקניפּט די גאַרטלען און פאַרוואָרפן אויף די הענגלײַכטער און זיך אויף זיי אָנגעהאָנגען, כדי צו זײַן, מיט אַ קאָפּ אָדער צוויי קעפּ, העכער פון די ערשטע שורות. דאָס בילד איז דערהאַלטן אין דער ליטעראַטור — אויך משה נאַדיר, וואָס איז אַזוי יונג אַוועק פון זײַן נאַראַיעוו, האָט עס פאַרגעדענקט: „אויף די אונטערשטע געזימסן פון די הויכע קלויזפענצטער זענען געשטאַנען יונגע מענטשן — זיי האָבן מיט גרויס מסירות־נפש צוגעבונדן מיט די גאַרטלען צו די פענצטער פון רבינס קלויז, אַבי נישט פאַרפעלן דאָס הייליקע וואָרט — —״ (געקליבענע ווערק, „אונטער דער זון״, ווילנע 1928, ז׳ 74). ברוך האַגער, באַשרייבנדיק דעם רבין פון בעלז: „מען האָט אים דערזען — — דעם רב, איינגעשלאָסן אין אַ רינג פון הונדערטער ספּאָדיקעס — גיבורישע יונגעלייט גע־בונדן איינס צום אַנדערן מיט די גראָבע גאַרטלען, וואָס אַרום זייערע לענדן צו דער בימה פאַר דער שול״ (די מחיצה, דווקא, טבת־סיון, תשי״ד). אַזוי אויך ר׳ אנשל כ״ץ באַשרייבנדיק, אין ספר לאַנצוט (תשכ״ב) איינעם, שלמה גרינבוים, אַ לוויוויטשער וואָס האָט זיך באַזעצט אין לאַנצוט, געווען אַ חסיד פון אַלעקסאַנדער רבין, שפּעטער אונטער דער השפּעה פון די כתבים פון זשיטלאָווסקי, פּרץ און באָראָכאָוו געוואָרן אַ סאָציאַליסט — ער פלעגט דערציילן וועגן זיינע חסידישע יאָרן „איך קשר עצמו באַבנטו לתריס החלון שממעל לשולחן הצדיק, כדי להזין עיניו בו בהסיבו לשולחנו הטהור״ [= ווי אַזוי ער האָט זיך אַליין מיטן גאַרטל צוגעבונדן צום לאָדן פון פענצ־טער איבערן צדיקס טיש, כדי צו זעטיקן די אויגן זיינע מיט אים, ווען ער האָט גע־פּראַוועט זיין הייליקן טיש]. מעגלעך, אַז אויך יצחק באַשעוויס האָט פאַר זיך דאָס

בילד, ווען ער באַנוצט עס אין אַ קאַשמאַריקן זינען, באַשרײַבנדיק אַ שטאָט יידן, וואָס גייען הפקרדיק נאָך דעם ס"ם: „לאָמיר גיין ציים טײַך זיך טרענקען! — איז זיך פאַרגאַנגען אַ מויד. — איידער אַזאַ לעבן איז בעסער דער טויט!" „לאָמיר זיך אויפהענגען אויף די גאַרטלען! — האָט געעצהט אַ ישיבה־בחור". „ברידער, לאָמיר זיך אַלע שמדן! — האָט געברילט אַ בעל־עגלה. — מיר זענען פאַרלוירן סײַ ווי סײַ" („דער באַל") דעסגלייכן: „מ'האָט אַרויסגעלאָזט אַ שמועה, אַז דער בחור האָט זיך אויפגעהאָנגען אויפן גאַרטל" (דער טויטער כלי־זמר, פאָרווערטס, 17 סעפטעמבער 1966).

אָבער כאָטש איך האָב זיך לײַטיש אָנגעפרעגט, האָב איך, ביז אויף איין פאַל — דער שרײַבער גרשון חנוך עליו השלום, אַ געבוירענער פון זאַמישטש — נישט געקאָנט דערביוועןַ, אַז אַ חסיד, וואָס האָט זיך אָנגעהאָנגען אין גאַרטל, כּדי צו הערן דעם רבינס תורה, זאָל האָבן, בפירוש, אין לעבעדיקן שמועס, געהייסן אַ גאַרטל־הענגער, און עס זענען, דוכט זיך, נויטיק נאָך אַ צוויי דרײַ שוואַלבן אויף זומער צו מאַכן. על־כּל־פּנים האָבן מיר דאָ אַ גילגול — אַ נײַער באַנוץ מיט אַן אַלט וואָרט, וואָס זײַן פּרימאַרער באַטײַט איז שוין פאַרגעסן געוואָרן.

אָבער אויב שוין גילגולים — שטעלט זיך די קשיא, צי גאַרטל־הענגער גופא איז נישט אַ גילגול פון אַן אַנדער וואָרט, און, בײַם זוכן גילגולים קאָן מען, כּידוע, ווײַט אַוועקשפּאַצירן — אַזוי, אַ שטייגער, דערמאָנט גאַרטל־הענגער, בפרט אין קאָנטעקסט פון קנופּ־און־שלייף, דאָס דײַטשישע Kortelband בײַ אַ מיידלס אַ קליידל, וואָס דער בחור אירער בינדט עס שטיפעריש אויף מיט איין צי — עס איז אפילו פאַראַן אַ באַזונדערער ווערב דערצו: kordeln; אויך פּויליש קען דאָס וואָרט kortel, ווי אַ באַצייכן פון אַ ווייבערשן סטראָי אין 15־טן יאָרהונדערט, פּונקט ווי עס האָט אַ וואָרט chordy און מיינט שטריק און איז אידענטיש מיטן היינטיקן postronek (אויך אַריין אין ייִדיש). סײַ דאָס, סײַ דאָס דייטשישע chorde, Kord, Kordel פירן צום ראָמאַנישן corde און לאַטייִנישן corda, וואָס מיר קענען עס פון רש"י לעז — טייטשט ער דאָך: בחבלי (איוב ל"ו, ח'): קורד"ש, און מיר לייענען ביי שלמה בן וירגא אין „שבט יהודה" (אויסגאַב עזריאל שוחט תש"ז, ז' קצ"ו) אַ מעשה ווי דאָן יהודה האָט געבעטן מען זאָל דער דוכוס ברענגען אַ ריין פּאַפּיר און ער זאָל אים נעמען אין האַנט בשעת ער, יהודה אַליין, וועט אים נישט אָנרירן. האָט מען געשיקט ברענגען פּאַפּיר, האָט ער דעם דוכוס געבעטן, ער זאָל עס צוזאַמענלייגן אין פיר טיילן, דערנאָך האָט ער אים געבעטן עס אַריינצולייגן זיך אין בוזעם אין דער רעכטער זייט,

האָט דער דוכוס אַזוי געטאָן, האָט ר׳ יהודה געזאָגט אַ שם, און אַז דער דוכוס האָט דאָס פּאַפּיר אָפּירגענומען, האָט ער געפונען אויפגעמאָלן פיר כיתות פון גלחים, אין איין זייט דריי גלחים וואָס האָבן געגראָבן אין גוייִשע קברים און געפונען אַ פּגר, און אין דער אַנדערער זייט דריי גלחים וואָס האָבן געשלעפּט דעם פגר „וכי כבד עליהם העביר אחד מהם אזורו מתחתיו, הנקרא קורדון די פראילי״ [= און ווייל ער איז זיי געווען שווער, האָט איינער פון זיי אַדורכגעפירט אונטער אים זיין גאַרטל]. דער אַרויסגעבער דערקלערט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן cordon de Fraile דאָס איז אַ פּאַדעם וואָס די מאַנאַכן פלעגן מיט אים צובינדן די היט זייערע צו די קעפּ. און אין אַ פּריוואַט־בריוו פון 1533 שרייבט איינער: „וביתי ונערותיה עושים מלאכת המשי בהטלר רצוני לומר קורדלי״, און דער אַרויסגעבער, ד. גינסבורג (ייוואָ־בלעטער, מאַרס־אַפּריל 1938, ז׳ 342) דערקלערט: בהטלר = telaro = אַ שפּינדל, קורדלי = cordello = אַ דינער שטריק, אַ באַנד.

אגב, cordelier הייסט, כידוע, אַ פראַנציסקאַנער וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן חובל, זע אַ שטיגער: „חובל אחד שאל לר׳ יוסף״ (ספר יוסף המקנא, אויסגאַב צדוק הכהן, ממזרח וממערב תרנ״ט, ז׳ 24). מסתמא האָט עס אויך אַן איראָנישן באַטייט (חובל = אַ שעדיקער).

ו

אָבער דער שפּאַציר איז גליקלעך אָפּגעהאַקט געוואָרן, ווען פּראָפ׳ חנא שמערוק האָט מיר מודיע געווען, אַז עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו געפינען אַן עלטער־זיידן פון אונדזער גאַרטל־העגנער — אין דער באָדלעיאַנאַ אין אָקספאָרד האָבן זיך דערהאַלטן צוויי יידישע כתב־ידן, וואָס באַהאַנדלען די טערמינען פון לערנען גמרא (פאַרצייכנט אין נייבויערס קאַטאַלאָג נומער 853, 854). אין ערשטן כתב־יד, פון יאָר תס״ט, דף 17, געפינט זיך אויך אונדזער גאַרטל־הענגער. חנא שמערוק האָט מיר אָפּגעשריבן די שטעל: „ברענג ניט אויז אלא נייך, העט ער ניט אויז גיבראַכט דוא העט ער נישט קענין פרעגין אביר איצונד איז קשה ברענג ווייטר ניט אויז אלא ניך. העט ער ווייטר ניט אויז גיבראַכט דוא העט איך ניט גשפּראַכין דז מיר דער ערשט אויז ברענגיר קומט אונ׳ וויל מיר אב ווייזין דאז איך יענים תירץ [דאָ אַ מטושטש וואָרט] דיא קשיא זאל ניט קענין זאגין איך העט געשפּראַכן ער ברענגט מיר דרום אויז ער וויל מיר איין אנדרן גרייז תירץ אב ווייזין דרום ברענג איך דיר דעם אנדערן אויז ברענגר דז ער מוז איין גרייז זיין. דער אנדער תירץ זעלט ער איין גוטיר תירץ זיין דא וועך ער אין דעם ערשטן אויז ברענגר הין אלא ער ווייזט מיר דעם ערשטן תירץ אב דרום מוז ער אליביידי אויז ברענגן.״

דער פרטימדיקער אויפקלער פאַרדינט — צוגלײַך מיט אַלע איבעריקע טערמינען אין כתב־יד — אַ באַזונדערע שטודיע, עס איז דאָך אַ פּראַקטאַקאַלישער דין־וחשבון איבערן גאַנג פון לערן־שיטות, און מיר פאַרמאָגן דעריבער בלויז פראַגמענטאַרע אַרבעטן — אַזוי, אַ שטייגער, איבערן אויסבערענגער (לויט מײַן סברה שטאַמט דערפון אונדזער אויסברײַען) אָנגעהויבן פון ריב״ל און געענדיקט מיט שמואל ווײַנגאַרטן. און אין די כתב־ידן איז דאָך דאָ אַ שפע פון לערן־טערמינען: הויז קשיא, מיל שטיין, צוק אייזן, פלטשי ביגל [מיט אַ צירי אונטערן ב׳], טרוקינר קוילער, צאַחצאָויל, עיגול שלם, הלב רעדיל, נירנבערגער רעגנשפורגער, טיר נאַגיל, טירקש פערדיל, אויז ברענגיר, שני אויז ברענגיר, לייטרלן, קעמערלן. אָבער פאַר אונדז איצט איז וויכטיק, אַז דער גאַנצער פּאַסוס, וואָס מיר האָבן געבראַכט, טראָגט אַן אייבערקעפּל: גירטל־הענגיר.

מײַן אַלטער אינפאָרמאַנט, ר׳ ישעיהו הלוי האָרוויץ, האָט געוווּסט וואָס ער רעדט: גאַרטל־הענגער איז פאַרט אַ מין פּילפּול.

מאמר ב׳: אַ נאָענטער צי אַ ווייטער ייחוס

א

דעם דין וחשבון פון דער פאַרשטערישער עקסקורסיע האָב איך צומערשט פאַרעפנטלעכט אין מאַקס־ווײַנרײַך־בוך, וואָס איז אַרויס לכבוד זײַן זיבעציק־יאָריקן יובל, און עס האָט מיר הנאה געטאָן צו הערן, אַז די אַרבעט מײַנע האָט דעם בעל־יובל מהנה געווען, און איך בין צופרידן געווען פון אַן אַטעסטאַט מצד אַזאַ בר־סמכא. אָבער ווי צופרידן איך בין געווען, האָב איך קיין פריד נישט געהאַט — עס האָט מיך אַלץ געעקבערט: וואָס מיינט עס, בעצם, גאַרטל־הענגער, בפרט נאָך ווײַנרײַכס באַמערק, אין זײַן בריוו צו מיר (27 מאַרס 1965), אַז גאַרטל־הענגער גופא ווײַזט זיך אים אויס פאָלקס־עטימאָלאָגיע, עלעהיי אויסברענגער פאַר אויגסבורגער, און דער אַנטוויקל פון פשט איז אַ פּנים: (1) דריי, (2) דרייער. און כאַטש איך האַלט מיטן יש אומרים אַז אויסברענגער האָט מיט אויגסבורג גאָרנישט צו טאָן, און איז אַ וואָרט פאַר זיך, און האָט, ווי איך האָב שוין אויבן באַמערקט, אַ שייכות צו אויס־ברייען, האָב איך געקלערט, אפשר האָבן מיר ביי גאַרטל־הענגער צו טאָן מיט אַ נאָמען פון אַ שטאָט, און מײַן פרײַנד א.מ. האַבערמאַן האָט מיר אפילו, בלויז בתורת השערה, סוגערירט דעם נאָמען גערטלינגן, וואָס האָט געקענט אויסצייטיקן אַ גערטלינגער, אָבער יענע שטאָט האָט נישט געהאַט קיין שם פון אַ מקום־תורה, ווי נירנבערג,

אָדער רעגנסבורג. אַזוי אַז מיר מוזן זיך האַלטן ביים פשט און נאָכאַמאָל פרעגן וואָס מיינט עס, בעצם, דער גאַרטל־הענגער.

מיין תלמיד און פריינד, אריה גאליה, האָט דורכגענישטערט די מסורה פון טייטש, בעיקר לגבי דעם וואָרט תליך (בראשית כ״ז, ג׳) וואָס דער באר משה (פּראָג שס״ה) טייטשט: דיין הענגדי שווערט, אַזוי גייט דער טייטש און די איבריקע דרוקן (קרעמאנא, ש״כ) באזל (שמ״ג). די אַלטע דייטשישע איבערזעצן האָבן Kocher, Kőcher, וואָס ווערט געבראַכט אין קאָנסטאַנצער דרוק: דיין קוכר און זיי פאַררופן זיך אויפן אבן־עזרא: האשפה התלויה, ששם החצים [= דער אויפֿגעהאָנגענער קאָכער, ווו עס זענען די פיילן], אַזוי האָבן עס אויך בליץ און וויצנהויזן; אָבער מגישי מנחה האָט: הענגדיגי שווערט, דער מלמד שיח ווייטער: הענגל שווערט. אַז תליך האָט מען געטייטשט מלשון תליה, האָבן מיר אין מדרש תנחומא (באָבער): תליך — זו מדי, שכתוב בה ויתלו את המן [= דאָס איז מלכות מדי, עס שטייט: און מען האָט אויפגעהאָנגען המן]; אַזוי אויך דער מדרש שוחר טוב; תליך זו הסיף, שהיא חגורה ומצומדת ותלוייה על הירך [= דאָס איז די שווערט וואָס איז אָנגעגורט און צוגעטשעפּעט און אָנגעהאָנגען אויף די לענדן]. ר׳ אברהם בן הרמב״ם ברענגט, אין נאָמען פון ר׳ סעדיה גאון: תליך — שם החרב לפי שהיא תלויה [= דער נאָמען פון שווערט ווייל זי הענגט], אויך רש״י זאָגט: תליך — חרבך שדרך לתלותה [= דיין שווערט, וואָס מען איז נוהג עס אויפצוהענגען], דער רשב״ם זאָגט: אשפתו שתלויים בה החצים [= זיין קאָכער ווו עס הענגען די פיילן]. פון דעם אַלעמען איז קלאָר, אַז תליך איז פאַרשטאַנען געוואָרן ווי אַ מין הענגער אָדער הענגל; די קשיא איז ווו מען האָט אים געהאָנגען — לויט ר׳ יוסף קמחי האָט מען דאָס שווערט אָנגעהאָנגען ביים האַלדז, אָבער שפּעטער הערט מען בלויז איבערן גאַרטל, און אויב ר׳ יוסף בכור שור, זאָגט, אין זיין פירוש אויף חומש: תליך היא אשפתו שתולה לו באוכף שלו ונותן שם החצים [= זיין קאָכער וואָס ער הענגט ביים זאָטל און לייגט דאָרט אַריין די פיילן], האָבן מיר צו טאָן מיטן דרך פון דייטשיש, סיי ביים זאָטל סיי ביים גאַרטל אָנצווענדן דעם ווערב gurten. דער רד״ק לאָזט צוויי מעגלעכקייטן: 1) הוא האשפה שתולין אותו באזור [= עס איז דער קאָכער וואָס מען הענגט זי ביים גאַרטל], 2) ואונקלוס תרגם סיפך, והסייף גם כן תלויה באזור, או חוגרים אותה [= און אונקלוס זעצט איבער דיין שווערט, און דאָס שווערט הענגט אויך ביים גאַרטל אָדער מען גורט זי אָן], און אויך דער חזקוני האַלט: האשפה שתולין אותה בחגורת המתנים [= דער קאָכער וואָס מען הענגט אים אָן ביים גאַרטל פון די לענדן], און דער מכלל יופי: הוא האשפה, שבו החצים שהוא תלה

באיזור האדם [= דער קאַכער וואָס דאָרט זענען די פּיילן וואָס ער הענגט ביים מענטשנס גאַרטל]. ווי מיר זעען איז גאַרטל און הענגן אַ גוטער זיווג אין טייטש, און מען מעג אָננעמען, אַז דאָס איז דער יסוד פון גאַרטל־הענגער, אַזוי אַז ער איז אפשר בעל־פה געווען דער טייטש פאַר תליך, און עס איז נישט שווער אָנצונעמען ווי ער איז מעטאַפאָריש געוואָרן אַ באַצייכן פאַר אַ חריף אָדער חריפות אין לערנען.

עד כאן דברי אריה גאליה, וואָס האָט זיך די מי געגומען דעם ענין דורכצו־קאָנטראָלירן און איז געקומען כמעט ביזן גאַרטל־הענגער אָבער דער כמעט הענגט אויפן שפּיץ פון אַ השערה, אַזוי אַז איך האָב מיך געמוזט לאָזן אויף אַן אַנדערן דרך.

ב

אַזוי, אַ שטייגער, האָב איך געפּרוּווט נאָכגיין דעם ווערטל: עמיצן פאַרשטעקן אין גאַרטל, וואָס איז חל געווען אויך אויף לערנען, אָבער נישט בלויז אויף לערנען, און זע אַ שטייגער, ביי חיים הזז — פון איין זייט קאָנקרעט (בישוב של יער, תר"צ, באַנד 2, ז' 313). „הנה אנטון — — כל ריחות האדמה דבוקים בו — — מתעטפים הם בראשו ובכרכים בזקנו ומתדבקים בבגדיו ונחגרים על מתניו ומרגישים עליו גנזי גשם, גנזי רוחות וחמה, אוצרות טללים וכוכבים בלילה" [= אָט איז אַנטאָן, אַלע ריחות פון דער ערד זענען אין אים באַהאַפטן, זיי וויקלען זיך אים אין קאָפּ און פאַרבינדן זיך אים אין דער באָרד און טשעפּן זיך אים אין די קליידער און גאַרטלען זיך אין ביי די לענדן אין יאָגן אויף אים אַן אוצרות רעגן, ווינטן און זון, אוצרות ראָסע און ביינאַכטיקע שטערן]; פון דער אַנדערער זייט מעטאַפאָריש: (דאָרט, ז' 292): „אוי רמאי אוי רמאי, עין לא ראתה. את כולם הוא חוגר על מתניו והולך!" [= אוי, באַטריגער, אוי באַטריגער, מען האָט נאָך אַזוינס נישט געזען, אַלע האַלט ער אין איין פאַרגאַרטלען אויף זיינע לענדן]. דאָס בילד פון אַריינשטעקן אין גאַרטל איז קלאָר: עמעצן פאַרשטעקן אין גאַרטל, אָבער דער העברעישער נוסח ווייזט נישט אויס צו האָבן זיינס אַן אייגענעם אַלטן ייחוס, ער איז גיכער לויטן יידישן נוסח, קאָנסטרואירט. נישט בעסער איז עס מיטן ענין הענגער — באַנוצן ווי ביי מיכל גאָרדאָן „אוי דו אליין זעהסט אויס אַ היינגער / דער פּנים בלאָס דער נאָז ווערט לייננער" (יודישע לידער, וואַרשע, 1889, ז' 91) קענען אונדז ווייניק העלפן, בפרט אַז דער מחבר דערקלערט: „אַ היינגער הייסט אַגאַב־לעססיגער, אַנ־אַפּגעלאָזענער" (דאָרט), דעסגלייכן קאַרל עמיל פראַנצאָז וואָס

זאָגט, אַז דער מאַרשאַליק איז כלל נישט קיין Kopfhanger (דער פּאַיאַץ, 1920, ז׳ 258) וואָס מיינט אַ פּאַראומערטן, מיואשדיקן.

איז אָבער אַ שטיקל ישועה געקומען פון אַן אומגעריכטער זייט — לײַנענ־דיק ווידער אַמאָל ר׳ אריה יהודה מאָדענאס „ארי נוהם" (אויסגאַב נ. י. ליבאָוויטש) האָב איך מיך אָנגעשטויסן אויף אַ מין שכן פון אונדזער טערמין — אין ויכוח זיינעם וועגן דער מסורה פון דער קבלה שרייבט ער איבער אירע חסידים שוטים (ז. ל״ה): „כל ראיותיהם שמביאים על דבריהם הם מהזהר התקונים ואידרא, ונמצאו נתלים בחגורתם ממה שכתבו, ומביאים ראיה להוכיח הדבר מדברי עצמם" [= אַלע זייערע באַווייזן וואָס זיי ברענגען פאַר זייערע רייד זענען פון זוהר, תיקונים און אידרא, הייסט עס אַז זיי הענגען זיך אָן אין זייערע גאַרטלען פון דעם וואָס זיי האָבן געשריבן, און ברענגען אַ ראיה צו באַווייזן אַ זאַך מיט זייערע אייגענע ווערטער], ווי אויך (דאָרט, ז׳ פ״ט): „גם הרב קורדווירו ז״ל — — מביא ראייה ממאמרו הזוהר, כמנהגם של אלה הנתלים בחגורתם" [= און אויך ר׳ משה קאָרדאָוועראָ ברענגט אַ ראייה פון די מאמרים אין ספר הזוהר, ווי עס איז דער שטייגער פון יענע וואָס הענגען זיך אָן אין זייער אייגענעם גאַרטל].

ג

דאָס בילד איז אַזוי קלאָר, אַז איך בין זיכער, אַז עס מוז האָבן אַ שייכות צום גאַרטל־הענגער, איך האָב עס אויך מודיע געווען מאַקס ווײַנרײַך מיטן באַמערק, אַז אויב אַזוי איז דער טערמין אַ חוץ־אשכנזישער, האָט ער מיר געענטפערט, (אין זיין בריוו פון 20 אַפּריל 1965) אַז לאו דוקא — איטאַליע איז אַ טשיקאַווער קולטור־שטח פאַר זיך, פונעם 14־טן יאָרהונדערט אונטער דער ווירקונג פון אשכנזישער לומדות און לערן־טעכניק, און ס׳קען געמאָלט זיין, אַז אין דעם פאַל איז דער אויפטו אַן אשכנזישער. דאָס איז — שרייבט ער ווייטער — ניט מער ווי אַן אַלגעמיינער פירנדיקער פאָדעם — צי ער פירט אָדער פאַרפירט לאָזט זיך ערשט באַשליסן נאָכן זוכן און אַריינקלערן ווייטער.

עד כאן דברי מאַקס ווײַנרײַך, און איך האָב טאַקע דעם דערלאַנגטן פאָדעם אָנגעכאַפּט און קודם כל גענומען זוכן, אויב ר׳ יהודה מאָדענא האָט עס נישט פון איטאַליעניש — האָב איך מיך געלאָזט אינפאָרמירן, אַז עס פאַרמאָגט tenere, tenersi alcuno a cintola [= האַלטן עמעצן ביים גאַרטל, דאָס מיינט זיך האַלטן נאָענט צו עמיצן, כדי אים צו אָבסערווירן אָדער באַוואַכן]; stare, starsi con le mani a cintola [= שטיין מיט די הענט אין גאַרטל,

דאָס מיינט שטיין און גאַרנישט טאָן] וכדומה, אָבער אויפן סליאַד פון אונדזער זאָג בין איך נישט געקומען. האָב איך שוין ביי זיך אין האַרצן אָפּגעמאַכט, אַז עס איז אפשר טאַקע דער אשכנזישער טערמין — קומט אָבער אַזאַ אַלטע ספרדישע פירמע, ווי ר׳ שלמה גבירול און שרייבט איבער כביכול (דיוואַן אויסגאַב ביאַליק־ראַווניצקי, באַנד 3, ז׳ 63): „מביניו הורה בדרך ישרה / תלית עולם כאזור בשפרה״ [= זיינע פּרוווערס האָט ער געלערנט אין אַ גלייכן וועג, דאָס הענגען פון דער וועלט ווי אַ גאַרטל אין הימל], און די אַרויסגעבערס דערקלערן: כתולה אזור בשפריר שמים [= ווי איינער וואָס הענגט אַ גאַרטל אָן אין הימל], און דערמיזעלבן געדאַנק זאָגט ער אַרויס (דאָרט, מילואים, ז׳ 31): „מרומים בפי כל / וקדמון ויכול / ותולה כאשכול / אדמה בלימה״ [= הויך אין מויל פון אַלע, און אוראַלט און קאָן אַלץ, און הענגט ווי אַ הענגל טרויבן די ערד אָן גאַרנישט] דער רמז איז, פאַרשטייט זיך, אויף איוב (כ״ו, ז): תולה ארץ על בלימה [= הענגט די ערד אויף גאַרנישט]. אין ,ספר הרזים׳ וואָס פּראָפ׳ מרדכי מרגליות האָט אַרויסגעגעבן (תשכ״ז), וואָס זאָל שטאַמען פון יאָר 189, געפינט זיך שוין דער באַגריף: תולה עולם כאשכול [= הענגט די וועלט ווי אַ הענגל], און מעגלעך אַז א. מ. האַבערמאַן איז גערעכט, אַז מיר האָבן עס דאָ צום ערשטן מאָל („הארץ״, י״ז טבת תשכ״ז).

ד

פירט טאַקע אַ וועג פון ספר הרזים דורך ר׳ שלמה גבירול ביז מאָדענאַס באַנוץ — אַזוי אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ מעטאַפער פאַר אַן פּיקטיוון אָנשפּאַר אָדער אפשר איז דער וועג אַ קירצערער — אַזוי, אַ שטייגער, איז דער מנהג צו פאַסעווען פאַר אַ ריצאַר, באַשטאַנען פון צוויי צערעמאָניעס: צומערשט האָט מען דאָס שווערד אָנגעהאָנגען אויפן האַלדז, צולעצט — אויפן גאַרטל. אָבער — המשך יבוא.

19. האַפּן — תרתי משמע

א

עס האָט געמאַכט (אַ גאַנצן אָדער: אַ פולן) האַפּן — האָט געהייסן, ווען אַ קליין, אָדער גרעסער קינד, האָט זיך באַמכינט (פון לשון מכין זיין), דאָס הייסט באַנעצט אין בעט, און כאָטש עס איז געווען אַ לשון־נקיה, פלעגט מען לרוב מקדים זיין די אַנטשולדיקנדיקע פאָרמול: מיט שפּעק [= רעספּעקט] צו מעלדן. ביי אונדז אין שטוב איז עס דווקא אויסגעקומען עפּטער צו הערן, מחמת אַ פריקרע מעשה מיט אַ ייִנגל, וואָס איז געקומען זיין אַ קעלנער, און האָט נעבעך געהאַט די ווייסטע מערכה יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק אומגערן צו פאַרדינען די דעפּי־ניציע. עס איז, אגב, געווען דער פעלער פון נישט ווייניק ייִנגלעך, וואָס זענען גלייך מיט אונדזער קעלנער, געקומען פון די אַרומיקע שטעטלעך, אַזוי אַז מען פלעגט זיי מוזן אָפּזאָגן, אָבער כדי זיי נישט מבייש צו זיין, האָט מען געוואַרט ביז פאַר ימים נוראים, ווען זיי זענען אַלציינס אַהיים געפאָרן, און דאָס אָפּשיקן האָט אפילו געהאַט אַ שטיפערישן טערמין: מען שיקט דאָס ייִנגל אָפּ אויף סוכות (דאָס וואָרט האָט מען אַרויסגערעדט סיקעס וואָס הייסט, לויטן סלאַווישן, מי־רגליים).

אָבער אונדזער ווערטל גופא איז אויסגעטייטשט געוואָרן ווי אַ מעשה שהיה און איך האָב זי געבראַכט אין מיין בוך „ממחוז הילדות״ (תרצ״ח, ז״ז קכ״ט—ק״ל). עס האַנדלט זיך וועגן דעם פּראָטעסט פון דעם האַנדלס־קאַמער־ראַט אין בראָד קעגן דעם, וואָס דאָס מלכות האָט צוגענומען די רעכט פון אַ פריישטאָט, וועלכע זי האָט געהאַט קאַרגע הונדערט יאָר און זיי זענען עס געווען דער מקור פון איר אויפבלי. בשעת דער זיצונג איז אַ ראָטגעבער, אַ חשובער סוחר, ר׳ מאָטיע גאַר־פונקל, איינגעשלאָפן, האָט אים אַ צווייטער ראָטגעבער, דאָקטער פעליקס קאַלאַך, אויפגעוועקט: דער קייזער נעמט צו אונדזער רעכט און איר שלאָפט? פרעגט דער פעפער: וואָס פאַר אַ חסרון האָט ער געפונען אין אונדזער שטאָט? ענטפערט

דער דאָקטער: אַ גרויסן חסרון, זי האָט נישט קיין ים־ברעג און האָט נישט קיין האַפן. ענטפערט ער: און אפשר איז טאַקע דער קייזער גערעכט, און מיר דאַרפן פאַרריכטן דעם חסרון. פרעגט דער דאָקטער: וויאַזוי? ענטפערט ער: סטייטש וויאַזוי, מיר וועלן מאַכן אַ האַפן, און שוין. זאָגט דער דאָקטער: טאַקע אַ געדאַנק, איך וועל אים פּראָפּאָנירן. אומר ועושה. פרעגט דער פּירזיצער: וויאַזוי מאַכט מען דאָס? זאָגט דער דאָקטער: זאָלן מיר, אַלע ראַטגעבערס, אַרויס היינטער דער שטאָט און מאַכן נקבים קטנים, און מיר פאַרקאַנקורירן טריעסט און האַמבורג און ברעמען און אַלע איבריקע האַפּנס פון אייראָפּע.

ב

פאַרשטייט זיך, אַז עס איז אַן הלצה, אָבער אַזוי ווי זקנים פון שטאָט האָבן זי דערציילט, איז זי גריילעך אַ פּראָדוקט פון דער אַטמאָספער אין די יאָרן פון בטל־מאַכן די פּריישטאָט; אָבער ר׳ מאַטיע גאַרפונקל און דאָקטער פעליקס קאַלאַך, וועלכע איך האָב נאָך געקאָנט, האָבן אַוודאי נישט אַנטייל גענומען ביי אַזאַ זיצונג, ווייל זיי זענען נאָך דעמאָלט אַליין געווען יינגלעך. נישט אַנדערש, נאָר מען האָט אויף זיי פאַרביטן אַ פריערדיקן סוחר און אַ פריערדיקן דאָקטער, ווי עס פּאַסירט אין אַנעקדאָטן. אָבער אויב שוין רעדן וועגן פאַרבייט פון עלטערס אויף יינגערס, שטעלט זיך די קשיא, צי אין דעם גאַנצן אַנעקדאָט שטעקט נישט אַזאַ פאַרבייט, אַזוי אַז דער שלעפּעריקער ראַטגעבער איז, אין עלטערן נוסח, נישט אַזאַ נאַר, ווי דער יינגערער נוסח שטעלט אים אַנידער. מיר מיינען דערמיט צו זאָגן, אַז דער עלטערער נוסח פון אַנעקדאָט האָט אָפּעררירט מיט דעם טאָפּל־טייטש פונעם וואָרט האַפן — איין טייטש וואָס האָט זיך דערהאַלטן עד־היום: אַ פּאָרט, דער אַנדערער טייטש, וואָס איז אין לעבעדיקן יידיש פאַרגעסן געוואָרן, אָבער האַלט זיך נאָך אין לעבעדיקן דייטש: אַ טאָפּ. בראָדער יידן, וואָס פלעגן צוריקקומען פון ווין, האָבן טאַקע דערציילט, אַז דאָרט באַשטעלט מען נישט קיין גלאָז ביר און נישט קיין האַלבע ביר און נישט קיין קריגעל(ע) ביר און נישט קיין קופליע ביר נאָר אַ העפּעלע ביר, אָבער עס איז אַ ספק אויב זיי האָבן געוווסט, אַז העפּעלע איז דימינוטיוו פון האַפן; פאַרקערט איך געדענק, אַז מען פלעגט זיך וווּנדערן וועגן די דאָזיקע נעמען — עס הייסט אַ האַלבע, ווייל וויפל מען טרינקט, איז עס אַלץ די העלפט; עס הייסט אַ קופליע ווייל וויפל מען טרינקט, גלוסט זיך כפל כפליים (ביי אונדז געוויינטלעך אַרויסגערעדט: קייפל קיפּלאַיים אָבער דאָ: קופל קיפּלאַיים), און ווין ווייטער הייסט עס אַנ׳ אייפּעלע [= עופלה, נפל׳ע], ווייל עס איז צו פּיצל.

ג

וועגן וואָרט האָפּן אין באַטייט פון טאָפּ לאָזט זיך ברענגען אַ סך מראה מקומות, נישט בלויז דייטשיש, בעיקר אין דיאַלעקט, אַ שטייגער שוואַביש, ווי עס ברענגט יאָהאַננעס נעפּפלין („דער פעטטער אאוס שוואבען", באַנד 1, ז' 10) אַ מעשה מיט אַ מיידל, וואָס האָט זיך געוואָלט אַ מעשה אָנטאָן, האָט זי אַנידערגעשטעלט den grőssten Hafen [= דעם גרעסטן טאָפּ] אויפן Küchenboden און האָט אונטערגעלייגט אַ פּייער־לאָדונג אויפן Hafenboden עס זאָל אויפרייסן; אָדער מאַקס באַראַק („רהיינשנאָקקע", ז' 122) רעכנט אויס נויטיקע זאַכן: e Paar Pund Seef', n' Haffe mit feinem Senft, e bissche Kichgescher [= אַ פּאָר פונט זייף, אַ טאָפּ פיינע מושטאַרדע, אַ ביסל קיך־כלים]. און זע דעם באַנוץ פון וואָרט אין ווערטלעך ווי, למשל, es ist noch Kraut im Hafen אין באַטייט: עס איז נאָך דאָ גרייטס; אָדער aus einem hohlen *Hafen* reden [= רעדן פון אַ הוילן טאָפּ], וואָס מיינט דאָסזעלבע וואָס רעדן פון אַ ליידיק פּאַס אַרויס (לרוב אין נעגאַטיוון באַנוץ: נישט רעדן וכו').

און מיר האָבן דאָס וואָרט געהאַט אויך אין יידיש — זע, אַ שטייגער, דאָס שמואל־בוך (אויגסבורג, 1544, פאַטאָסקאָפּישע אויסגאַב ל. פוקס, אַסען, 1961) וועגן ברזלי הגלעדי, וואָס האָט געשפּייזט דוד המלך (סטראָף 1533): „זיא ברוכטן דער קוניג בעט אונ' בעט גיוואַנט / אונ' העב'ן אונ' שויסל אונ' אלרלייא שפּיין צו האַנט". העב'ן אונ' שויסל דאָס הייסט: טעפּ און שיסלען. דער ספר חיי עולם (ברייסגאו, 1538) ברענגט וועגן שבת, אַז מען זאָל אַוועקלייגן דאָס זיפּצן און דאָס לייד, טיש און בענק זאָלן זיין גרייט און (מיר ברענגען לויט גרינבאומס אַנטאָלאָגיע אין זיין אויסלייג, 1882, ז' 263) mit weiss tischlach un hant zwehlen soltn sie schmüken / un die *hefen* aus dem veuer rüken דאָס הייסט: די טעפּ פונעם פייער רוקן. אין אַ ספר מנהגים, וואָס שרייבט אָפּ פון עלטערע מקורים, ווערט געבראַכט, אין נאָמען פונעם מהרי"ל: „דאז דיא ווייבר דען מנהג הבן זיא דיא נייאי העפין אבזידן צום פסח, אַזו זאָל מן טון אלי שבת אונ' יום טוב" (מנהגים, קאַרלסרוהע, תקע"ח, דף י"ד, ע"ב). די נייאי העפין, דאָס הייסט: די נייע טעפּ. דאָס היינטיקע דייטשיש האָט: jeder Topf findet seinen Deckel, פונקט ווי יידיש האָט: יעדעס טעפּעלע האָט זיך זיין שטערצעלע, אָבער אַרטור ציוויס געזעמל פון עלזאַסער יידיש ברענגט: jedes Hafele bekommt sein Deckele

משמעות, אַז אויב מען האָט אין מיינע קינדעריאָרן אין מיין געבוירנשטאָט געזאָגט אויפן קינד, אַז עס האָט געמאַכט אַ גאַנצן אָדער אַ פולן

האַפּעז, האָט מען געהאַט פאַר זיך דאָס בילד פון אַ פאָרט, אָבער דער שורש פונעם זאָג שטאַמט נאָך פון עלטערע צייטן, ווען האַפּן האָט געהייסן אַ טאָפּ, וואָס איז, במחילה, חל געווען אויך אויפן אשר־יצר־טעפּעלע, און האָט זיך, בעצם בלויז ביי אים דערהאַלטן — אַ סימן, אַז אויב נישט אין בראָד גופא, האָט זיך ביי די קליינשטעטלדיקע פאַרוואַלגערט אַ זכר־לטיט; אַזוי פלעגט אונדזער באָבע פייגע אַאוערבאַך (אַ טאָכטער פון שטערוויצער תקיף, ר׳ איציק סאַפּיר, — דער באַטאָן דווקא אַויפן לעצטן טראַף) זאָגן: דאָס קינד זיצט אויפן איַוועלע, און מיר האָבן זיך זייער געחידושט, אַז זי רופט אַזוי דאָס טעפּעלע, פונקט ווי מיר האָבן זיך געחידושט, וואָס אין האַלב־אויפגעקלערטע הייזער האָט מען ביי אונדז (אָבער געהערט אויך אין לעמבערג און גריידינג) געזאָגט טיפּפּכען, און האָבן געקלערט אַז די באָבע איז אַלט־פרענקיש, און זיי ווייטער זענען דייטשעריש. און מיר האָבן זיך סיי דאָ סיי דאָ טועה געווען — וואָס שייך טיפּפּכען האָבן מיר דאָך, למשל, אין טייטש פאַר על סיר הבשר (שמות ט״ז ג׳) [= ביים טאָפּ פלייש] — ביי ר׳ יקותיאל בליץ: בייא דעם פלייש טאָפּף; אין מגישי מנחה: בייא דיא פלייש (טאפּף) פאט, אָבער ביי ר׳ יוסף וויצנהויזן: בייא דען פלייש טיפּן, און אברהם טענדלאו האָט אין זיין געזעמל, (1860) סי׳ 957: Klaane *Tippcher* laafe bald über [= קליינע טעפּעלעך לויפן גיך איבער] און דאָרט, סי׳ 716: E Kippe *Tippe* is nit kalt un mit warm ווו קיפּפּע [= קופּה] מיינט אַ פושקע, און טיפּפּע מיינט אַ טאָפּ, און די כוונה איז, בערך, ווי דער זאָג פון חז״ל: קדירה דבי שותפי לא חמימא ולא קרירא [= אַ בשותפותדיקער טאָפּ איז נישט וואַרעם און נישט קאַלט], אָנגעווענדט אויף אַ קהלשע פושקע, בייטל, קאַסע וכדומה. אַ ווייט ווידער־קול דערפון האָבן מיר נאָך געקאָנט הערן אין טאָפּלבאַטייטיקן זאָג: דער משרת טראָגט אַרויס די טיפּה סרוחה, ווו טיפּה, וואָס מיינט טראָפּן, ווערט פאַרשטאַנען ווי טיפּע, וואָס מיינט אַ טאָפּ. הייסט עס, אַז דאָס מכלומערשט האַלב־משכילישע טיפּכען פאַר טעפּעלע איז עלטער פון דער השכלה, און האָט זיך זיין ייחוס. לא כל שכן דער באַבעס איַוועלע, וואָס איז נישט קיין דימינוטיוו פון אויוון, דאָס היינטיקע דייטשישע Ofen, נאָר אַ הייפּעלע, וואָס איז אַ דעמינוטיוו פון האַפּן, דאָס דייטשישע Hafen אין באַטייט פון טאָפּ. וואָס שייך הייפּעלע פאַרן אשר־יצר־טעפּעלע זע אין דער יידיש־באַוואַרישער קאָמעדיע פון יוסף הערץ „אסתר אָדער די בעלאָהנטע טוגענד" (פיורדא, תקפ״ח, אַרויס אויך אין פאָטאָסקאָפּיע אין ירושלימער אוניווערסיטעט), אַ מעשה מיט אַ קינד פון חרבונה, וואָס לויפט אַפיר פון אונטער דעם טיש און קלאָגט זיך אויפן בייכל, און די מאַמע, מרת רעקאַ, רופט צו דער דינסט: „צעפּירעטטע, געשווינד ס׳קינד ווילל אויפן היע־פעלע" (ז׳ 20).

ד

צוריקקומענדיק צו דעם האַנדלס־קאַמער־אַנעקדאָט, דאַרפן מיר באַמערקן, אַז אויב ער באַזירט אויף אַן עלטערן נוסח, ווען מען האָט נאָך געוווּסט, אַז האָפן מיינט אַ טאָפּ, מעגן מיר אָננעמען, אַז מען האָט נאָך דעמאָלט געפילט דעם חילוק צווישן די צוויי האָפנס, ווייל האָפן אין באַטייט פּאָרט האָט מען סיי לויט אַן עלטערער יידיש־פאָרעם סיי לויט דער השפעה פון די וואָלינער שכנים אַרויסגערעדט האָוון ווי מען האָט אַרויסגערעדט אין כלערליי קאַנטן. זע, אַ שטייגער, אייזיק מיר דיק: „דיא ערסטע זאַך אונדזערע וואר צוא שפּאַצירען אַביסעל דיא שטאָט צוא בעזעהען דעם האָוען דיא דאָרטיקע שיפען וואָס שטייען דאָרט אין איינער צאָהללאָזען געדריינגע" (דיא צווייא קאַטערינסציקעס וכו׳, ווילנע, 1874, ז. 31), אָדער: „קוים איז דיא שיף איינגעלאָפין אין דעם האווין פון שטאַמביל" (דיא אַקטיאָרקע וכו׳, ווילנע, 1876, ז. 30) אָדער איבער די מאַראָקאַנער יידן: „זייא זייען דיא אויפזעהער אויף דיא האוועגס אונ דער גאַנצער האַנדיל ליגט אונטער זייער האַנט" („שור ורצח", 1880, ז׳ 6); „אַלע נאַכט וואַרין זייא צו געפירט דורך לאַנגע ציגע צו דיא האוועגס אונ אייך געזעצט אין דיא טראַנספּאָרט שיפען וויא דיא שלאַכט פיה" („מוטער אונ טאָכטער", ווילנע, 1887, ז׳ 16), „ער ערלויבט אונז אריין צו זעגלען אין דער האוועו פון אלכסנדריא" (דער ברטנורא, ווילנע, 1904, ז׳ 14). און אַמאָל דערקלערט ער דאָס וואָרט: „פערוואלטער — — איבער זיינע צווייא גרויסע שיפען — — וואָס שטייען ביי דעם האוועו (פּאָרט) אונ איבער צווייא נאָך אַנדערע שיפען" (דאָס גרויסע געהיימניס", ווילנע, תרמ"ז, ז׳ 28). אינטערעסאַנט, אַז נחום סטוטשקאָוו ברענגט אין זיין אוצר, סי׳ 176 ביידע פאָרמעס, מסתמא לויטן היסטאָרישן סדר: האָוון, האָפן, און פאַוואָריזירט בפירוש די עלטערע פאָרעם. ברענגענדיק: הויפּטהאָוון, ים־האָוון, עקספּאָרט־האָוון, כאָטש עס איז אַ ספק, אויב עס ווערט אַזוי אין לעבעדיקן שמועס באַנוצט, מעגלעך אַז עס איז אַ נאָרמאַטיוו אָנצוהערעניש. די וואָוו האָט זיך דערהאַלטן אויך מיט דער רוסיפיקאַציע פון חאָרט — זע יצחק ריבקינדס לעקסיקאָן „יידישע געלט" (תש"ך), ערך: גאָוועגס־געלט, לויט מרדכי ליפשיץ (1869) און י. דרייזען — אַזוי ווערט באַצייכנט דער אָפּצאָל פאַר אַ שיף וואָס פאָרט צום ערשטן מאָל אַריין אין פּאָרט אַריין. עס איז פשיטא איבערגענומען פון רוסישן gawan וואָס דרייזין (1888) זעצט איבער אַ גאַוועו, פונקט ווי ער ברענגט portowoj = וואָס איז ביי גאַוואַן, און portofranko = אַ פרייער גאַוואַן. אין דערהאַלטן פון האָוון האָט אפשר אויך אַ חלק דאָס אוקראַיִנישע hawan, וואָס ווערט טאַקע אַזוי געלייענט.

ה

וואָס שייך דעם איבערגאַנג פון האָון האָפּן — קאָנען מיר אים קאָנסטאַנ־טירן ביי דעמזעלבן מחבר, דען דעזעלבער א.מ. דיק שרייבט: „וועל איך איינע טעגליכע נאכפראגע מאכין אין האפען אויף די שיפין וואש קומען פון יענע געגענדען" („דער אפעקון", ווילנע, תרל"ג, ז' 37). ער האָט אין דעמזעלבן ביכל אויך דעם אויסלייג: האָפּן (אַזוי גייט עס אָן, ווי עס שרייבט מיר יעקב צבי שארגל, אין דער סביבה פון כעלעם און מסתמא אויך אַ סך ברייטער און ווייטער): „אונ האט אים בעגלייטעט — — איניגע מייל ביז דעם האפען וואו ער האט זיך ארויף געזעצט אויף אשיף" (דאָרט, ז' 28), אָבער אַ פּאָר זייטלעך שפּעטער ווידעראַמאָל: „איין ארקאן — — וואש האט אן גיטאן גרויס שאדען דאָרט זעלבסט אין דעם זיכערן האפען" (דאָרט, ז' 31). און דאָס איז די היינט אָנגייענדיקע פאָרעם, גענוג דערצו איין געגראַמטע ציטאַטע — נפתלי גראָס: „ביטער ווי דאָס אָרעמע ברויט פון שקלאַפן / איז איר דער ביסן פון דער פרעמדער האַנט. / סע פירט אַ יעדער טאָג צו אַ נייעם קאַנט / יעדער אָוונט צו אַ נייעם האַפן" („לידער", 1958, ז' 212).

אָבער דער איבערגאַנג פון האָון צו האָפּן האָט, פאַרשטייט זיך, פאַרהאָלפן צו פאַרווישן דעם חילוק צווישן ביידע האָפּנס (טאָפּ און פּאָרט) און אַזוי איז אַרויסגעוואַקסן אונדזער ווערטל און אונדזער אַנעקדאָט, וואָס האָט אפשר נאָך אַ באַהאַלטענעם שותּף, די ענלעכקייט צווישן פּאָט [= טאָפּ] און פּאָרט (= האָון] וואָס האָט זיך צעשפּילט אין אַנטקעגנשטעל: פּיספּאָט [= Pisspott] — פּיספּאָרט. אַז מען האָט ביי אונדז ביידע ווערטער געוווּסט, לערן איך אָפּ דערפון, וואָס דער זאָג: איך מאַך מיר פון אים אָדער: דערפון אַ פּיסבאַד (איך ווייס נישט אויב עס איז דאָ אַ שייכות צום דייטשישן sich ein *Gewissen daraus machen* וואָס אויפגעקלערטע האָבן עס אויך ביי אונדז באַנוצט), און וואָס למדנים פלעגן מקדים זיין: אדום סיר רחצי — איך מאַך מיר פון [= אָדער אויך: אויס) אים אַ פּיסבאַד. אויך אויף אַ פּאַספּאָרט [אויך פּאַשפּאָרט) האָט מען שטיפעריש געזאָגט פּיספּאָרט [= אויך: פּישפּאָרט], און דער פאַרשלונג פון דער רי"ש איז, כידוע, אַ וואָכנגאַנג.

אגב, לאָזט מיך דער ענין האָון—האָפּן אילוסטרירן דורך אַן אַנדערע דוגמה, וואָס האָט זיך אויך אין מיין געבוירנשטאָט, אָפּגעשפּיגלט. דאָס איז דער איבערגאַנג: ליוואָרנאָ — ליפּעראַנט. מיר האָבן אַ שטייגער ביי שמ"ר: „אויב אַזוי וועל איך שוין דיא סחורה איבער ליווערין" („די בן עדן פייגעלע", ווילנע,

תרנ״ד, ז׳ 7) אַדער: „ער וואַר דאמאלס אליוועראנט פון פוראז פאר די רוסישע מיליטער״ („דיא אייזערנע פרויא״, וואַרשע, תר״צ, ז׳ 5); דער נסתר: „די ליוועראנטן וואָס האָבן געהאַנדעלט גרויס״ (משפחה מאשבער, 1948, טייל 1, ז׳ 245), אויך העברעיש — חיים הזז: „בפוריינו כל האפים שווים, ברוך השם, סדנא של חייטים — ליברנט ורצען וחייט שבח אחד הוא״ („בישוב של יער״, תר״צ, טייל 2, ז׳ 356) טייטש: אין אונדזער קאַנדיציע זענען אַלע נעזער גלייך, ברוך השם, אַ וואַרשטאַט פון שניידערס, אַ ליוועראַנט, אַ שוסטער און אַ שניידער זענען איין גאַטונעק. אין היינטיקן ידיש איז גובר ליפערן, ליפעראנט.

ז

אַז מען האָט ביי אונדז אין שטאָט פאַרט, ווי דורך אַ זיפּל, געדענקט, אַז האָפן האָט צו טאָן מיט טאָפּ האָט גורם געווען דאָס וואָרט האפנער אַ באַקאַנטער און פאַרשפרייטער משפחה־נאָמען, אויך אין דער פאָרעם העפנער, ווי אויך אפנער, עפנער און רוסיפיצירט גאפּנער, געפנער. Hafner הייסט דייטשיש אַ טעפּער און זע, אַ שטייגער, אין קינדער־לידל (לוקס: דויטשע קינדעררייִמע, ז׳ 134): Knődel soll ich kochen / Hab kein Salz hab kein Schmalz / Häferl ist mir brochen / Wie ich will zum Hafner gehn / Will mir Häferl kaufen [= קניידלעך זאָל איך קאָכן, איך האָב קיין זאַלץ, האָב קיין שמאַלץ, דאָס טעפּל האָט זיך מיר צעבראָכן, איך וויל צום טעפּער גיין, וויל מיר אַ טעפּל קויפן]. כדאי צו באַמערקן, אַז סיי האפּנער, סיי גאַנצער [= גאַרנצער] און אפילו קאָדער, וואָס זענען אידענטיש, זענען באַקאַנטע משפחה־נעמען, אָבער אין אונדזער סביבה איז געווען מער שכיח האָפנער און אָפנער. (נישט אָפנער וואָס מיינט פון אָפן, אובן ישן) — אגב, זע ר׳ אליה בחור אין זיין „תשבי״: קדרה — בל״א [= בלשון אשכנז] אפן [= האָפן] ובלעז [= איטאַליעניש] פּונייטה — און ביי אונדז האָבן די בני האפנער אפנים געוווּסט דעם באַטייט פון זייער נאָמען: אויף די דריי פאַרשפעטיקטע משכילים פון אונדזער שטאָט: האפנער (ר׳ מאיר און ר׳ זלמן — דער לעצטער באַשריבן אין מיין בוך „ממעגל הנעורים״), לעצטער (דער מאַן פון דער משכילישער שרייבערין ברײַנדל גאָלד) און אָסטרער (אַן אוראייניקל פון בעל „ערוגת הבושם״, ר׳ משה אוסטרא פון דער חכמי־קלויז),

האָט מען זיך געוויצלט: יוצר לאחרון של פסח. משמע: יוצר — האפּנער [= טעפּער]; אחרון — לעצטער, אָסטרע — אָסטערן (פּסח)¹).

צי דער משפּחה־נאָמען האָפּנער האָט ביי יידן גרונטיק באַצייכנט אַ בעל־מלאכה וואָס האָט געמאַכט טעפּ אָדער אַ סוחר וואָס האָט פאַרקויפט טעפּ — איז שווער צו אַנטשיידן, אָבער כדאי צו געדענקען אַז האָפּנער מיינט אויך איינעם וואָס בויט אָדער פאַרריכט אויוונס, און דער דיאַלעקט־שרייבער קאַרל עטלינגער (דער אַלדע פראַנקפורטער) ברענגט אין זיינע הומאָרעסקן אַ טאָג־בוך פון אַ יונגען מאַן, תיכף נאָך דער חתונה, וואָס טענהט אַז די קיך טויג נישט. מען רופט דעם האָפּנער, צוערשט קומט ער נישט, שפּעטער קומט ער און נעמט צו אַ האַלבע קיך אַזוי. דאָס אינטערעסאַנטע דערביי אַז אַמאָל הייסט ער האָפּנער און אַמאָל טעפּער, אָבער תמיד האַנדלט עס זיך וועגן דער קיך.

---

1) וויל זיך נאָך באַמערקן, אַז מיין פריינט האָפּנער אין חולדה האָט העברעאיזירט זיין נאָמען אויף אבנר, נישט נעמענדיק אין באַטראַכט דעם גרונטיקן באַטייט פון וואָרט. אגב, איז אויך דער נאָמען אבנר אין דייטשישן פאַלש אויסגעטייטשט געוואָרן — אַזוי באַמערקט גערהאַרד אייז („חאַהרזאַגעטעקסטע דעס מיטטעלאַלטערס״, בערלין, 1956, ז׳ 13) וועגן אַ טעות, וואָס חזרט זיך איבער — אַנשטאָט Abner קומט פיר albuer אָדער albner.

20. וועגן שמירן און פֿאָרן

א

ויקרב משיחיה — וואָס גיכער דו וועסט שמירן, בעגלא ובזמן קריב — וועט דאָס וועגעלע קומען (צו דער צייט) וואָס גיכער — איז אַ בעל־עגלה׳שער כלל, קאָנסטרואירט דורך אַ שפּילערישן אויסטייטש פֿון ווערטער פֿון קדיש. ערשטנס, נוצט דאָס שפּיל אויס אַ וואָרט, וואָס חזרט זיך איבער: 1) ויקרב משיחיה [= ער זאָל דערנענטערן זיין געזאַלבטן, משיח׳ן], 2) בעגלא ובזמן קריב [= גיך און אין דער נאָענטער צייט] און טייטשט עס אויס ווי דאָס וואָרט, וואָס גייט אויך יידיש: בקרוב [= באַלד] גלייך עס מיינט בעגלה [= מיט אַ וואָגן]. אָבער אין תוך האָבן מיר פֿאַר זיך אַן אויסגעקליגלט ברייטערן נוסח פֿונעם באַקאַנטן קורצן ווערטל, וואָס ווערט געבראַכט ביי בערנשטיין ס׳ 3877: אַז מען שמירט, פֿאָהרט מען, ס׳ 3878: ווי מען שמירט, אַזוי פֿאָהרט מען, אָבער ווי עס ווערט דאָרט ריכטיק באַמערקט, מיינט דאָ שמירן געבן חורש [= שווייג־געלט, לאַפּוּוקע, כּאַבאַר, בקיצור: שוחד], און ער שיקט אָפּ צו אַן אַנדער ווערטל, ס׳ 3451: אַז מען שמירט אָן די רעדער, סקריפּען זיי ניט, ווו שמירן האָט אויך דעמזעלבן באַטייט. נאָך קירצער זענען די גאָר פֿאַרשפּרייטע זאָגן: עס גייט ווי געשמירט וכדומה.

ב

דאָס ווערטל האָט צו אונדז איבערגעוואַנדערט פֿון די שכנים — עס געפֿינט זיך סיי אין דייטשישן סיי אין סלאַווישן. אַזוי שרייבט סעבאַסטיאַן פֿראַנק, וואָס איז אויך באַרימט מיט זיין ווערטלעך־געזעמל: wür basz schmirwet der fart dest basz [= ווער עס שמירט גוט, דער פֿאָרט נאָך בעסער]; און אין וועסטפֿאַליע גייט דאָס ווערטל: Advocaten und Wagenreader möt beide smeart

werden [= אַדוואָקאַטן און וואָגן־רעדער מוזן ביידע געשמירט ווערן]. טהעאַ־באַלד האָק („שענעס בלומענפעלד״, 1601, אויסגאַב מאַקס קאָך 1899) ברענגט עס צוויי מאָל; ערשטנס ווי אַן עצה פאַר איינעם וואָס דאַרף אָנקומען צו זיין ממונה, פריץ און וויל וואָס גיכער אָפּגעפּטרט ווערן (קאַפּיטל 37, שורות 38־42):
So wart nit auff allein dem Herrn / Sondern auch seiner Frawen / Gehe neben Wagen und schmier mild / So farstu heim wie bald du wilt
[= זאָלסטו מכבד זיין נישט בלויז דעם האַר, נאָר אויך זיין ווייב, גיי לעבן וואָגן און שמיר אים נישט קאַרג, וועסט דו אַהיים פאָרן ווי גיך דו ווילסט]; צווייטנס, ווי אַן עצה אויף נישט צו מוזן שטיין אונטער דער טיר און קענען אַריין (קאַפּיטל 48, ש׳ 13־15): Es heisst scheub mich, ich scheub aich für / Schmir nur den Wagen, so mag er tragen / Sonst bistu dür vnd mager [= עס הייסט: שטופּ מיך, וועל איך דיך אָפּירשטופּן, שמיר נאָר דעם וואָגן וועט ער טראָגן, אַזיסט ביסטו דאַר און מאָגער]. קאַרל אַרנאָלד קאָרטום ברענגט אין זיין באַרימטן הומאָריסטישן עפּאָס („יאָבסיאַדע״, 1778, בוך 2, קאַפּיטל 10 סטראָף 21):
Ob Succumbenten hier Recht oder Unrecht geschehen / Das sind Dinge welche nur Juristen verstehen / Es heisst: Wer gut schmieret gut fahrt
[= אויב די יורדים געשעט דאָ רעכט אָדער אומרעכט, דאָס זענען זאַכן, וואָס בלויז יוריסטן קאָנען פאַרשטיין, עס הייסט: ווער עס שמירט גוט, דער פאָרט גוט]. ווידער אַמאָל האָבן מיר שמירן אין זאַכן פון רעכט און געריכט, פונקט ווי אין די סאַטירעס פון גאָטליב ווילהעלם ראַבענער (1755, 4, ז׳ 99):
wie legal er die übrigen [Hände] *schmiert,* auf deren verdientes Wohlwollen — — der Ausschlag seines Prozesses ankömmt, [= ווי לעגאַל ער שמירט די איבעריקע הענט, וואָס פון זייער פאַרדינטן גוטן ווילן איז געווענדט דער סוף פון זיין משפט].

פאַרשטייט זיך, אַז ריכטער און אַדוואָקאַטן זענען נישט דער איינציקער נמשל פאַר אונדזער משל: די געשמירטע רעדער — עס זענען עס אויך רופאים; זע, אַ שטייגער יאַן באַרקאָווסקי (1653): Chceszli, aby cię medyk skuteczmej ratował Trzeba wprzód, *byś mu dobrze nasmarował* (לויט דער אַנטאָלאָגיע פון יוליאַן טובים, 1962, ז׳ 101). טייטש: ווילסטו אַז דער רופא זאָל דיך תכלית־דיקער ראַטעווען, דאַרף מען קודם־כל, זאָלסט אים גוט די הענט אָנשמירן. אַזוי ברענגט ווילהעלם האוף אין זיין מעשה איבער דער מאַלפּע בתורת מענטש:
und der Schluss ist, das der Buergermeister sich ”schmieren“ lasse oder dass der Doktor vom Apotheker einige Goldstücke bekommem habe, um recht

teure Rezepte zu verschreiben. [= און דער סוף איז, אז דער ראש־עירון לאָזט זיך „שמירן” אָדער אַז דער דאָקטער האָט פונעם אַפּטייקער באַקומען אַ פּאָר גילדענע מטבעות, כדי צו פאַרשרייבן היפּש טייערע רעצעפּטן]. דער שרייבער האָט דאָס וואָרט אַריינגענומען אין גענדזנפיסלעך, — מסתמא, כדי מרמז צו זיין, אַז ער מיינט נישט דעם פּשוטן באַטייט פון וואָרט. פאַראַן אויך אַן אַנדערער באַטייט — יעקב גלאַטשטיין: „יעדער צבועק האָט ס'פּאַלק / געגנ־מען אויף זעכער / יעדער פלינק הענטל איז געוואָרן אַ שמירער” (לידער: אונדזער שלאָף, אידישער קעמפער, פסח תשכ”ד). דאָ מיינט שמירער — אַ קוי־טיקער שרייבער.

ג

פאַרשטייט זיך, אַז אין יידישן באַנוץ איז די קאַנדידאַטור אַ גאַר גרויסע — איז אונדז דאָך אויסגעקומען צו לעבן אין מדינות און אונטער רעזשימען, וווּ שוחד איז געווען אַ טאָג־טעגלעכער גאַנג, און מיר זאָלן וועלן צוזאַמענקלויבן די כלערליי משלים, וואָלט זיך אונדז צוזאַמענגעפלאָכטן אַ היפּש קרענצל. מיר וועלן זיך דערפאַר באַגנוגענען אויפן שפּיץ מעסער — אַ שטייגער אברהם גאָלדפאַדן אין זיין ליד וועגן יידישן פּאַספּאָרט: „מיין פּאַס געהט נישט אויס / זיין טערמין איז גרויס / נאָר איינס, גוואַלד, איז ניט גוט... / בייא יעדען מאָל ווייזירען / האָפּט יעדער שמירען: „נאַ ווייַעזד!” — פאָהר ווייטער יוד”. און אויב מיט אַ פּאַס דאַרף מען שמירן, איז אַן אַ פּאַס דאָך אַוודאי — דערציילט אונדז טאַקע שלמה צמח („שנה ראשונה”, קאַפּיטל: כשה אובד): „הז׳נדרמים המבקרים „ממורחים” ואין חשש” [= די קאָנטראָלירנדיקע זשאַנדאַרמען זענען „געשמירט” און עס איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן]. אָדער וועגן שוחד, זיך צו באַפרייען פון מיליטער — מיכה יוסף בערדיטשעווסקי: „סי האָט נישט געהאָלפען נישט קיין קלאָגען און נישט קיין יאָמערן און אפילו נישט קיין שמירען פון אַלע זייטען, מאירל איז אַ סאָלדאַט, חאַטש שריי חי־וקיים” (יודישע כתבים, טייל 1, ז׳ 191). אָבער אַנדערע מיני שוחד — זע עוזר בלאָשטיין: „פון אָנפאַנג איז דיא פערפאָלגונג (רדיפות) צוא־געגאַנגען שוואַך, בין איך חושד, טאָמער האָבען זייא דאָ געשמירט מיט געלט” („דיא שטאָדט־רויבער”, 1911, טייל 2, ז׳ 27); ענלעך באַריס קאַדער, וואָס ברענגט אַ מעשה מיט איינעם, וואָס מען האָט אים פאַרשפּאַרט אין חד־גדיא און מען וויל אים באַפרייען, גיט איינער אַן עצה: „איך בין אַ פראָסטער חי וקיים, אַן חכמות; איך בין אַ בעל־עגלה און ווייס די טבע פון רעדער רעדער האָבן ליב מען

זאָל זיי שמירן! שמירט מען זיי — דרייען זיי זיך. אַזוי איז אויך פּאַניע — שמירן״!״ („אַ פאַרשעמטער פּסח״, דער אַמעריקאַנער, באַנד 52, נומער 54). קיימא לן, אַז אויב אַ בעל־עגלה האַלט אַז אונדזער ווערטל טויג פאַר אַנדערע, האַלט ער ממילא, אַז עס טויג פאַר אים גופא — דערציילט טאַקע לייב אַליצקי אין זיין ליד איבער איצי בעל־עגלה (אַלמאַנאַך פון יידישע שרייבער אין ישראל): „מה באמר, וואָס איז דאָ אַ סך צו זאָגן / אַ לערער האָט אַ קאָפּ, נאָר אויך אַ מאָגן; / אַ לערער צו אַ וואָגן איז געגליכן / אַ נישט־געשמירטער, הויבט ער אָן צו קריכן... / איז מוז מען קאַרגן פונעם מויל און צאָלן, / כל־זמן מען ווערט פון הונגער נישט געשוואָלן, / כאָטש ס׳ווערט די צייט אַלץ האַרבער, שווערער; מען שמועסט, אַז זיי הונגערן, די לערער״. דעם פאַרגלייך האָבן מיר אויך אין עפּיגראַם פון אַדאַם לאַבענצקי (1730—1818) איבער אַן אַקס פון וואָגן: *osi maszczą, by kola nie skrzypialy / Prawmym ręce smarują,* by usta gadaly (אַנטאָלאָגיע טובים, 1957, ז׳ 198). טייטש: די אַקסן שמירט מען, אַז די רעדער זאָלן נישט סקריפּען, די יוריסטן שמירט מען די הענט, אַז די מיילער זייערע זאָלן רעדן.

פאַרראַן אויך סובסטאַנטיוון: שמירעכץ, שמיראַציע, שמיראַליען. זע אליעזר שטיינבאַרג: „נישט אַזוי די רייזע ווי די גרעניצן — די סטאַציעס! / אַלעמאָל שמיראַציעס! / שמיר נישט — קריכט אין די געדערים דיר אַ יעדער כאַם / ——— נעמט אַרויס דער קאַטער פונעם בוזעם / די פּאַפּירן / און דאָס לעצטע ביסל שמירעכץ וואָס געבליבן נאָך צו שמירן״ (משלים, באַנד 1, 1949, ז׳ 70).

ד

וואָס שייך העברעישע עקוויוואַלענטן, ברענגט ישראל כהן, אין זיין אוצר „זה לעומת זה״, סי׳ 1027 דאָס ענגלישע: Grease well and you will go fust [= שמיר גוט וועסטו שנעל פאָרן]; דאָס דייטשע, Wer gut schmeert (schmiert), der gut fährt און דאָס העברעישע: 1) עגלה משוחה תרוץ אורח [= אַ געשמירטער וואָגן פאָרט גלייך]; 2) המקבל דמי „לא יחרץ״ נעשה חרוץ [= ווער עס באַקומט לאַ־יחרץ־געלט ווערט פלייסיק]; 3)עגלה מרוחה תחיש תקופתה [= אַ געשמירטער וואָגן פאַרגיכט זיין לויף]. בלויז ביים לעצטן ווערטל ווערט אָנגעגעבן זיין מקור („משלי אגור״ פון אפרים דאַמאַרעצקי, וואַרשע, תרע״א) און פון מיטלסטן איז קלאָר, אַז לשון מרח = שמירן מיינט געבן שוחד. אגב, צום ענגלישן נוסח דאַרף מען אויפמערקזאַם מאַכן אויפן זאָג: the greasy the palm [= שמירן די האַנט, דאָס הייסט: גיבן שוחד] אַזוי האָט עס אויך דייטשיש

einem in die Hände schmieren; און אַנשטאָט schmieren זאָגט מען אויך falben, (ווי עס פאַרמאָגט באַזונדערע אויסדריקן פאַר שוחד, ווי אַ שטייגער Schmiere, Schmiralien, אָדער Guldenül וכדומה) און אויך פויליש: komu łapę smarować.

עס איז קלאָר, אַז דאָס יידישע ווערטל שטאַמט פונעם דייטשישן און נישט פון פוילישן, וואָס איז אויך פון יידן באַנוצט געוואָרן: Kto smaruje ten jedzie [= ווער עס שמירט דער פאָרט; פויליש האָט שטאָט smaruje אויך maża), און דאָס פשט'ל, וואָס מיר האָבן אין אָנהייב פון אונדזער איצטיקן שמועס דערמאָנט, איז אַ מין פּרווו עס צו באַזירן אויף היימישע מקורים. אָבער אַ סך פשוטער איז אַן אַנדערער פּרווו, וואָס שפּילט מיט צווייִשפּראַכיקע עלעמענטן — עס איז דאָס, דוכט זיך נישט פאַרשריבענע, ווערטל, וואָס גייט אין כמה נוסחאות: 1) די בעסטע שמירה איז שמירן; 2) די בעסטע שמירה איז דער שמיר; 3) אַז מען שמירט דאַרף מען קיין שמירה נישט. אָבער עס לוינט זיך דאָ צו באַמערקן, אַז די ווערטלעך שטאַמען אפשר גרונטיק פון גנבים־לשון און זענען מרמז אויף זייער פּראַקטיק. דען שמירה, וואָס איז דורכן פאַרמיטל פון רויט־וועלטש, אַריבער אין דייטשישן: Schmiere הייסט יענער וואָס שטייט אויף דער וואַך, אַכטונג צו געבן בשעת אַ גניבה, סיי מצד די גנבים סיי מצד דער פּאָליציי. מיר לייענען אפילו אין פראַנקפורטער בחור־ליד פון 18־טן יאָרהונדערט, וואָס עס האָט אָפּגע־דרוקט אהרן פרייִמאַן (יוואָ־בלעטער, מאַרס־אַפּריל 1938, ז' 351): „די קהלש משרתים מוזין שמירה שטוהן / אלש קיין בחור זאל פליטה גיהן". אָבער דייטשיש איז Schmiere stehn אַ גנבים לשון און איז אַ ביז איצט באַנוצטער זאָג, און ווען אַ שטייגער, זיגמונד פרויד איז זיך מתכוון צו זאָגן, אַז די מאָראַלישע צענזור האָט לגבי דעם יצר איר אויפגאַב נישט לייטיש דערפילט, שרייבט ער, אַז זי איז schlecht Schmiere gestanden. אָבער מעגלעך, אַז דאָס וואָרט שמירה מיינט אויך אַ קמיע וכדומה, מיט וועלכער מען האָט זיך געוואָלט באַוואָפענען פאַר אַ צו אָפטן קאָנטראָל פון זשאַנדאַרמען, פּאָליציאַנטן, האָט דאָס ווערטל געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די בעסטע קמיע איז שוחד; אָבער בדרך כלל גייט דאָס ווערטל פשוטו כמשמעו.

אויב ווייטער פשוטו כמשמעו, דאַרף מען געדענקען, אַז נישט תמיד מיינט שמירן = געבן שוחד, עס קאָן אויך הייסן שמירן ממש, כדי עס זאָל זיין גלאַטיק ממש, — אַזוי מיינט דער זאָג: עס גייט ווי געשמירט. ווי, אַ שטייגער, שלמה עטינגער: „חתן כלה מוזן אויך ווערן / ווייל עס איז די מאַמעס געפעלן / איצט גייט שוין אַלץ צו ווי געשמירט / דער שידוך איז למזל אויסגעפירט" (דאָס ליכט,

כתבים, אויסגאַב מאַקס ווײַנרײַך, באַנד 1, ז׳ 10); שמ״ר: „אונ איך בין ווייטער געוואָרין דער קידוש אונ הבדלה מאכער בייא זייא אין שטוב, דאָס מאָל איז שוין דער קידוש בייא מיר געגאַנגען ווי געשמירט״ („דער שלימזלדיגער מזל טוב״, ווילנע, תרמ״ט, ד 27); אָדער: „בוא דוא זעהסט שאָן וואס פאַר אַרעש עס איז געוואָרין — — אצונד וועט דוכט זיך געהען אַלעס וויא געשמירט״ („דיא אייזערנע פרויא״, וואַרשע, תר״צ ז׳ 33); אָדער יצחק באַשעוויס: „כ׳פאַרקויף מיינע ערד פאַר אַ גוטן מקח און אַלץ גלאַטיק ווי געשמירט״ (דער פאַפוגיי, גאָלדענע קייט, 1965, העפט 52, ז׳ 168).

דאָס ענלעכע: עס גייט ווי אַ פוטער, ממש אָדער דרך משל: דערלייכטערן אַ מלאכה, אַן אויפטו, אַ פּראָצעס, אַ כוונה וכדומה. אגב, אין אַן אַרטיקל איבער דער שפּראַך פון מאַריאַ דאַמבראָווסקאַ, ווערט געבראַכט ווי אַן אדווערביאַלער אַרכאַאיזם: smarownie אין זינען פון גלאַט, לייכט (Język Polski, נאָוועמבער־דעצעמבער 1962, ז׳ 323). אַ זייער בילדלעכן באַנוץ האָבן מיר ביי פּראָדל שטאָק: „די צונג האָט זיך געבויגען, געשמירט ווי מיט פּוטער, אַביסעל פערהיקעט זיך, אַביסעל געבליבען שטעהן — נאָר גערעדט״ („ערצעהלונגען״, ניו־יאָרק, 1919, ז׳ 50).

ה

קערן מיר זיך אום צו שמירן אין באַטייט פון שוחד, כדי צו באַמערקן, אַז דער ווערב טרעט אויך אַפּיר מיט פּרעפיקסן ווי אַ שטייגער, באַשמירן, זע דער נסתר וועגן שיכורע פּריצים וואָס איינער פון זיי האָט אַרײַנגעשאָסן אין בילד פונעם קייסער און עס שוועבט איבער זיי אַ סכנה, אָבער מען קען עס נאָך פאַרטושן: „אַלץ איז נאָך מעגלעך. מע דאַרף נאָר גוט באַשמירן. אַניט זאָלן פּריצים דערנאָך קיין חרטה ניט האָבן״ (משפּחה מאַשבער, 1948, טייל 1, ז׳ 969); אָבער: „מיט ווייניק געלט, אויב מע וועט דאַרפן באַשמירן אַ קלענערן, מיט מער — דער גרעסטער „נעמט״, און נעמען — נעמען זיי דאָך אַלע״ (דאָרט, ז׳ 341), אָבער: „קלענערע נאַטשאַלסטווע — קליין צו באַשמירן, בלויז מיט אַ טרונק בראָנפן און ווייניק צובייסן, גרעסער — ווען מען דאַרף, אויך אַ היפּשע מטבע אין דער יד אַרײַנשטעקן״ (דאָרט, טייל 2, ז׳ 35). אויך פאַרשמירן, — זע, אַ שטייגער, אַ. מ. דיק: „דרייא טעג זיינען זייא גיזעסין [אין קרימינאַל] וויא פר שמירטע ווייל דער ר׳ אהרן — — האָט דעם שלעדאָוואַטעל — — זייער גוט פערשמירט״ („איינע פערדרייענס״, ווילנע, תרל״ד, ז׳ 37).

מיר האָבן דאָ אַ שפּיל מיט טאָפּל־באַטייט — דאָס ערשטע פאַרשמירן מיינט קויטיק, באַשולדיקט, דאָס אַנדערע באַשמירן מיינט געבן שוחד. און פאַר־

שטייט אַז דער ערשטער באַטייט פון שמירן] איז דער גרונטיקער, און דווקא נישט אין נעגאַטיוון נאָר אין פּאָזיטיוון זינען, ווי מיר האָבן עס, אַ שטייגער, אין מלכים בוך (כנ״ל): „אליא [שטייגער] גאַנץ קושטליך גלט אונ׳ וין [= גלאַט און פיין] עבן [= גלייך] גיפאלירט / דא מאכטען דיא שטיין מעצן עבן אז וועַרן זיא גישמירדט״ (סטראָף 249); אָדער: „אונ׳ וואו ער הערט צו גיביטין דש ווש [= איז געווען] אלש גיצירט / אונ׳ גילימירט בון וויטן אז וועַר עש גישמירט״ (סטראָף 458). אַזוי האָבן מיר עס אויך אין זינען פון מפנק זיין, פאנקעווען, פאַרהעטשלען, נאָכגעבן אין ווערטל, וואָס ס׳ברענגט בערנשטיין סי׳ 2775: שמיר אַ פאַרד מיט האָניג, אַ פאַרד בלייבט אַ פאַרד; און אין אונדזערע קאַנטן גייט עס אַנדערש: שמיר אַ חזיר [אָדער: אַ גוי] מיט האָניק [אָדער פוטער] ער שטינקט מיט דרעק. און דאָס איז, ווייזט אויס, דאָס גרונטיקערע — אַ סימן דאָ לאַטײנישע Ungas villanum, polluet ille mamum [= שמיר אַ פויער, וועט ער עס פאַרפּאַטשקען] און בעיקר דאָס פוילישע ווערטל: Namaż ty chłopu masłem (miodem, piżem) przedsię on dziegciem (gnojem) śmierdzi [= שמיר אָן דעם פויער מיט פוטער (האָניק, פיזעם), ער שטינקט פאָרט מיט דיאָכט (מיסט)]. וואָס שייך דעם קעגנשטעל: האָניק — דרעק, האָט עס דייטשיש אין אַ ווערטל (פלאָריגעללום פאָליטיקום, 1639) מיט אַ גאָר אַנדערן מיין — ווען איינעם וואָס גיט אַן אַנדערן מכלומרשט גוטס: Mancher streicht einem Honig vmbs Maul vnd ein Dreck darein [מענכער שמירט איינעם האָניק אַרום מויל און טוט אַ דרעק אַריין] אַביסל אויסגעברייטערט האָט עס ס. פ. קלאָנאָוויטש אין זיין Worek judaszów, 1600, אויסגאַב וורא‌צלאַוו 1960, ז. 137):
Choćbyś mazał masłem judaszowskę głowę / Choćbys mu ciasto z dzieżą dał; z workiem grosze / Przeciez łże po staremu, choć mówi chorosze [= זאָלסט אַפילו שמירן מיט פוטער יודאַשס קאָפּ, זאָלסט אַפילו אים געבן אַ דייזשע טייג מיט און אַ זאַק געלט, וועט ער ווי לכתחילה שקרנען, כאָטש ער רעדט שיין.][1].

דעם געדאַנק גופא האָבן מיר שוין ביי ר׳ יהודה אלחריזי (אין זיין איבערזעץ פון אלחרירי) „כי לא תדמה במתק לשונך ורוע מצפונך / אלא לצואה מסותרת / במור

1) פוילישע באַנוצט סיי smarować סיי mazać; פאַראַן אויך יידיש: מאַזשען, מאַדזשען. דב־בער וואַכשטיין האָט באַנוצט דאָס וואָרט באַמאַדזשעט האָט אים עס זלמן רייזן פאַרריכט אויף צעשעדיקט; באַמערקט ער אין אַ בריוו אַז עס איז אַ טעות, ווייל באַמאַדזשען מיינט פוסטע אויפשרייבעכצער באַשמירן (יוואָ־בלעטער, יאַנואַר פעברואַר 1938, ז׳ 138).
אגב האָט אויך פויליש szmira פאַר שיכרות, szmirować פאַר שיכורן, szmirownik אָדער szmirus פאַר שיכור, מעגלעך ווייל מען האָט געצאָלט כאבאר פאַר שוואַרצן דעם בראָנפן כדי נישט צו באַצאָלן אַקציז, אָבער פשוטער פון לשון שמירן (איילן, בוימלען) דעם האַלדז.

מקורות״ (מחברות איתיאל, אויסגאַב יצחק פּרץ, ז׳ 93). טייטש: ווייל ווערסט ענלעך זיין אין דער זיסקייט פון דיין צונג און אין דער שלעכטקייט פון דיין פאַרבאַרגנקייט גליייך אַ פאַרבאַהאַלטענע צואה [= דרעק] וואָס איז געדעמפּט אין געווערץ [= מירע].

ו

צום סוף צוריק צו אונדזער ווערטל: אַז מען שמירט — פאָרט מען, וואָס ווערט אָפּט באַנוצט ווי, אַ שטייגער, ראובן בריינין: „איך האָב געגעבן דעם משרת צעהן מאַרק, ער וועט מיך אַריין־לאָזן צום פּראָפעסאָר. אַ כלל, עס איז אומעטום איין וועלט, אַז מען שמירט — פאָהרט מען. וואָס דען, איך וועל דאָ זיצן ווי די דייטשליך די חמורים און האַלטן דאָ נאָך שבת״ (פון מיין טאָגע־בוך, דער יוד 1903, נומער 5, ז׳ 13). עס איז אויך אַריין ווי אַ מאָטאָ אין מעשהלעך און לידלעך — אַזוי, אַ שטייגער אַ קופּלעט וואָס איז, לויט עדות פון מיין שוועגערין אסתר סדן, געבוירן וויטמאַן אין סאַמבאָר, אַריין אין פּורים־רעפּערטואַר: „ס׳קומט פאַר צווישן מענטשן פאַר־שידן / צווישן הויכגעשעצטע יידן / דאָ בין איך געצווינגען [געצוווּנגען] צו זאָגן און צו זינגען / לויט מיין אייגענעם פאַרשטאַנד / איז מיר גראַדע [= גראָד] גע־פעלן /איין ווערטעלע פאַרצושטעלן / דאָס ווערטעלע עקזיסטירט / עס גייט ווי געשמירט / שוין פון יאָרן לאַנג / א יעדער ווייסט אז דאָס ווערטעלע האָט אַ באָרד / און עס הייסט: ווער עס שמירט דער פאָרט / נאָר, טראַכט איך ביי מיר / ס׳איז גוט צו זיין אַ גביר / נאָר ווער עס שמירט דער פאָרט״.

21. וועגן אַלטן בעלזער

א

ווער קוואַקטע ווי הינער? די ראַטינער! ווער רייסט זיך די העלדזער? די בעלזער! — איז אַ מין חדר־גראַם, וועלכער איז אפשר אַנטשטאַנען כדי זיך צו רייצן מיט ראַטינער [= ראָהאַטינער] און בעלזער חסידים, — ביידע סאָרטן זענען געווען היפּש פּאַרטרעטן אין אונדזער שטאָט; נאָך מער, דער ראַטינער רבי האָט זיך זי אויסגעקליבן פאַר אַ ישיבת־קבע — אָבער די חדר־קינדער האָבן פון אַזאַ כוונה נישט געוווּסט, און מער הנאה געהאַט פון די גראַמען גופא. אויך מיר האָבן איצט דעם קליינעם פּזמון דערמאָנט נאָר צוליב די גראַמען, און בעיקר צוליב דעם גראַם: העלדזער — בעלזער [אַרויסגערעדט: בעלדזער], ווייל ער האָט זיך אויך איבערגעחזרט אין אַ ווערטל: זשאַלעוועט נישט די העלדזער, ווען איר נישט באַדאַרפן [אַנקומען] צום בעלזער — אַ מין פּאַראַל פאַר גמרא־יינגלעך, זיי אַרייַנצוזאָגן, אַז אויב זיי וועלן נישט שפּאָרן קיין מי און הויך איבערחזרן די סוגיא, וועלן זייערע טאַטעס נישט דאַרפן מטריח זיין דעם בעלזער רבין, וועלכן דער מחבר פונעם פּאַראַל האָט מסתמא געהאַלטן פאַר אַ מומחה צו געבן סגולות צום לערנען; און עס איז נישט קיין נפקא־מיניה, אויב דער מחבר האָט דאָס מלכתחילה געמיינט ערנצט צי איראָניש.

אָבער אַז מען רעדט וועגן מלכתחילה, האָט דאָס ווערטל אַן עלטערן ייחוס. דען ווען מען קוקט זיך אַריין, כאַפּט מען זיך, אַז בעצם, איז דאָס גאַנצע ווערטל, נישט מער אָבער אויך נישט ווייניקער, ווי אַ קונציקער צופּאַס צו אַן אַלט ווערטל, וואָס דער באַקאַנטסטער נוסח זיינער איז: חזור חזור ואל תצטרך לבלזור.

ב

די קשיא, ווער איז עס אייגנטלעך דער אַלטער בעלזאַר, וואָס האָט זיך אַריינגעשלייכט אין נייעם בעלזער, איז נישט שווער צו פאַרענטפערן, כאָטש ער

האָט זיך עפּעס ווי אַרויסגעגליטשט פון די מפרשים. אַ שטייגער, לייבוש [לעאָפּאָלד] דוקעס, וואָס ברענגט דאָס ווערטל אין זיין באַקאַנטן געזעמל פון ווערטלעך אין דער חז״ל־ און רבנישער ליטעראַטור, ווייסט נישט זיין מקור, און טייטשט בלזר = באַלזאַם, און מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט פנינה נווה פאַרעפנטלעכט פון כתב־יד די פּאָעמע פון יעקב פראַנסיש „מעשה שבואל ונעמה״, און דאָרט ווערט געבראַכט („תרביץ״, שנה כ״ד, חוב׳ ב׳, טבת תשט״ו, עמ׳ 208): „הוי, אוכלים סמים לזכרון / זכרונכם ימח לדור ודור! / נפשי עליכם מלאה חרון. / מה תמצאו מוזר בבלאדור? / חפשו סגולה, תאדיר שיכחה / ובעד זכירתכם מאוד תגדור!״ [— אוי, איר וואָס עסט געווערצן צום געדעכעניש, אייער געדעכעניש זאָל אָפּגעמעקט ווערן פון געבירט צו געבירט, מיין געמיט איז אויף אייך פול גרימצאָרן. וואָס פּאַר גענעזונג געפינט איר אין באַלאַזאַר? זוכטס אַ סגולה, זי זאָל אייער פאַרגעסעניש פאַרשטאַרקן און זאָל אייער געדענקעניש פאַרשפּאַרן]. די אַרויסגעבערין באַמערקט צום וואָרט באַלאַדאַר, אַז פונעם קאָנטעקסט איז קלאָר, אַז דאָס איז אַ נאָמען פון אַ געווערץ פאַרן זכרון, אָבער עס איז איר נישט געלונגען אויפצוקלערן וואָס דאָס איז.

באמת, איז בלדור [באַלדור], וואָס איז מגולגל געוואָרן אויך אין בלזור [= באַלזור, בעלזאַר] אַ מיטל צו פאַרשטאַרקן דעם זכרון, — עס איז דאָס אַראַבישע וואָרט פאַר אַ פלאַנץ, וואָס לאַטייניש הייסט זי Anacordium און מען האַלט עס פאַר אַזאַ סגולה, און ווער עס וויל פרטים דאַריבער קאָן באַכלייענען אין אַרטיקל פון מאיר בניהו (על ה„בלאדור״ היפה לזכרון, „סיני״, שנה י״ח, חוב׳ א). דער בלאַדור איז אַזוי פּאָפּולאַר געוואָרן, אַז ער איז געוואָרן אַן ענין פון דעם ווערטל: חזור חזור ואל תצטרך לבלאדור, אָדער: חזור חזור טוב מבלאַזור; און ר׳ אריה מאָדענא ברענגט אַ נוסח: הדור הדור ואל תצטרך לבלדור.

ווי אַלט מען האָט געהאַלטן דאָס ווערטל, איז אַרויסצוזען דערפון, וואָס ר׳ טוביה הרופא האָט בטעות געמיינט, אַז עס געפינט זיך אין דער גמרא, על כל פנים האַלט מען, אַז דאָס ערשטע מאָל איז עס ביי אונדז דערמאָנט געוואָרן אין ספר הקנה.

ג

מיר האָבן פריער געהערט איבער אַ פירוש: בלזר = באַלזאַם, וואָס וואָלט געפירט צו בלזר = בושם, און דאָס איז אוודאי אַ טעותדיקער פירוש; נישט בעסער איז אויך די אידענטיפיקאַציע מיט חילתית, וואָס ווערט געבראַכט אין דער מישנה, אַ שטייגער: וקורט של חילתית (עבודה זרה, פרק ב׳, הלכה ו׳), און דער פירוש וואַקלט זיך צווישן עטלעכע איבערזעצן און אונדזער בעלזער צווישן זיי — אַזוי ברענגט דער בערזשאַנער גאון, ר׳ שלום מרדכי שוואַדראָן („גילוי דעת״):

„קורט של חילתית — הוא אנא קרדינא בלשון לאטין, הוא הבלזר״, אָבער באמת ווייזט אויס אַז חילתית, (וואָס רש״י דערקלערט: בלע״ז לזרי״א, אפשר laserpitium) איז asa foetida, וואָס הייסט דייטשיש: Teufelsdreck, אין יידיש: טייבלסקויט (וואָס איז אויך געוואָרן דער טייטש פאַר: חלבנה — זע דאַריבער אין מיין אַרבעט „נחלה מבוחלת״ „לשוננו לעם״), און איז באַנוצט געוואָרן ווי אַ מיטל קעגן קרעמפּן וכדומה.

על כל פנים, ווער עס האָט דאָס אַלטע ווערטל אויסגעטייטשט אַזוי, אַז פונעם באַלזור = באַלזור איז געוואָרן: בעלזער [בעלדזער], און האָט אויך דאַצו פּרעפּאַרירט אַ פּאַסיקן גראַם: העלזער [= העלדזער] האָט פאַרהאַלפן דעם קלאַנג פונעם גרונטוואָרט אינעם אַלטן ווערטל זיך צו דערהאַלטן אין אַ מאָדיפי־צירטער, כאָטש צייטלעך און אָרטלעך, באַגרענעצטער ספערע. עפּעס ענלעכס מעג מען אפשר אָננעמען לגבי הוגאָ פון האָפמאַנסטאַל, וואָס שרייבט (1893):

In dem alten Wien, mit Türmen
Mit Basteien, Pagen, Läufern
Lebten vier berühmte grosse
Gänzlich unbekannte Dichter
Hiessen Baldassor, Ferrante
Galeotto und Andrea
Baldassor war Arzt.

וואַלטער ה. פּערל, וואָס ברענגט עס אין זיין אַרטיקל איבער אַרטור שניצלער און דעם יונגן האָפמאַנסטאַל (נייע צירכער צייטונג, 27 אָקטאָבער 1962) דעקט אויף די נעמען: אַנדרעאַ מיינט האָפמאַנסטאַל גופא, פעראַנטע מיינט ריכאַרד בער־האָפמאַן; גאַלעאָטאָ מיינט פעליקס סאַלטן, באַלדאַסאָר אָדער באַלדאַסאַראָס מיינט אַרטור שניצלער, וואָס איז געווען פון פאַך אַ מע־דיקער.

22. איבער אַ סאָרט קעצלעך

א

פּידהאַיצער קאַטשקעמאַכערס — איז אַ צונאָמען פון פּידהייצער יידן, דאָס הייסט איינוווינערס פון דער שטאָט, וואָס יידן האָבן גערופן פּידאַיץ, און פּאָליאַקן פּאָדהאַיצע און געפינט זיך אין מזרח־גאַליציע, ווו דער דאָזיקער נאָמען איז געווען זייער פאַרשפּרייט. פּרילוצקי־לעהמאַן האָבן אים אין זייער רייסטער: פּאָדכאַיצער קאַטשקעמאַכער (זיי ברענגען לויט אורקוועלל III 28, וואָס זיין אינפאָרמאַטאָר איז געווען בנימין זעגל), און ברענגען די מעשה מיט אַ פּויער, וואָס האָט אין דעם דאָזיקן שטעטל אריינגעבראַכט אַ קעלבל און איבערגעפּעפערט דעם מקח, האָבן די יידן באַשלאָסן אים אָנצולערנען און איינס ביי איינס זענען זיי צוגעגאַנגען און געפרעגט: וויפיל קאָסט די קאַטשקע, און דער סוף איז געווען, אַז דער פּויער האָט דאָס קעלבל פאַרקויפט פאַרן פּרייז פון אַ קאַטשקע. (זאַמל־ביכער וכו׳, וואַרשע 1912, באַנד 1, ז׳ 52—53) און כמעט געגוי דאָסזעלבע ברענגט מיכאל וויכערט, אַ דאָרט געכאָוועטער (זכרונות 1960, באַנד ג, ז׳ 11), אַזוי אַז די מעשה דערקלערט, ווי אַרום די שטאָט האָט זיך איינגעהאַנדלט דעם צונאָמען: קאַטשקעמאַכער, וואָס אַ פּידאַיצער קריגט צו הערן, קוים צעקריגט ער זיך ערגעץ אין אַ שטאָט מיט עמיצן. איז עס אַ שיינע מעשה, אָבער נאָך שענער דערפון איז דאָס פּשטל, וואָס איך האָב געהערט זייענדיק אין דער שטאָט, סוכות תרפ״ט, ביי מיין יוגנטפריינט מרדכי אָרנשטיין (היינט: אורן). איך האָב מיך נאָכ־געפרעגט, און באַקומען אַ תשובה, אַז עס איז אַ שפּאַרעניש צווישן אַ מתנגד און אַ חסיד. דער ערשטער זאָגט, כידוע, אין קדיש: וימליך מלכותיה וכו׳ בעגלא ובזמן קריב, דער אַנדערער ווייטער, אַ מהדר מן המהדרין, זאָגט: וימליך מלכותיה ויצמח פורקניה ויקרב קץ משיחיה וכו׳ בעגלא ובזמן קריב, טענה׳עט דער מתנגד אַז דער בעגלא, לשון עגל, איז קעלבל, און דער חסיד טענהעט, אַז דער עיקר

איז נישט דער בעגלא, דאָס קעלבל, נאָר דער קץ די קאַץ, און אַזוי ווי ער האָט אויסגעפּירט הייסט ער קעטשקעמאַכער.

ב.

אפילו אויב דאָס פּשטל איז אַ משכּילישער איינפאַל, — אפשר האָט עס אַ שייכות צום דאָרטיקן שרייבער מרדכי מענדל אויזערקס (אַ גאַליצישער שמ״ר) — איז נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט די מעגלעכקייט, אַז עס פאַרבאַהאַלט זיך דאָ אַ קאַריקאַטוראַלער אָפּקלאַנג פון אַ ויכוח, וואָס איז נאָך עלטער פון די אַמפּערייען צווישן מתנגדים און חסידים, און שפּאַרט אָן אין סאַמע וואָרצל פון דער מחלוקה איבערן נוסח פון קדיש. און אויב אונדזער השערה האָט אַ האַפט, ווי אונדז דאַכט זיך, דערוועג איך צו זאָגן, אַז קאַטשקעמאַכער איז אַ גלגול פון קאַץ־מאַכער, קץ־מאַכער און גרייכט אפשר נאָך אין דער צייט ווען דוד משה פון פּידהאַיעץ, אַ באַקאַנטער שבתי־צביניק (זע איבער אים ביי חיים ווירשובסקי, „ציון״, באַנד 7) האָט זיך צעפּירט די הענט. אַז קאַץ קען ווערן קאַטש האָבן מיר מאָדערנע, לרוב אַנגליזירנדיקע ראיות — דער זון פונעם דרשן חיים כ״ץ און ברודער פונעם שרייבער טוביה כ״ץ האָט זיך גערופן קורט קאַטש און מיט דעם נאָמען איז ער געווען באַקאַנט ווי אַ טעאַטער־ און פילם־שפּילער, און יידן וואָס האָבן געהייסן כ״ץ, אָדער קאַץ און רופן זיך קעטש, גייען אין אַמעריקע אין די טוצן; צו אונדזער ענין דאַרפן מיר אָבער עלטערע און ממילא וואַזשנערע ראיות, ווי אַ שטייגער: שטורקאַץ, שטאַרקאַץ אָדער שטאַלקאַץ הייסט אויך שטורקאַטש — אפרים אויערבאַך, וואָס האָט אַ גוט אויער פאַר אַזעלכע שינויי־גירסא, שרייבט: „שמחת תורה האָבן מיר דעם טאַטן ע״ה געפירט אין שול אַריין — ער איז געווען דער גבאי — מיט שטורקאַטשן, מיט געזאַנג און מיט טענץ״ (אַ שליסל צו מיין ליד, „סביבה״) און אַזוי איז געווען אַ קינדער־שפּיל: צייכן — זע, למשל, י. באַשעוויס: „די מיידלעך זענען געזעסן אויף בענקלעך, געשפּילט אין צייכן״ („די בראַש״, פאָרווערטס, 31 מאַרס 1961) אָבער אין אַנדערע קאַנטן האָט מען געזאָגט טשייכעס, טשאַיכן. איינעם, וואָס האָט צו גאַרנישט געטויגט, פלעגט מען זאָגן: ער מעג [גיין] שפּילן אין טשאַיכן, אויף לערנען ציפער [שרייבן גוייש, רעכנען] האָט מען געזאָגט: לערנען טשיפער. און זע אַ דייטשישן גראַם (יאַבסיאַדע III, 8, 10):

Nämlich: Johann, Jäger und zugleich *Kutscher,* Gärtner, Kellermeister und *Schuhputscher.*

אַבער אַ סך וויכטיקער פון דעם איז דאָס שייכות פון פידאַייצער קאַל־קאַטשקע־פאַרבייט צו זיינע שכנים אין אַלגעמיינעם און סלאַווישן פאָלקלאָר. יוליאַן קזשיזשאַנאָווסקי ברענגט אין זיין בוך, וועגן דער פוילישער פאָלקס־מעשה, סי׳ וו 1635 דעם מאָטיוו פון אַ שווינדלער, וואָס פאַרקויפט אַ קאַץ (אָדער הונט) בתורת פוקס און ער שעדיקט תיכף דעם קויפער. צווישן די וואַריאַנטן: אין לאַטאָוויץ קען מען נישט אָפּריכטן קיין יריד, ווייל אַ פויער האָט פאַרקויפט אַ הונט בתורת קאַלב, און עס שלעפּט זיך אַ פּראָצעס, וואָס נעמט נישט קיין סוף; ווי אויך אַ מעשה וויאַזוי אַ מאַזור האָט אָפּגענאַרט אַ יידן. און נאָך אַן ענגערע שייכות איז מסתמא פאַראַן צווישן דעם קאַטשקע־קאַצקע־קאַץ־פאַרבייט און צווישן דעם ווערטל, וואָס עס ברענגט בערנשטיין, סי׳ 1345: אַ קאַץ אָדער אַן אינדיק אַבי אַן עוף אויף שבת, און ער דערקלערט אַז דער מיין איז, דאָס עס איז נישט קיין חילוק, ווי אַזוי מען קומט צום תכלית; און עס איז אַ פאַרשפּרייט ווערטל, עס געפינט זיך אויך אין רעוועדענד כהנ׳ס געזעמל (לאָנדאָן, חש״ד, סי׳ 236) מיט אַ קליינעם דיאַלעקטישן חילוק (דאָס ליטישע: ענדיק), און ש״י עגנון ברענגט עס העברעיש: „זה המשל שאומרים בשבוש חתול או תרנגול ובלבד שיהא עוף לשבת״ („הכנסת כלה״, פרק י׳: לסונקה), טייטש: דאָס איז דאָס ווערטל, וואָס מען זאָגט אין שבוש [= בוטשאַטש]: אַ קאַץ אָדער אַ האָן, אַבי אַן עוף אויף שבת[1]. ווי מיר זעען, האָבן כמעט אַלע וואַריאַנטן פונעם פאַרבייט־שווינדל אַ קאַץ — דער שפּיץ איז אפשר ביי סערוואַנטעס אין „דאָן קיכאָט״ ווו עס הייסט: זאָל מען מיר נישט פאַרקויפן אַ קאַץ בתורת שעפּס און זאָל מען מיר נישט ווייזן עפּעס אַ מעליסענדרא אָן אַ נאָז, בשעת די פולקומענע מעליסענדרא זיצט זיך אין פראַנקרייך ביים טיש מיט איר מאַן און לאָזט זיך וויל גיין—און עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז דער יסוד פון פידאַייצער צונאָמען איז אויך אַ קאַץ און נישט קיין קאַטשקע, אַבער ווי ווילן דאָס יידן קויפן אַ קאַץ, וואָס מען טאָר נישט עסן. קומט אויס, אַז קאַטשקע האָט אַרויסגעשטויסן די קאַץ וואָס האָט אין פידאַיץ געקריגן איר אינטערפּעטאַציע פון קץ. אַז די אינטערפּרעטאַציע איז געווען אַ ממש, לערנען מיר אָפּ פון מ.מ. שאַפּיר וואָס דערציילט אונדז בפירוש, אַז מען האָט די חסידים גערופן די קעצניקעס, ווייל זיי האָבן געזאָגט: ויקרב קץ משיחיה, און מען האָט זיי אויך גערופן די קעץ, און ער ברענגט, אין נאָמען פון זיין זיידן, אַ מעשה מיט אַ חסיד, וואָס האָט דערציילט זיין חבר, אַז אין קלויז זענען געווען צוויי קעץ, האָט אים דער חבר געפרעגט, אויב אַזוי,

---

1) אויף דעם שטייגער זע אברהם גאָלדפאַדן: „לאָז זיין חיה, פייע, ש...מעיה, אבי אַ מיידל, מיר איז אַלץ איינס״ („דיא צווייא קוני לעמיל״, וואַרשע, ז. 52).

פאַרוואָס זענען זיך די מייז נישט פונאַנדערגעלאָפן (פון אייביקן קוואַל, טאָג מאָרגן־זשורנאַל, 6 יאַנואַר 1962). אחד העם דערציילט אין זיינע זכרונות וועגן מחלוקת צווישן די חסידים פון ר׳ איציקל סקווירער און די רעשטלעך פון די ריזשינער חסידים, ווייל די ערשטע פלעגן זאָגן: ויקרב קץ משיחיה און די לעצטע האָבן דאָס וואָרט קץ אויסגעשטראָכן (פרקי זכרונות, גרויסע דביר־אויסגאַב, ז׳ תצ״א).

ד.

נאָך עפּעס — אין גאָר ברייטע קאַנטן גייט אָן אַ צונאָמען פון אַ שלימזלניק, אַ טאַנדייטניק: קאַטשעלאַפּ, קאַטשעלאַפּניק — זע, אַ שטייגער, א. מ. דיק: „עס איז גיוועזן וואונדער צו זעהען וויא ער פלעגט ווערין צעהען מאָל אין איינער מינוט גרויס אונ קליין — — אזוי איזט ער זיך למשל בשעת ער האָט בעדאַרפט אריין קריכין צוא אשוסטער וואס איז אַקאַצעלאַפּ — — געוואָרין קורץ ווי אַ שפּאָן“ („דיא נאַכט פון ט״ו כסלו“, ווילנע, תרנ״ג, ז׳ 10) אָבער קאַטשעלאַפּ איז געוואָרן, צוגלייך ווי פליאַסקעדריגע, פליאַסקע, כניאַק, צלאַפּ אַ שפּעט־נאָמען פאַר אַ חסיד. אַזוי ברענגט י. לאַנדוי אַ ליד וואָס ער האָט מיט אַ צוויי דורות צוריק געהערט אין ראַדאָמסק, און דאָרט הייסט עס: „איך בין אַ חסיד מראשית המגיד, / און האָב שוין לאַנג געזאָגט אַז כ׳האָב פיינט אַ מתנגד, / ער קען קיין תשק״ר [= תשר״ק] צפּע״ס / ער גיט זיך אַ ברייטן שמועס: חסידים קאַטשעלאַפּעס“ (פון אייביקן קוואַל, טאָג מאָרגן זשורנאַל, 21 אָקטאָבער 1964), אָבער מנשה אונגער (דאָרט, 18 מאַי 1962) דערמאָנט דעם פירוש פון הרב ר׳ יקותיאל יהודה גרינוואַלד (אין זיין ספר „השוחט והשחיטה בספרות הרבנית“) — ער ברענגט דאָרט אַ שאלה וועגן אַ שוחט, וואָס האָט געזאָגט אויפן בעל המחבר פון „מעבר יבוק“, אַז ער איז געווען אַ קאַטשעלאַבניק, האָט ער געמוזט מקבל נזיפה זיין, ער זאָל קאָנען בלייבן ווייטער שוחט, אָבער הרב גרינוואַלד האַלט, אַז מיט דעם צונאָמען האָט מען אָנגערופן אַ שבתי־צביניק און ער טייטשט אויס: קאַטשעלאַב = כת של לייב, דאָס הייסט די סעקטע פון דעם שבתי־צביניק לייב פון פּראָסטיץ (פּראָסניץ). אויב דער טייטש איז נישט זיין איינפאַל נאָר אַ מסורה, קאָן עס אפשר אָנרעגן אַ שפּראַכלעכע קשיא: לעולם וואָלט מען געדאַרפט אָננעמען, אַז קאַטשעלאַב שטאַמט פון פּוילישן koci łeb, דאָס הייסט אַ קאַצנקאָפּ, אַ שם דבר פאַר אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ און אַ נעבעכדיקן זכרון (אָבער אויך פאַר אַרויסשטאַרצנדיקע פלאַסטער־ אָדער בוי־שטיינער). עס פרעגט זיך אָבער פאַרוואָס איז נישט שכיח אַ פאָרעם ווי קאַטשעלעפּ נאָר דווקא קאַטשעלאַפּ, אָבער מיר זענען נוטה אָנצונעמען, אַז אויב

דער דרוש: קאַטשעלאַב = כת של לאַב [= לייב, אַזויוי לאַבע שטאַט לייבע] זאָל האָבן אַ האַנט דערביי, טאָרן מיר נישט פאַרגעסן, אַז עס איז פאַראַן נישט בלויז אַ מסופקדיקע שייכות — אין פויליש הייסט, אין לשון פון שיפערס, דער שד lajbuś און עס גייט אַ קללה do krocset tysięcy lajbusiów [= גיי צו פיל הונדערט טויזנטער לייבושן], נאָר אַ זיכערע שייכות — kocie łapy [= קאַצנפיס], און אַזוי אַרום וואָלט קאַטשעלאַפּניק ענלעך געווען צו קורעלאַפּניק, ווו לאַפּניק איז אויסגעטייטשט געוואָרן נישט פון סובסטאַנטיוו łapa [= אַ האַנט] נאָר פון ווערב łapać [= כאַפּן][2].

נאָך וויל זיך באַמערקן, אַז עס איז אַנגעגאַנגען אַ גראַם: ווו אַ צלאָפּ דאָרט אַ דראַב, און סיי צלאָפּ מיינט ווי געזאָגט אַ חסיד, ווייטער דראַב, פויליש drab, מיינט גרונטיק אַ פּוס־זעלנער, פון מיטלהויכדייטשישן draben — לויפן מיט אַ געמאָסטענעם שריט. צווישן די פוילישע ווערטלעך פאַראַן אויך: Ave Rabbi, a za płotem drabi [= שלום רבי, און אונטערן פלויט דראַבעס], אָבער דראַבעס ווערט דווקא באַנוצט פון חסידים ווי אַ שפּעט־וואָרט פאַר אפּיקורסים און משכּילים.

ה

מיר קערן זיך אום צו די קאַטשקעמאַכער, כדי צו באַמערקן, אַז אויב אונדזער השערה: קעץ־קץ, וואָס פירט ביז די שבתי־צביניקעס, האָט אַ האַפט, זעען מיר, אַז דער זאַלאַגישער רייסטער, מיט וועלכן זייערע קעגנערס האָבן זיי מזכה געווען (שבתי־שעפּס; חיון־נחש־אַ שלאַנג; ברכיה־ברחא־אַ צאַפּ; הרחם־ר׳ חיים מלאך וכדומה) האָבן זיי נאָך צוגעשאַנצט אַ בינטל קעץ אין אַ פאַר מאָדולאַ־ציעס[3].

2) ד״ר מ. וויינבערג האָט שוין באַמערקט (אין יידישע שפּראַך), אַז הארקאַווי, האָט דאָס וואָרט: קוראַלאַפּניק אין זינען פון אַ מאַן מיט קורצע פיס, און פון אַ גנב פון עופות, עס פעלט אָבער קוראַלאַפּניצע אין באַטייט פון אַ פרוי וואָס שטעלט צו אין די בעלי־בתישע הייזער הינער, אייער וכדומה. אַזוי האָט עס אויך שלום עליכם.

3) שווער צו אַנטשיידן אויב קאַץ אָדער גיכער קאַטשקע שטעקן אין זאָג: קאַטשעפינדיק און הינדיק־זאַמען (כאָטש די שכנות פון אינדיק חייזט אָן דערויף), אָדער אין העטשל־וואָרט: קאַטשעבובעלע וכדומה.

23. עפעס וועגן גאָרנישט

א

פון גאָרנישט מיט גאָרנישט בלייבט גאָרנישט — הערט זיך ווי אַ כּלל, אַן אַריטמעטישער כּלל, וואָס ווערט נאָך בולטער אין זיין אַנדערן, אויך גענוג פאַרשפּרייטן, נוסח: פון נול מיט נול בלייבט נול און איז, פאַרשטייט זיך, פאַראַן אין כּלערליי לשונות ווי, אַ שטייגער, לאַטיין Ex nihilo nihil [= פון גאָרנישט — גאָרנישט] אָדער De nihilo nihil [=כּנ״ל] וואָס ווערט באַטראַכט ווי אַ תּמצית פון לוקרעציוס׳עס נאַטור־פילאָזאָפיע, און געפינט זיך שוין ביי די עלטסטע גריכישע פילאָזאָפן, און צו זיי איז זיך מתכוון א. מ. דיק ווען ער שרייבט: „כּלל גדול בהפילוסופיא מהאין יהי׳ אין, עס איז איין גרויסער כּלל זאָגין די פילאָזאָפען, פון ניכטס איז ניכטס״ („ר׳ שמאיע דער גוט יום טוב ביטער״, וואַרשע, 1860, עמ׳ 19), און דוד קאַסל האָט עס אַזוי באַאַרבעט: „די פילאָזאָפן זאָגן אַז פון גאָרנישט קומט אַרויס גאָרנישט״ (א. מ. דיקס געקליבענע ווערק, ז׳ 42).

אַזוי האָט עס אויך דייטשיש: Aus Nichts wird Nichts און ישראל כּהן ברענגט אין זיין אוצר („זה לעומת זה״, סי׳ 1623 העברעישע פּאַראַרעלן): 1) מאפס ייצא אפס; 2) אין מוציאים יש מאַין; 3) האַין מוליד אַין; 4) אין עושין הוויה מהעדר; 5) האפס לא יעשה דבר. מיר ווילן נאָך צושטעלן אליעזר שטיינמאַן: „אַל רודף אַל״ [= אַ נישט יאָגט זיך נאָך אַ נישט] (על האתנחתא, „דבר״, נומער 8346). כּדאַי אויך צו דערמאָנען דאָס פּוילישע Z niczego nic nie będzie [= פון גאָרנישט וועט גאָרנישט זיין], וואָס מען פלעגט אויך באַנוצן אין גערעדטן יידיש.

ב

גאָרנישט מיט נישט; גאָרנישט מיט גאָרנישט; גאָרנישט מיט מער נישט — זע, אַ שטייגער, א. מ. דיק: „דאָס איז אַלע מאָל דער לוין פון דיא מענטשין וואָס שטייען אונטערין טיר אום צו הערין וואָס זייא דאַרפין ניט הערין,

אונ העריץ דאהער וואס זייא ווילען ניט העריץ, נור גענוג, לאך דיך אויס דער פון, עס איז גאר ניסט מיט מער ניסט" („דיא שקלאווערייא" תרמ"ח, טייל 1, ז' 9) — ווערט פארשארפט אין נוסח: נול איז נול, אדער: נול בלייבט נול, און באפארבט זיך אין נוסח: א נול מיט נישט, און אפילו: א נול מיט א ניקס, כביכול עס וואלט געווען א חילוק צווישן זיי. בולט האבן מיר די איראניע ביי אלכסנדר מאשקאווסקי, ווען א שטרייק פון די רעסטאראנען:

Die letzte Flamme hat ausgezischt
Das ganze Essen wird *Null, Komma Nischt*

דאסווארט נול שטאמט פון לאטייניש nullus (= קיינער) און איז איטא־ליעניש געווארן nulla (גארנישט), און ביים סוף פון 15־טן יארהונדערט איז עס געווארן דער צאל־צייכן פאר גארנישט. כדאי צו דערמאנען, אז ר' חיים יאיר באכראך, בעל חות יאיר, ברענגט אין זיין חיבור „מר קשישא" פון וועלכן עס האבן זיך דערהאלטן בלויז די ציונים, אזוי צום דף ק"א: פי' [= פירוש] מלת נול בלטיי"ן אפס מלשון כתוב נול, ותעבד בעזרא ו'". משמע, ער האלט עס גרונטיק פאר אן אראמעיש ווארט, און דאס איז, פארשטייט זיך, נישט מער ווי פאלקסעטי־מאלאגיע, אבער אינטערעסאנט איז, אז ער האט אין ווארט נול, אין עזרא, די וואוו, וואס האט א קמ"ץ, געליינט, גלייך זי וואלט געהאט א מלאפום, און נאך אינטערע־סאנטער איז, אז ער טייטשט אויס דאס ווארט, וואס מיינט א מיסטהויפן, ווי א גארנישט, ממש ווי עס גייט דער פאלקס־שמועס: א דרעק, א טינוף, א גארנישט.

ג

צום באנוץ מיטן ווארט נול אין באטייט פון אומווערטיקייט, פוסטקייט וכדומה, לאזט זיך ברענגען א שלל דוגמאות. מיר וועלן זיך באנוגענען מיט עטלע־כע, ווי, א שטייגער, א. מ. דיק: „אונזער גייסטליכע (דוחאוונע) ווארען געליבט גיאכטעט בייא דעם פאלק אונ אויך בייא דער רעגירונג אונ יעצט זיינען זייא וויא צו זאגין צו אונזער אייגענער שאנדע איין נול" („יהודית דיא צווייטע", ווילנא, תרל"ה, ז' 9), אדער: „אויך דער העכסט געבילדעטער מאן בלייבט אהן איינע ערציהונג איין געלערטעס טהיר, נור איין נול נור, אונ ווייטער גאר ניט" („דער בן יחיד", דארט, 1875, ז' 7). אויך די פארעם פון דער נול, דער צייכן 0, אין באטייט פון גארנישט, האט אויסגעצייטיקט פארשיידענע באנוצן, למשל, אין דער קלאסיפיקאציע אין די שולן האט עס געהייסן אז דער תלמיד לערנט נישט, און עס איז אויך אריין אין די מערבדיקע ישיבות — אין פראנקפורטער בחורים־ליד

פון 18־טן יאָרהונדערט, וואָס אהרן פריימאַן האָט פובליקירט (ייוואָ־בלעטער, מאַרס־אַפּריל, 1938) לייענען מיר (ז׳ 350):

ער מאג גין [= גיין] בייא ר׳ טעבלי אודר ר׳ מאיר

איין 0 איזט אים בטוח אויף דעם באָבייר [= פּאַפּיר]

לויט דעם פאָרעם האָט מען 0 שטיפעריש געקרופן: אַ לאָך פון אַ בייגל, אָדער: די סמך שבלוחות, און איך האָב ביידע געהערט אין זינען פון טויגענישטן וכדומה. די פאָרעם איז דוכט זיך אויך פאַרשטעקט אין זאָג, וואָס עס ברענגט מענדעלע: „דיא חוקרי קדמוניות, וואָס קענען מיט זייער גרויס חכמה מאַכן פון אַ גאָרנישט אַ מושקאַטקויל״ (מסעות בנימין השלישי, ווילנע 1878, ז׳ 69). אין העברעישן נוסח הייסט עס: „חוקרי קדמוניות שלא יבצר מהם לעיל פילא בקופא דמחטא״ [= וואָס איז פאַר זיי נישט אוממעגלעך דורכצופירן אַ העלפאַנד דורך אַ לעכעל פון אַ נאָדל]. דער יידיש־נוסח ווערט פלאַסטישער, ווען מיר באַרעכענען, אַז גאָרנישט מיינט די קיילעכיקע נול און מושקאַטקויל מיינט מוסקעטקויל.

אגב, איז דאָס וואָרט נול ווי אַ צאָל־באַצייכן פאַר גאָרנישט נישט מער ווי אַן איבערזעץ פאַרן אַראַבישן סיפר וואָס מיינט גרונטיק פוסט, ליידיק, אָבער דאָס וואָרט סיפר איז אַריבער אין די אייראָפּעישע שפּראַכן בצורת ציפער, רבים: ציפערן, דייטשיש: Ziffer, פראַנצויזיש: chiffre, פויליש: cyfra געוואָרן דער נאָמען פון אַלע צאָל־צייכנס (יידיש אויך טשיפער, אַזוי האָט מען געזאָגט: טשיפערבלאַט ביים זייגער, און לערנען טשיפער האָבן מיר שוין דערמאָנט) כאָטש עס האָט נאָך, ביזן 18־טן יאָרהונדערט, דער־האַלטן דעם באַטייט פון נול. און עס ווייזט אויס, אַז דאָס מיינט אויך דער ביז־איצט באַנוצטער זאָג: eine Ziffer (blos) וואָס מיינט אַ גאָרנישט.

מיט דער צייט איז אפילו ציפער געוואָרן ווי אַ קעגנזאַץ פון נול, און זע, אַ שטייגער, יהואש (דער לוח, פאַבלען, ז׳ 132):

דו מעגסט,
פּראָפעסאָר לוח, זיין מיט ציפער פול
דער פּסול
איז אָבער וואָס דו ביסט אַליין אַ נול.

ד

קערן מיר זיך אום צו דער פאָרעם פון דער נול, דעם קיילעכיקן 0, כדי אָנצווייזן אויף די איראַנישע באַנוצן: אַ גרויסע נול, אַן אויפגעבלאָזענע (אָדער:

אַנגעבלאָזענע) נול, גלייך עס וואָלט געווען אַ נפקא־מיניה, אויב דער גאַרנישט איז גרעסער אָדער גרעבער. די איראָניע איז אַן אַלטע — אַזוי ברענגט אַנגעליוס בויטיען אין זיין ראָמאַן „קריסט אונד יודע" — (לייפּציג, 1916), ווו עס גייען אַן יידיש־פּויזנער און דייטשיש־מעקלענבורגער דיאַלעקטן, אַ שמועס (ז. 186):

Frau — — wenn ich und Becker nun vom Hof sind,
denn [= dann] ist er verwaist, denn Puppchen ist
die grösste Null im Alphabet

[= פרוי, ווען איך און בעקער זענען אַוועק פון הויף, איז ער פאַריתומט, ווייל פּופּעלע איז די גרעסטע נול אין אלף־בית]. עס פאַרשטייט זיך, אַז די כוונה איז צו דער פאָרעם 0 וואָס איז פאַראַן סיי אין ציפער (נול) סיי אין אַלפאַבעט („אָ"). אַמבעסטן האָט דאָס אויסגענוצט אהרן צפנת אין זיין ליד, וואָס הייסט טאָקע „דער נול". ערשטנס, האָט ער געכאַפּט דעם גאַנג: ציפער־פּוסט־נול־גאָרנישט, ווי מיר לערנען פון די ערשטע צוויי סטראָפן:

שטייט ער זיך אַזוי, דער גאָרנישט,
סתם אַ גאָרנישט, מיט אַ נישט
אינהאַלט האָט ער זיך קיין האָר נישט
אויסגעליידיקט, פּוסט און וויסט
קוקסט אויף אים — הבל הבלים
בלויז מיט גאָרנישט איז ער פול
נישט קיין שטרעבונג, נישט קיין חלום
גאָרנישט, גאָרנישט, — ס'איז אַ נול.

צווייטנס, נאָכדעם ווי ער האָט שוין היפּש אָנגעוווּנקען אויפן כביכול־תוכן פון דער נול, איז ער, אין דער דריטער סטראָף, בפירוש מרמז אויף דער פאָרעם פון 0, דעם גאָרנישט, וואָס רעדט זיך איין, אַז אַ דימענסיאָנאַלער אויסשפּרייט קען פון אַ גאָרנישט מאַכן אַן עפּעס:

אויפגעבלאָזן און געשוואָלן
ווי אַ לערע, רונדע פאַס.
אין דער וועלט פון ווערטן־צאָלן
גייט אַרום ער פּוסט און פאַס.

און זע משה שטיינגאַרט („אליין", טאָראָנטע, תש"י, ז' 64):

צו באַזינגען דעם לענגאויס פון אונדזער אָוונט־לאַנד
האָב איך זיך צו גאָרנישט, פּלוס נול, דערשלאָגן.
און ליידיק און הויל ביסטו און איך.

ה.

דער קעגנאיבערשטעל פון דער נול און אַן אַנדערע ציפער האָט אויסגע־ציײטיקט אַ שפע פון שטיפערישע באַנוצן — אַזוי ברענגט ר׳ הלל ל״ש [= ליכטענ־שטײן], אין נאָמען פון זײן רבין, ר׳ משה סופר (חת״ם סופר), אַז ער פלעגט צו זאָגן „פת במלח תאכל [= ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסן] איזט איין נול, על הארץ תישן [= אויף דער ערד זאָלסטו שלאָפן] איין נול, ובתורה אתה עמל [= און אין דער תורה טוסטו דיך מיען] איז איין 1 [= איינס], ואז מצטרפין אותן נולין להיות אלף״ [= און דעמאָלט שטעלן זיך צוזאַמען די נולן צו זײן טויזנט] (ספר תשובות בית הלל, חלק ראשון, מס׳ הלכות קטנות, סאַטמאַר, תרס״ח, דף מ״א, עמ׳ א׳). פאַרשטײט זיך אַז די כוונה איז: 000 + 1 = טויזנט. דער שפּיץ פון דעם באַנוץ איז אין אונטערשטרײך, אַז די נול אָדער די נולן קריגן אַ ווערט ערשט ווען אַן אַנדערע ציפער שטײט פאַר זײ. און אַזוי שרײבט שלמה עטינגער אין אַ בריוו, צו זײן שוואָגער, גאָלד, אין יאָר 1847: „נאָך זאַמושץ אונד וואַרשוי האבע איך נאָך ניכט געשריבען, וויל איך לײדער פאַן דאָרט קײנע אנטוואָרט צו ערהאַלטען האפפע, אונד דאָרט פערלאַנגט מאַן מיך אַלס (דאָק) רעגראַזירט צו זעהען, אונד זאָ לאַנגע איך עס ניכט בין, נור אַלס איינע נולל די צו איהרער לינקען שטעהעט בעטראַכטעט, אונד זיינוויל זאָגט, זיא האָט רעכט — דיא נולל איזט אונגעהטיג אונד מוס אויסגעלאַשען ווערדען״ (כתבים, אויסגאַב מאַקס ווײַנרײַך, 1925, באַנד 2, ז׳ 569). דעסגלײכן ברענגט א. מ. דיק („באַרוסקע דער שומר״, ווילנע תרל״ב), אַז דאָס געלט איז נישט מער ווי די ציפער נול, וואָס אַן אַנדערע ציפער פאַר איר מאַכט זי גרעסער, אָבער אַן אַנדערע ציפער וואָס נאָך איר לאָזט זי אין איר אומווערדיקייט. דיק באַנוצט עס ווי אַ משל, וואָס זײן נמשל איז אַ מענטש — איז ער קודם כל אַ בן תורה און אַ בעל מידות וכדומה, מאַכט אים די נול גרעסער, איז ער אָבער אַ הדיוט, אַ סקנער, לאָזט אים די נול ווי ער איז. קונ־ציקער האָבן מיר עס ביי מו״ח [= מרדכי ווײסמאַן חיות] אין זײן עפּיגראַם איבערן הדיוט קופץ בראש (דברי חכמים וחידותם, ווין, תרנ״ב, אות ה׳, סי׳ ו׳, ז׳ 40):

הַנּוּלֶּע יְקָרָה הִיא, עֲשֶׂרֶת מוֹנִים רַב עֶרְכָּהּ,
אִם תֵּשֵׁב תַּחְתֶּיהָ וּלְיַד רְעוּתָהּ תִּבְחַר דַּרְכָּהּ,
אוּלָם אִם תָּנַח מְקוֹמָהּ וְלָשֶׁבֶת רֹאשׁ שׁוֹאֶפֶת
כְּשֶׁהִיא לְעַצְמָהּ מַה הִיא? נֶחְשְׁבָה כְּאַיִן וָאֶפֶס.

טײַטש: די נול איז טײַער, צענפאַכיק איז איר ווערט, אויב זי זיצט זיך און פאַר־קלויבט זיך לעבן איר חברטע, אָבער אַז זי פאַרלאָזט איר אָרט און באַשטרעבט

זיך זיצן אויבנאָן, וואָס איז זי פֿאַר זיך אַליין, אַ נישט מיט אַ גאָרנישט. און דער נמשל איז דער עושר, וואָס אויב ער קומט צווישן אַן עולם פֿון חכמים און נבונים, האָט ער אויך אַ סך ווערט, אָבער אויב ער ווענדט זיך אָפּ פֿון זיין און וויל אַליין געוועלטיקן, האָט ער מיט זיין פֿאַרמעג קיין שום ווערט נישט. ק. שבתאי ברענגט דעם עיקר פֿון זאָג אין נאָמען פֿון ר׳ ישראל סאַלאַנטער און ראָמען ראָלאַן, ביידע זאָלן האָבן געזאָגט, אַז אַלע מעלות פֿונעם מענטשן זענען בבחינת נולן, מען שרייבט זיי בלויז אויפֿן פּאַפּיר, נאָר דער מוסר איז אַן איינס; ווער עס פֿאַרמאָגט אין זיך מוסר, שרייבט דעם איינס פֿאַר די נולן, און עס איז אַ צאָל וואָס האָט אַ ממש, אָבער ווער עס פֿאַרמאָגט נישט דעם איינציקן איינס בלייבט אַן עושר פֿון נולן („דבר", נומער 7623).

איך גופֿא האָב דעם זאָג געהערט פֿון דוד רמז, און אים אויך געבראַכט אין מיין בוך קערת צימוקים, סי׳ 648 — ער האָט אַמאָל, אויף אַן אסיפֿה, גערעדט וועגן אַ פּלאַן פֿון אַ מיליאָנען־הלוואה, האָט אַ דיסקוטאַנט זיך געוויצלט: וואָס איז די חכמה, צו פֿאַרגרעסערן נולן, האָט ער אים אָפּגעענטפֿערט: עס איז אַ קיימא לן, נול און פֿאַר אים איינס — איז צען; צוויי נול און פֿאַר זיי איינס — איז הונדערט; דריי נול און פֿאַר זיי איינס — איז טויזנט וכדומה; אָבער אַ נול און נאָך זיך נול, און אפֿילו מיליאָן נול און פֿאַר זיי אַ נול בלייבן נול. און אין פֿאָלק גייט אַרום אַ הלצה — זע לויטן נוסח פֿון לואי ראַדיצקי (טאָג־מאָרגען־זשורנאַל, נומער 14336) — ראובן זאָגט צו שמעון: דו ביסט אַ גראָבער יונג, דו ווייסט וויפֿל באַטרעפֿט זעקס מאָל צוויי; ענטפֿערט שמעון: איך ווייס דווקא, און אויב וועסט נאָך דיך אַליין אַריינשטעלן אינמיטן וועט עס אויסמאַכן הונדערט און צוויי; פֿרעגט ראובן: היתכן; ענטפֿערט שמעון: זעקס מאָל צוויי = 12; אויב דו שטעלסט דיך אַריין אינמיטן, האָסט דו דאָך אַריינגעשטעלט אַ נול, האָבן מיר איינאיינעם 102.

און די דעפֿיניציע ווערט נאָך פֿאַרשטאַרקט בדרך אַליטעראַציע, ווי עס גייט דייטשיש: null und nichtig [= בטל ומבוטל] אין יידיש: אַ נול מיט אַ ניין מיט אַ נישט, און איך וועל נאָך צוגעבן אַ זאָג, וואָס איך ווייס נישט זיין געאָגראַפֿישן אויסשפּרייט: ער איז אַן עשו מזריע זערע, דאָס הייסט, ער איז בבחינת עשו [= אַ גוי, אַ גראָבער יונג], וואָס זיין טועכץ איז נול, און ער גופֿא איז נול. מיר האָבן דאָ אַ טאָפּל־שפּיל: 1) עשב=עשו, 2) זרע=zero [=נול], און עס איז אַ שטיפֿעריי מיטן פּסוק אין בראשית; עשב מזריע זרע.

אַליטעראַטיוו האָבן מיר עס אויך אין זאָג, ווי עס ברענגט, למשל, אליעזר שטיינבארג: „יאָ, נו!... איך באַרעד נישט קיינעם, / און מע טאָר נישט; / נאָר צווישן אונדז גערעדט בשתיקה — / וואָס? זענען זיי דען? גאָרנישט! גאָלע

גאַרנישט!״ (משלים, באַנד 1, 1949, ז׳ 64); און ענלעך: „אָקאָרשט וואָס געמאַכט ער איר סך־הכל / און געפונען מער גיט ווי צוויי גימלען — גאָלע גאָרנישט״ (דאָרט, באַנד 2, תשט״ז, ז׳ 23).

ו

דער עיקר־רעיון איז אויך אַריין אין דער ליטעראַטור — אַזוי לייענען מיר ביי א. לעיעלעס („פּאַביוס לינד״, 1937, ז׳ 108) אַ שמועס צווישן זי [= די אלמנה פון לענין] און ער [= סטאַלין]:

זי: ביסט אַליין? האָסט באַרעכנט וויפל בענקשאַפט
און וויפל טרערן האָבן דיך געבראַכט צום שפּיץ?
ער: איך בין דער האַרטער איינס צו טויזנט כאַלעס־נולן
ווי לאַנג עס וועלן נולן זיין, בין איך דער איינס
זי: דער איינס טוט אַלץ — מוז טאָן — עס זאָלן בלייבן נולן.
צי דאָס איז אונדזער אויסגעהאַרעוועטע פרייד?

און זע ה. ליוויק — איז זיין ליד וואָס הייסט טאַקע: ציפער — טויזנטער מיליאָנען, הייסט עס:

אַלע לייבער נעמען פרירן
אַלע שוואַרצאַפּלען פאַרגייען
ווען אַן איינס הויבט אָן מאַרשירן
מיט די לאַנגע נולן־רייען
אויס מיט תוך און אויס מיט פורעם
אויס מיט פולקייטן פון זאַכן.
ווען די נולן אין דער שורה
שפּאַנען איבער פוסטע שליאַכן

אַזוי אויך נפתלי גראָס וועגן ווילנער גאון (לידער, ניו־יאָרק, 1958, ז׳ 428):

אויף יענער זייט פענסטער — ישיבות און שולן,
דער פּלאַץ, וואו מ׳האָט דעם גר־צדק פאַרברענט,
נאָר ער, וואָס ער איז שטענדיק אַליין מיט די ווענט,
ער איז מיט זיין וואָרט דער איינס צו די נולן

ז

צום סוף קערן מיר זיך ווידער אום צו די שטיפערישע באַנוצן, כדי צו פאַרענדיקן מיט צוויי דוגמאות. דאָס ערשטע — אַ משל פון פּאַוול בלאַנק, וואָס

הייסט טאָקע דער נול, ווו דער נול כעסט זיך, הלמאי דער לערער פאַרשעמט אים אַזוי אין קלאַס, אַנרופנדיק מיט זיין נאָמען אַ יעדן לאָ־יוצלח, גלייך עס וואָלטן חוץ אים קיין אַנדערע ציפערן נישט געווען, ענטפערט אים דער צוויי:

רב נול! וואָס האָט איר זיך אַזוי צעקלאָגט
ס׳איז קיין סוד דאָך נישט פאַר קיינעם:
איר אָן עפּעס נאָר מיט אונדז אינאיינעם,
אָבער אָן אונדז, וואָס? מ׳שטיינס געזאָגט!...
האָט־זשע נישט קיין טענות, טאָמער
מען פאַרגלייכט מיט אייך אָן ענלעכן גוי גמור!

די אַנדערע דוגמה — ח. נ. ביאַליק שרייבט אין אַ בריוו צו צבי דיזענדרוק (אגרות, באַנד ה׳, ז׳ קס״א): „ראה קראתיך בשם פרופיסור. אני עושה זאת לא מאהבת מרדכי אלא... מתוך נקמה ב — —. יראה נא וידע כי יש עוד פרופיסורים זולתו בעולם. ואולם אתה אל תירא פן נקלית בעיני בגלל זאת. אדרבא „אפס״ כשהוא מצטרף אל יחידה כמוך יש לו ערך״. [איך רוף דיך פּראָפעסאָר, נישט מאהבת מרדכי נאָר לשם נקמה אין — — זאָל ער זען און וויסן, אַז עס זענען פאַראַן חוץ אים נאָך פּראָפעסאָרן אויף דער וועלט; אָבער דו האָב קיין מורא, אַז דו ביסט מחמת דעם מינדער געוואָרן ביי מיר אין די אויגן, אדרבא, אַ נול וואָס שטעלט זיך צו צו אַן איינס ווי דו, האָט אַ ווערט].[1])

צום קאָמישן געהער אויך דאָס טראַגיקאָמישע און דאָס ברענגט אַפיר אַבא קליגער אין זיינס אַ ליד (די פעדער, 1953, ז׳ 67):

דיר דוכט זיך דיין מיאונג באַשטייט נאָר פון נולן
און מערקסט ניט קיין שטריך פון אַ איינס צווישן זיי —
טוט עס שטאַרק ווייַ — —

ח

און נאָך עפּעס פּיקאַנטס — וואָלף יונין ברענגט אין זיין שפּראַך־ווינקל אַ זאָג, אין נאָמען פון אַן אינפאָרמאַנט: נאָך 9 (ניין) שטייט גאָרנישט, און ער פרעגט, אויב עס מיינט נול (טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, 5 פעברואַר 1967); האָט ער

1) פאַראַן אויך אַ פּאָזיטיווער באַנוץ, ווי אַ שטייגער אין זאָג: genullt haben געפּראַוועט אַ יובל פון 50, 60 יאָר וכדומה; אָדער דריי נול, אַ באַצייכן פון פיין געבייטלט מעל; ווי עס איז פאַראַן אַ נייטראַלער באַנוץ: אָפּשערן מיט דער נולקע (אַ פּאַלאַטאַלע למ״ד), דאָס מיינט אַ שער־מאַשינדל.

דערויף געקריגן אַ תשובה, אַז דער זאָג איז אַ לענגערער און אַ געגראַמטער: נאָך 9 בלייבט נול, נאָך 90 איז מען אין יאָרן פול (דאָרט, 26 פעברואַר 1967).

וויל איך באַמערקן: פאַרן ערשטן אינפאָרמאַנט, אַ טרעמבאָוולער, אין מזרח־גאַליציע איז דער גראַם קיין גראַם נישט, ווייל ער לייענט דאָך: נול־פיל [= פול], אָבער אויך דאָ איז געווען אַ שפּילערישער זאָג: נאָך נאָן [= ניין = 9] און נאָך נייַן [= נישט] שטייט גאָרנישט; משמע, אַז מען האָט געלערנט סימני־חשבון, זענען די ציפערן געווען אויסגעשטעלט אַזוי, אַז דער 0 [= נול] איז געשטאַנען נאָך דער 9, און האָט געהייסן גאָרנישט. מיינט דער זאָג: נאָך ניין [= 9] שטייט גאָרנישט [= 0], נאָך נייַן [נישט] שטייט גאָרנישט [= גאָרנישט מיט גאָרנישט וכו׳]. אגב, האָבן מיר גאָרנישט אין ווערטל: גאָרנישט איז גוט צו אויגן־ווייטיק און מען האָלט, אַז עס מיינט ניקס־וואַסער, וואָס איז אַ סגולה דערצו. משכילים האָבן זיך געוויצלט: אַין כנגד עין, אָבער דאָס איז אַן ענין פאַר זיך.

צום סוף וויל זיך באַמערקן דעם שטיפערישן באַנוץ אין רעטעניש: אַן אָרעמאַן האָט עס, אַ גביר פעלט עס, און זיין באַשייד: גאָרנישט (ווייל דער ערשטער האָט גאָרנישט, דעם אַנדערן פעלט גאָרנישט).

24. צווישן ער׳פעלע און נפל׳ע

א

ביי אַ סוחר, אַ גנב און אַ ציגיינער איז אַלץ [= אַלעס] אַ קרן — איז אַ זאָג, וואָס שטעלט די דריי פאַרשויגען צוזאַמען מחמת אַ בשותפותדיקער מידה, אַז זיי פאַרשטייען פון אַ יעדער זאַך, ווי קליין און נישטיק זי זאָל נישט זיין, אַרויסצוציען אַ נוצן פאַר זיך. און כאָטש די מידה איז נישט מחייב, אַז אַלע דריי זאָלן עס מאַכן אויף דעמזעלבן פּאַסקודנעם אופן, איז דער עצם צוזאַמענשטעל פונעם דרייליגג מרמז דערויף. דאָס ווערט אויך קלאָר פונעם קירצערן, און אפילו פּאָפּולאַרערן, נוסח: ביי אַ סוחר איז אַלץ אַ קרן, און באמת געהער דער ענין קרן [= קאַפּיטאַל], וואָס ציט נאָך זיך ממילא פּירות [= רווחים, פּראָצענטן] בלויז צום סוחר, און אויב דער אויסגעברייטערטער נוסח האָט אים צוגעשטעלט דעם גנב און דעם ציגיינער, וואָס זענען אין פאָלקמויל אידענטיש, מיינט עס, אַז מיר האָבן דאָ טאַקע אַ מין מזומן, וואָס פּאַסט זיך, ווי תזריע צו מצורע; כאָטש דער סוחר האָט זיך מסתמא קעגן אַזאַ שידוך געווערט מיט הענט און מיט פיס. און צוריקגעשמועסט, האָט דאָך דער סוחר נישט די בעסטע רעפּוטאַציע אין אונדזערע ווערטלעך — בלויז ביי בערנשטיין געפינען מיר, סי׳ 562: עס איז ניט דאָ קיין שלעכטער בראָנפען פאַר אַ שכּור, קיין שלעכטע מטבע פאַר אַ סוחר און קיין מיאוס׳ע נקבה פאַר אַ נואף; אַ ווערטל וואָס זאָגט כמעט דאָסזעלבע, וואָס מיר האָבן שוין געהערט, אַז פאַר אַ סוחר איז די ערגסטע מטבע אַ קרן, נאָר ער געפינט זיך דאָ אין אַ ביסל אַן אַנדערער חברה, ער — אין דער מיט, פון פאָרנט — אַ שכּור, פון הינטן — אַ נואף. נישט בעסער גייט עס אים סי׳ 2611: סוף אדם למיתה, סוף בהמה לשחיטה, סוף סוחר לפליטה, סוף גנב לתליה, ווו עס שטייט צומערשט אַ מין כלל, וואָס ווערט געבראַכט אין דער גמרא וועגן סוף פון חי ומדבר, און וועדליג דעם כלל ווערט אויסגעפורעמט אַ נייער כלל, וואָס פאָרט ווידעראַמאָל צונויף אַ סוחר מיט אַ גנב, ווי עס גייט דער פּאָפּולאַרער זאָג, וואָס בערנשטיין וואָלט אים אויך געמעגט ברענגען: אַ סוחר איז אַ גנב, אָדער חצי־יידיש פּאָלאָווינע־גויש: דע הינדעל׳ טאָם שווינדעל׳ [= ווו האַנדל דאָרט שווינדל].

ב

די געבראַכטע ווערטלעך דערקלערן, וויאַרום אונדזער מזומן איז צושטאַנד געקומען, אָבער די כוונה פון אונדזער ווערטל שטעקט אין אַנדערע זאַגן, וואָס האָבן בלויז צו טאָן מיטן גנב און בעיקר מיטן ציגיינער, ווי אַ שטייגער: אַ גנב [= אָדער: אַ ציגיינער] ראַדוועט זיך מיט אַן עופ׳עלע, וואָס וויל אין פלוג הייסן, אַז אויב ער קען נישט אַרויסגנבענען עפּעס וואַזשנערס פון דער שטאַל אָדער פון דער שטייג, איז פאַר אים אַ פּיצל הינדעלע, קאַטשקעלע אָדער גענדזעלע אויך אַן עניין. אָבער נאָך אַ קליינעם נאָכקלער אַנטפּלעקט זיך דער טאָפּלטער זין פונעם וואָרט עופ׳עלע, וואָס הייסט אויך אַ קליין קינד, און אַזוי איז אויך אין העברעיש, ווו אפרוח הייסט גרונטיק בלויז אַ יונג עוף. אין די לעצטע דורות באַצייכנט עס אויך אַ פּיצל קינד — דער ערשטער אָנווענד, וואָס עס ברענגט יעקב כנעני אין זיין אוצר, איז פון ר׳ שמואל דוד לוצאַטאָ, היינט איז עס גאָר היימיש אין העברעיש, זע אַ שטייגער, ביי ח.נ. ביאַליק, ש. טשערניכאָווסקי וכדומה, אויך בלשון נקבה, זע, אַ שטייגער, ש״י עגנון: „סבורים היינו שאפרוחית זו אינה יודעת לצייץ לסוף מדברת היא כחכמה״ (האיש לבוש הבדים, הארץ, י״ד תשרי תשכ״ו). טייטש: מיר האָבן געקלערט אַז דאָס עופ׳עלע קען נישט פּישטשען, צום סוף רעדט זי ווי אַ חכמת (פון קאָנטעקסט איז קלאָר, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ יונג כלה־מיידל). זלמן שניאור האָט דאָס וואָרט אויך אריינגענומען אין יידיש: „צום אָנגיין מיט דער אַרבעט האָט אויך אויסגעזוכט עפּעס אַ ליאַדע אינזשענירל, אַן אפרח׳ל, וואָס איז אָקאָרשט אַרויס פון אוניווערזיטעט״ (עוועלין, טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, 20 יוני 1965).

הייסט עס, אַז דער זאָג: אַ ציגיינער ראַדוועט זיך מיט אַן עופ׳עלע, מיינט אַז ער פרייט זיך, ווען ער גנבעט אַוועק אַ קליין קינד; אַ זאַך, וואָס די דערפאַרונג, און נאָך מער די שמועה, האָבן זי געמאַכט פאַר אַ טיפּיש־ציגיינערישער פּראַפּעסיע.

ג

אָבער מיר דערלויבן זיך אַרויסצוזאָגן אַן השערה, אַז אין דעם זאָג פאַר־באַהאַלט זיך אַן אַנדערע כוונה, וואָס כדי זי צו אַנטפּלעקן, דאַרף מען בלויז אָננעמען, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ מעטאַפאַנאַליז; דהיינו, אַז שטאָט: אַ ציגיינער ראַדוועט זיך מיט אַן עופ׳עלע מיינט מען: אַ ציגיינער ראַדוועט זיך מיט אַ נפל׳ע. די צוויי ווערטער ווערן אַפילו אין פאָלק־מויל פאַרמישט, און פונקט ווי

מען זאָגט: קליין ווי אַן עופ׳עלע, זאָגט מען: קליין ווי אַ נפל׳ע, אָבער עס זענען, פאַרשטייט זיך צוויי באַזונדערע ווערטער.

דאָס ערשטע וואָרט איז אַ דעמינוטיוו פון עוף [= אַ פויגל, געפליגל] און אפילו אַ טאָפּלטער דעמינוטיוו — אַ פּשוטער וואָלט באַדאַרפט צו זיין עופ׳ל, זע, אַ שטייגער, חיים מאַלטינסקי: „דאָס אייפל שלאָפן זיס / זאָל אין גרוימען וויגל // זיין מוטער זאָל אויף אים / מיט טיפער סימכע קוקן /" (סאָוועטיש היימלאַנד, אפּריל 1965, ז׳ 16); אָדער ב. לאַפּין, וואָס ברענגט, צוליב מעטרישע טעמים, ביידע פאָרמעס, אין דעמזעלבן ליד: „דאָס עופּה׳ל האָלט די אויגן אָפען / אַרום אַ רונדער שיין / — — / עס האָט נאָך קיין הונדערט זונען / דאָס עופּה׳לע פאַרזאָגט" (דאָס הייליקע לאַנד, שריפטען, ניו־יאָרק, 1920, ז׳ 5). אָדער יצחק באַשעוויס: „איך האָב נעמליך געמיינט, אַז בריסטן האָבען בלויז ווייבער וואָס זויגען קינדער. איך האָב אָפּט געזעהן ווי אַ מאַמע האָט געגעבן אַ עופּה׳לע די ברוסט. אָבער אַז אַ מיידעל זאָל האָבען בריסטען — דאָס איז געווען פאַר מיר אַ נייעס" (פאָרווערטס, 16 נאָוועמבער 1963).

דאָס אַנדערע וואָרט, נפ׳לה, איז אַ דעמינוטיוו פון נפל, וואָס הייסט יידיש מפּיל־קינד. דער פאַרמיש פון עופּהלע און נפלע איז שווערער, ווען מיר האָבן פאַר זיך דאָס עופּהלע, אָבער לייכטער, ווען מיר האָבן זיך אַן עופּהלע וואָס ווערט מעטאַפאָריש: אַ נפלע. אוודאי אַז מיר זעען, אַ שטייגער, ביי יוסף קערלער: „און טאָמער טוט אַמאָל אַ פּיפּס / אַן אייפּעלע אין וויגל, / שפּרינגט באַלד פון צווייג אַ ווינט אַראָפּ / און זינגט דעם אויס אַ ניגון" (סאָוועטיש היימלאַנד, אפּריל 1965, ז׳ 119). קען ביי אונדז קיין טעות נישט זיין, אַז עס מיינט אַ לעבעדיק קינד, דעסגלייכן, אַז מיר לייענען ביי שלמה רויטמאַן: „נאָך אייפּעלעך, אָט, דוכט זיך, פון דער וויג / האָט אַהער פאַרוויט דער שווערער קריג" (דאָרט, נאָוועמבער־דעצעמבער 1961, נומער 3); אָבער אַז מיר לייענען אין אויפרוף פון בונד, וועגן קישענעווער פּאָגראָם, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין הונדערט צוואַנציק טויזנט עקזעמפּלאַרן: „אָרעמע פערמעגענס ווערן צוראַבירט אונשולדיגע גע׳הר־ג׳עט, צומז׳יקט, נופלע׳ך אויף שטיקער צוריסען, פרויען די עהרע געראַובט" (דער בונד, יאָר 2, נומער 11, 1 דעצעמבער 1905), לאָזט אונדז דער מעטאַפאָריז כהרף עין קווענקלען, און מיר פאַרשטייען, ווי אַזוי דער פאַרמיש קען פּירקומען, ווי מיר האָבן אין אונדזער זאַג, וואָס שטיצט זיך אויפן גלויבן, וועלכער איז פאַרשפּרייט צווישן ציגיינער, און צווישן גנבים בכלל, אַז אַן אָנגעצונדן ליכט, וואָס ווערט געמאַכט פון דעם חלב פון אַ נפל׳ע, מאַכט דעם, וואָס האַלט עס, פאַר אַ רואה ואינו נראה. עס איז אַ באַזונדערער מאָטיוו ביי אַרנע־טאָמפּסאָן, און

וואָס שייך מזרח־אייראָפּע זע יוליאַן קזשיזשאַנאָווסקי Polska bajka ludowa באַנד 1, סי' A 304 וועגן מאַגישן שלאָף, ווי אַן אויפּטו פון רויבערס, וואָס פאַר־גנבענען זיך בײַנאַכט אין אַ הויז און צינדן אָן אַ ליכט אין האַנט פון אַ טויטן, אָדער אַ ליכט געמאַכט פון אַ טויטנס פעטס, וכדומה.

ד

וואָס שייך יידן ברענגט א. טהיללע, אַ שונא־ישראל, אין זיין בוך Die jüdischen Gauner in Deutschland (בערלין 1841, באַנד 1, ז' 7) וועגן די גאַונער־באַנדעס, אַז זיי האָבן „אין זייער בעסטיאַלישער רויקייט געטרעטן מיט די פיס דאָס, וואָס איז נאָך אַפילו הייליק ביי די חיות: די ליבע צו זייערע יונגע. עס איז כלל נישט אויסגעטראַכט די מעשה וועגן די שלאָף־ליכט, וואָס זייער שייך, ווי זיי זענען אין זייער דולער נאַרישקייט פאַרגלויבט געווען, זאָל אָפּהאַלטן דאָס אויפוועקן זיך, און דאַריבער האָבן זיי זיי אַנגעצונדן, ווען זיי האָבן בײַנאַכט געוואָלט אַרויסרוימען באַוווּנטע שטיבן. די ליכט האָט מען אָבער פאַבריצירט פונעם חלב פון אומגעבוירענע קינדער און זיי פלעגן פאַרשפּרייטן אַ מאַטע בין־השמשות־שייך. דער שיינער קאַרל [= האָט באמת געהייסן טעאָדאָר אונגער און איז אין 1810 פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, און דער תליון האָט אים אין מאַגדע־בורג אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ מיט אַ שווערד] האָט די ווייבער און ביישלעפערינס פון זיין באַנדע באַשווירן ביים פערשט פון דער פינסטערניש (דיראַך, טייוול), ביי אַלעם בייז, אַז זיי זאָלן, אָן טענות אַוועקגעבן די פּרוכט פון זייערע לייבער, ווי נאָר ער, אָדער די ממונים פון דער באַנדע, וועלן זיי דערצו אויפפאָדערן".

דאָ האָבן מיר נישט קלאָר דעם ענין פון רואה־ואינו־נראה, ווי מיר האָבן עס אויך אין אַן עלטערן אָבערגלויבן וועגן די מכשפות, וואָס מען פלעגט זיי באַשולדיקן, אַז זיי זענען פאַכאַפּנע אויף פּיצלעך קינדער, איידער זיי זענען נאָך געטויפט געוואָרן, ווייל אַזוי ווי זיי געהערן נאָך צו דער טומאה, קען מען פון זייער פלייש און ביינדלעך מאַכן כל מיני שמירעכצער און פון זייער פעטס און נעץ — אַ סאָרט משקה, וואָס ווער עס איז טועם דערפון, ווערט אַ שוואַרצ־קינצלער.

וואָס שייך ביינדלעך פון אַ מת זע דער נסתר: „האָבן אויסגעטראַכט אַ ביל־בול אויף די בראַסלאַווער — אַז כלומערשט האָבן יענע עפּעס אַ ביינדל פון אַ מת (אויף די בראַסלאַווער לאָזט זיך דאָס גלויבן; זיי האָבן דאָך אַלע מאָל צו טאָן מיט מתים, טאָגן און נעכטיקן ביי זיי), און זיי טוען אָפּ מיט דעם מעשים תעתועים,

וואָס מ׳העררט צווישן יידן ניט, זיי נעמען דאָס אונטער דער פאַכווע און רעדן ביי דעם עתידות; זיי לייגן עס אונטער דער דיך און רופן געשטאָרבענע, און נאָך, ווי אין די גאָר אַמאָליקע געצענדינערישע ציטן פון די אבות [= אובות] וידעונים, ווי אין חומש שטייט געשריבן" (משפחה מאשבער, 1948, באַנד 2, ז׳ 317). און וואָס שייך אַ ליכט פון פעטס פון אַ נפל׳ע האָט די יידישע גאַס געהערט דערפון — גענוג צו דערמאָנען די באַקאַנטע דערציילונג פון יצחק לייבוש פרץ „אַז מען זאָגט משוגע, גלויב!" (אין בוך „חסידיש"), ווו מיר הערן וועגן איינעם, וואָס גייט נאַכט אויף נאַכט אַרויס הינטער דער שטאָט און דרייט זיך אַרום בית עלמין: „וואָס זאָל איך אייך זאָגן, עס זענען מיר שוין געקומען הוריות אין קאָפּ אַריין, אַ קשיא אויף אַ מעשה! אָדער ער איז אַ באַהאַלטענער צדיק, אָדער ער פאַרקויפט די נשמה אין גיהנום אַריין, ווייס איך? קלײנערהייט האָב איך געהערט, אַז אויב מען ציט אַ ליכט מיט חלב פון אַ נפלע אויף אַ פאָדעם פון אַ ציצה — ווערט מען אַ רואה־ואינו־נראה — און גלויבט מיר, ווען איך ווייס ניט, אַז ער איז אַ כהן, וואָלט איך זיכער געמיינט, אַז ער האָט זיך מתחבר געווען מיט אַ חברה גנבים און זוכט אַ נפל׳ע אונטערן צוים! גנבענען, פאַרשטייט זיך, וועט משה ר׳ יוסעלעס בישט, אָבער ליכט צוטיילן, אפשר יאָ — אַ דאגה, וואָס טוט ניט אַ ייד צוליב פרנסה". אגב, האָט י. ל. פרץ אין דעם ליד: אַן אדום, לויט היינע: „און אַז ס׳איז נאַכט געוואָרען / האָסטו לאָמפליך אָנגעצונדען / פון מיין חלב. און אויף קנייטלעך / פון מיר אָדערן געשונדען" (שריפטען, תרס"א, באַנד וו, ז׳ 77).

און מיין פריינד פראָפ׳ חנא שמערוק האָט מיר אָנגעוויזן, אַז דער מאָטיוו איז אַלט אין אונדזער ליטעראַטור — אין אַ קונטרס: פינף שיינע לידער (קאַטאַלאָג באָדלעאנא 3671, געזעמל אָפּענהיים 8646) געפינט זיך אויך אַ ליד „פון איין שעפער דער זיין ווייב פר קויפט"; צו דעם דאָזיקן פאַסטעך קומען צוויי רוצחים און זאָגן: „מיין ליבר שעפר הער / קאָנשטו אונש ניט אן ווייזין / איין ווייב דש שוואנגר ווער / טרינק געלד וועלן מיר דיר געבן / דו בישט איין ארמיר מאן / מיר ברענגן דש ווייב אומס לעבן / אונ ברויכן דש קינד דר פון", און אין אַן אַנדער ליד דאָרט ווערט געבראַכט אַ מעשה מיט אַ ברודער און אַ שוועסטער, זי איז פון אים געלעגן געוואָרן און האָט דאָס קינד פאַרברענט און ער לאָזט זיך אין דער וועלט אַריין „ווייל איך קאָן איין זילכן זעגן / אונ דיא לייט צום שלאף ביוועגין / זי וויל איך ביקומן גוט אונ׳ געלט / אונ מנכין (אוצר) אין דער וועלט".[1]

[1] אין פוילישן גנבים־לשון הייסן שוועבעלעך 'kindke', kindkuch — האָס איז די עטימאָלאָגיע: קי׳ן, קינדל, אָדער קינד, קינדל?

ה

מיר קערן זיך צום סיפור פון י.ל. פרץ, כדי צו באַמערקן, אַז מיר האָבן דאָ אַ סליאַד פון שוואַרצער מאַגיע, וואָס איז אַנגעגאַנגען אין איראָפּע און אַז ער איז אַריבער אין דער יידישער אונטערוועלט. האָט אים דער ציצית־פּאָדעם באַדאַרפט בוטשים פאַריידישן, פונקט ווי עס האָט געטאָן דער פאַררוף אויפן פּסוק: „נפל אשת בל־חזו שמש" (תהלים נ"ח ט'). טייטש: ווי אַ מפּיל פון אַ ווייב זאָלן זיי נישט קיין זון; כביכול אַ נפל האָט דעם כוח אומזעעוודיק צו מאַכן. על־כל־פּנים, ווען גנבים פלעגן אָפּהאַלטן זייערע צוזאַמענקומען אויפן בית עולם, האָט מען זיי חושד געווען אַז זיי באַנוצן זיך מיט אַזעלכע ליכט. אַ שריד פון אַזאַ געזעמל פון גנבים, און דאָס אויפן וואַרשעווער בית־עולם, און צו כל נדרי, מיטן אַנטייל פון אורקע נאַכאַלניק, באַשרייבט דניאל טשאַרני אין זיינע זכרונות („אַ ליט־וואַק אין פּוילן", ניו־יאָרק, 1955, ז' 112—117), אָבער דאָרט לייכט בעיקר די לבנה.

אָבער י. ל. פּרץ, וואָס דערמאָנט, ווי מיר האָבן שוין געזען, דעם ענין ווי אַ גלויבעניש, אַ שמועה, ברענגט עס בפירוש ווי אַ מעשה שהיה, אַ פּראַקטיקע פון יידישע גנבים — אין זיין דראַמע „אַ קברות נאַכט". גיין דער יונג און זיין ליובקע, דעם קברנס טאָכטער, פאַרשאַרן זייערס אַ נפל'ע, און מיר הערן:

צווייטער גנב: — צו וועלכן קבר צוגיין? פּעטס אויפן חלב אין אַן אָדערל אויף אַ קנויט מוז מען נעמען פון אַ זינדיקן — — —

דריטער גנב: בעסער מיט אַ ליכט... געשמאַקער, דו זעסט — יענער נישט! — כ'קוק און לאַך...

צווייטער גנב: געפּרוווט?

דריטער גנב: אליין נאָך נישט! מענטשן זאָגן... כוועדקאָ זאָגט... מ'קוקט און מ'לאַכט, מ'נעמט און יענער שלאָפט.

ערשטער גנב (געפינט דאָס פּעקל, וואָס דער יונג האָט פאַרלוירן): אָט נאָך אַ כשרע מציאה — אַ געבענטשטע נאַכט (וויקלט אויף) אַ קינד!

צווייטער גנב: גוט! אוודאי אַ ממזרל...

דריטער גנב: און אַ בן הנידה... וואָס קאָן זיין זינדיקער?

ערשטער גנב (באַטראַכט דאָס קינד, באַטאַפּט עס): אָבער ווייניק פעטס.

וואָס עס וויל זיך באַמערקן איז, אַז פונקט ווי דער עיקר ביי גוישע גנבים איז געווען וואָס דאָס נפל'ע איז נאָך נישט געטויפט, איז ביי יידישע גנבים געווען

וואָס עס איז נאָך נישט געיידישט, און דער מלאך הברית האָט נאָך נישט קיין שליטה דערויף. דער ענין פון ממזר און בן הנידה איז אַ צוגאָב. לויט דעם פאָלק־גלויבן, וואָס גלחים האָבן געשטאַרקט, פלעגן די שדים און שדיכעס פון אָרט צו אָרט רייטן אויף קאָזעס, שטעקענס, אָטשערעט־ריירן, בעזעמעס, אָבער זיי מוזן זיך באַשמירן מיט פעטס פון קליינע קינדער, וואָס מען האָט דערוואָרגן, איידער מען האָט זיי געטויפט — אַזאַ פעטס איז אויך מסוגל אַראָפּצוברענגען אַ האָגל.

דער עצם ווילדער מנהג צו מאַכן ליכט פון מענטשלעכן חלב איז אין אונדזער צייט געוואָרן אַ פאַבריקאַט — אויב נישט ליכט איז זייף, ווי דאָס צעיור־שעטע דייטשלאַנד האָט עס געטאָן מיט דערהרגעטע יידן. אגב, זלמן שניאור, אין זיין פּאָעמע „ימי הביניים מתקרבים״ [= די טעג פון מיטלעלטער דערנענטערן זיך], האָט דעם באַני פונעם ווילדן מנהג פאַראויסגעזאָגט, כאָטש פון אַן אַנדערן, שוידערלעכן אַספּעקט:

חִדְלֵי־הָאִישִׁים הַטְּמֵאִים וַעֲצֵלִים כְּאַוְזֵי־הָרֶפֶת
אֲשֶׁר רָפָה אֶזְרוֹעָם מֵחֵלֶב וַיִּמַּס לְבָבָם בַּיַּיִן
מֵהַחֲזִיק בַּשֶּׁלַח וְלִירוֹת אֶל לֵב אוֹיֵב אַמִּיץ מִתְפָּרֵץ.
אֲשֶׁר לֹא יִצְלְחוּ כֻּלָּם כִּי אִם לַעֲשׂוֹת מֵחֶלְבָּם
אוֹרִים וְנֵרוֹת עַל קְבָרִים, עַל קִבְרֵי גִבּוֹרִים חָלָפוּ.

טייטש: די טמא שלימזניקעס, פויל ווי שטאַל־געגנדז, וואָס זייער אָרעם איז שלאַף פון צו פיל פעטס און דאָס האַרץ זייערס איז צעטאַיעט אין ווײַן, אַז זיי קענען נישט האַלטן קיין וואָפן און שיסן אין האַרצן פון אַ מוטיקן באַפאַלערישן פיינט, וואָס טויגן אַלע בלויז אויף צו מאַכן פון זייער חלב קאַנעצלעך און ליכט אויף קברים, קברים פון פאַרגאַנגענע העלדן.

פאַרשטייט זיך, אַז דער דרך צו ווערן אַ רואה־ואינו־נראה האָט נישט געמוזט פירן דורך דער שוואַרצער מאַגיע, עס איז אויך געווען אַ ווייסע מאַגיע — ביי יידן דורך קבלה, סיגופים, טבילות, פאַסטן, עיון תפילה וכדומה, וואָס עס איז באַקאַנט געוואָרן אויך אין דער נישט־יידישער וועלט. אַזוי, אַ שטייגער, שרייבט יאָזעף רעהרער („פערזוך איבער די יידישען בעוואָהנער אין דער עסטרייכישען מאָנאַרכיע, ווין, 1804): „אונזער ראַבבינער איזט איין גראָססער מאַנן, ער הערט אַללעס, וואָס אים הימעל געשפראָכען ווירד, אונד זיעהט אַללעס, וואָס אויף ערדען געשיעהט, אָהנע זעלבסט געזעהען צו ווערדען, רואה ואינו נראה״; און איינער וואָס חתמעט מיט גריכישע אותיות לעס (אפשר איגנאַץ ייטעלעס) האָט שוין באַוויזן (שולמית, 1808, באַנד 1, ז׳ 45), אַז רעהרער האָט עס, צוגלייך מיט

אַנדערע זאַכן, אָפּגעשריבן פון שלמה מיימונ׳ס לעבנס־זכרונות, ווו ער שרייבט איבערן מגיד פון מעזעריטש דעם גרויסן רבי ר׳ בער (VI, ז׳ 35): „בעזאָנדערס ער גאָב פאַר רואה ואינו נראה צו זיין, אַללעס צו זען אַבער זעלבסט פאָן אַנדערען ניכט געזעהען צו ווערדן״.

אָבער דאָס האָט שוין נישט צו טאָן מיט מעשה ציגיינער, כאָטש דער דובנער מגיד, ר׳ יעקב קראַנץ, ווען ער האָט געזען דעם מעזעריטשערס דרכים, זאָל ער האָבן געזאָגט: אַ פאַרקערטע וועלט, געוויינטלעך זינגען די ציגיינער און דער בער טאַנצט, דאָ זינגט דער בער און די ציגיינער טאַנצן (א.א. דרוינוב: ספר הבדיחה והחידוד, סי׳ 675).

25. צווישן תורה און לאָקשן

א

תורת לאָקשן, אָדער: תורת לאָקשן אמת, איז אַ באַקאַנטער, היפּש באַנוצטער זאָג. בערנשטיין־זעגל ברענגען, אין זייער אוצר, סי׳ 186, ווו דעם עיקר־נוסח: אמת, ווי תורת משה, וואָס באַזירט, פאַרשטייט זיך אויף משה אמת ותורתו אמת; און זע, אַ שטייגער, שמ״ר: „וויא איך בין אַ איד אַז דאָס איז טאַקע ווערטער פון אחכם. מיר האָבין געזעהען בעשאַנפּערליך אז דיא ווערטער זיינין להבדיל תורת משה״ („גנעסיע יחנה דיא מגידקע״, ווילנע, תר״נ, ז׳ 9). בערנשטיין־זעגל דערמאָנען בלויז אין דער הערה, אַז בדרך פּאַראָדיע זאָגט מען אויך: אמת ווי תורת לאָקשן, ווייטער באַסטאָמסקי ברענגט אין זיין געזעמל, סי׳ 3273, ווי אַ גרונטיקן זאָג: תורת לאָקשן (משה), און דער צד השווה איז, וואָס לויט ביידע קומט אויס, דאָס די פּאַראָדיע האָט פאַרביטן דאָס וואָרט משה אויפן וואָרט לאָקשן, וואָס איז געגוג משונה פאַר זיך, בפּרט נאָך, אַז עס נייגט־אָפּ פון דער ליניע פון קלאַנגענלעכקייט, וואָס ווערט אין אַזעלכע פאַרבייטן אָפּגעהיטן; דען מיר האָבן דאָ אפילו נישט דעם מינימאַלן אַסאָנאַנס־שיעור: משה לייענט זיך מוישע אָדער מעישע, ווייטער, דאָרט ווו עס לייענט זיך מאָושע, ווייסט מען נישט פון קיין לאָקשן, וואָס שטאַמט פון סלאַוויש. וויאַזוי עס גייט דער פאַרבייט, קענען מיר זען פון דוגמות, וואָס האָבן צו טאָן מיט תורה, אַ שטייגער ווערט תורה ציווה לנו פאַראָדירט אויף תורה ציבעלע, און אַז י. טשערניאַק האָט געבראַכט אין זיין געזעמל (ייִדישע שפּראַך, סי׳ 76) ווו תורה דאָרט איז חכמה, האָט יום טוב לעווינסקי (דאָרט, יוני 1964) אָנגעוויזן אויפן פּאַראָדישן ווילנער באַנוץ: ווו תורה

1) משה אמת ותורתו אמת — אַזוי האָבן, לויט דעם מדרש־אגדה, קורח מיט זיין עדה געשריגן, בשעת זיי זענען פּאָוואָליע איינגעשלינגען געוואָרן, און די ערד האָט זיי געוואָרגן. אָבער זע אַ פּאַראַפראַז ביי מענדעלע: „הייתי נבהל ואומר: יודע אני: רבי יעקב פינחס אמת ופירושו אמת״ (חגים וזמנים, חג האסיף).

דאָרט איז קראַכמאַל, און מיר ווילן דערצו באַמערקן, אַז עס שטעקט דאָ, חוץ דעם גראַם: חכמה — קראַכמאַ (= ל), אויך דער ענין: אם אין קמח אין תורה, אין אַ פאַר־קערטן סדר און אין פּאָזיטיוון זינען: וואו תורה דאָרט איז (קראַכ)מעל, און אפשר האָט דער פּאַראַדיסט טאַקע געוווסט דעם אָפּשטאַם פון וואָרט: קראַפּטמעל.

ב

האָט מען זיך טאַקע געחידושט אויפן פּאַרבײַט: משה — לאָקשן, וואָס בלײַבט אַ חידוש, אַפילו ווען מיר פאַרגעסן נישט, אַז לאָקשן איז אַ מיוחסדיקער, בעיקר שבתדיקער מאכל, אַ סימן דער זאָג איבער איינעם, וואָס איז אַרײַן מיט דער וואָך אין אַ שטיק־שבת, בערנשטיין־זעגאל, סי׳ 1001: ער איז געקומען מיטן דישעל אין די לאָקשן אַרײַן, און עס דאַרף נישט וווּנדערן, אַז מען האָט געפּרוווט עפּעס אַראָפּלערנען פון אַן אַנדערן, אויך געבונג פאַרשפּרייטן זאָג: לאָקשן־קודש, וואָס איז, גרייליך, אַ פאַרקרים פון לשון־קודש און האָט זיך מסתמא אויסגעפּורעמט, ווו לשון ווערט אַרויסגערעדט לאָשן, און האָט זיך דערום בילכער געקענט גראַמען מיט לאָקשן. קאַדיע מאָלאָדאָווסקי ברענגט אַ קרענצל פאָלקס־זאָגן און צווישן זיי: מאָווע מאָווע לאָקשן שטאָט: מאָווע מאָווע לשון; לאָקשן קודש שטאָט לשון קודש („סביבה", יולי אויגוסט 1943, ז׳ 63).

האָט זיך טאַקע איינער אָנגעפרעגט, אויב תורת לאָקשן מיינט טאַקע תורת־לשון, האָט אים דערויף יודל מאַרק געענטפערט (יידישע שפּראַך, דעצעמבער 1962), אַז דער אויספיר האָט נישט קיין האַפט, ווייל תורת־לאָקשן קער זיך נישט אָן נישט מיט לשון־קודש און נישט מיט דקדוק. עס מיינט אַ תורה, וואָס איז אין תוך קיין תורה נישט און קיין חכמה נישט, און איז אויך נישט קיין פאַררוף אויף אויטאָריטעט. ער האַלט גיכער, אַז תורת־לאָקשן איז אַ קאָנסטרוקציע, ענלעך צו ספר פּראַלניק; וואָס ווייטער שייך לאָקשן־קודש איז עס אַ רעלאַטיוו נייער זאָג, וואָס איז געווענדט קעגן די ערשטע חובבי שפת־עבר, די שפה־ברורהניקעס.

וויל איך מיר דערלויבן קודם־כל צו באַמערקן, אַז איך בין גאָרנישט זיכער אין יונגן עלטער פון לאָקשן־קודש, און האַלט עס אַ קאָפּ עלטער פון די שפה־ברורהניקעס, ווייל עס איז אָנגעגאַנגען אין קרייזן, וואָס האָבן נישט געוווסט פון זיי אָדער האָבן נישט געהאַט קיין אינטערעס פון זיי אָפּצוחוזקן. נאָך מער, אויב מײַן זיידע פלעגט צו זאָגן: ווען גאָט וויל שטראָפן אַן עם־הארץ, שיקט ער אים אַ לאָקשן־קודש וואָרט אין מויל אַרײַן, דאָס הייסט: אויב ער איז נישט נאָכגע־גאַנגען דעם, ווייזט אויס, מער פּאָפּולאַרן נוסח, ווו עס רעדט זיך פון אַ לשון־קודש־

וואָרט, האָט ער דעם פּאַראַדיסטישן פאַרבייט מסתמא געהאַט פון זיין טאַטן און זיידן, און זיי האָבן זיך גיכער געקענט מתכוון זיין צום מנהג שבת צו רעדן לשון־קודש, וואָס האָט זיך, אין קריטישן זאָג, לייכט אַסאָציירט מיט לאָקשן, וואָס זענען אַריין אין די שבת־ווערטלעך, ווי עס ברענגען בערנשטיין־זעגאַל, סי' 1481: אַ סך זמירות און ווייניג לאָקשען, וואָס באַצייכנט אַן אָרעמע סעודה, אָדער ס' 1967: עס נישט די לאָקשען פאַר שבת, וואָס ווינקט אויך אָן, ווי ווייט מען איז פּאַכאַפּנע אויף דעם מאכל. הייסט עס דאָך, איבער איינעם וואָס איילט זיך, אַז ער שלינגט הייסע לאָקשן. זע, אַ שטייגער, מרדכי ספּעקטאָר: „איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס מען זאָל עס נישט וועלן דרוקען? דאַכט זיך, עס איז אַזוי גוט... איך קען דיר גיין שווערן, אַז מען וועט עס אויסכאַפּן, ווי הייסע לאָקשען" (טרייטל, וואַרשע, 1928, ז' 113), אַהער געהער אויך אַריין דער זאָג, ווי מיר האָבן ביי י.י. טרונק: „מירן נישט כאַפּן די לאָקשן פאַר דער יויך און בעסער — — דערציילן, וואָס די — — יידן — — האָבן געשריבן אין זייערע זכרונות" („סימכע פלאכטע", 1951, ז' 260) אָדער דאָס ווערטל: די זמירות וועלן ניט קאַלט ווערן, פון וועלכן עס הערט זיך דער היפוך, אַז די לאָקשן וועלן יאָ קאַלט ווערן.

צוריקקומענדיק צו לאָקשן־קודש וויל איך באַמערקן, דאָס איך גיי אפילו אַזוי ווייט, אַז ווען מלך ראַוויטש האָט, 1919, אין אַ בפירוש אַנטי־שפה־ברורה־פּראָקלאַמאַציע געזאָגט: „באַלאַנגען באַלאַנג איך צו דעם עם־הארץ, שרייבן קען איך נישט קיין לאָקשן־קודש" (לויטן נוסח אין „לידער פון מיינע לידער", 1954, ז' 144 און זע וואָס ער שרייבט דעריבער אין דער הקדמה), דערוועג איך מיך אָנצונעמען, אַז עס האָט ביי אים, לפּחות בלא־יודעים, מיטגעשפּילט אַ רעמיניסצענציע פון יענעם זאָג, און דווקא אין מיין זיידנס נוסח.

ג

איך האָב מיך לענגער אָפּגעשטעלט איבערן ענין פון לאָקשן־קודש, ווייל איך האַלט, אַז עס האָט אַ שייכות צו שבת־קודש, און באַטייט גרונטיק שבתדיקע לאָקשן. וואָס שייך תורת לאָקשן דוכט זיך מיר, אַז עס האָט אפשר גרונטיק צו טאָן מיטן דין פון דעם מאכל, וואָס, ווי מרדכי קאָסאָווער באַווייזט אין זיין בוך („יידישע מאכלים", 1958, ז' 61—70), געהער צו די עלטסטע מאכלים פון מעל אין דער יידישער קיך און האָט, פאַר דער באַגעגעניש מיט סלאַוויש, געהאַט אַן אַנדערן נאָמען. אגב, דערמאָנט ער דאָרט (ז' 61, הערה 123), אַז רבנו תם פּסקנט, אַז איבער גרימזל"י [= לאָקשן] מאַכט מען נישט המוציא דלית ביה

תוריתא דנהמא [= ווייל עס האָט נישט קיין צורה פון קיין ברויט], ווילט זיך באַמערקן, אַז עס האָט זיך געקאָנט אויספורעמען אַ שטיפערישע דעפיניציע: תוריתא דלאָקשן, און דאָס וואָרט תוריתא וואָס זיין שורש איז תואר, האָט זיך, ווידעראַמאָל שטיפעריש, געהאַלטן, גלייך עס שטאַמט פון תורה.

אגב, וועגן דעם אויסלייג פונעם אל״ף אין וואָרט תאר זע דברי הימים י״ז, י״ז אין תהלים מזמור קנ״א נוסח מגילות מדבר יהודה: יצאו אחי לקראתו, יפי התור ויפי המראה. אָבער אויב שוין שטיפערייען, בין איך נישט פטור צו באַמערקן, אַז יינגלווייז האָב איך מיך, אין מיין געבוירנשטאָט, אָנגעהערט אַ גוזמה השערות פון היימישע כמו־פילאָלאָגן (דער עולם האָט זיי גערופן: די פרייע קעפּ) בנוגע תורת לאָקשן, און איך וועל איצט בלויז דערמאָנען: תורת לאָקעטש [= עלנבויגן, אייל־מאָס], תורת לעקיש, וואָס זענען נישט מער ווי אויסגעקליגלטע דריידלעך; ווי אויך תורת לאַגאַס, וואָס איז נישט מער ווי אַ משכיליש פשט׳ל. מסתמא זענען עֶרגעץ אַנדערש געווען אַנדערע שפּילערייען, על־כל־פנים איז קלאָר דערפון, אַז אונדזער זאָג האָט נישט געלאָזט רוען.

אליעזר שטיינבאַרג מאַכט אונדזער ווערטל אַ משל, ווו ביידע קאָמפּאָנענטן, די תורה און די לאָקשן גיסן זיך שפּילעריש צוזאַמען (משלים, באַנד 2, תשט״ז, ז׳ 60):

שאַ, דאָס מעסער בראַקט שוין
תורת לאָקשן:
שניידט ווי אַ בר־סמכא, ווי דער לעצטער פּוסק.
זאָגט, דאָס לעבן וואָס? מאַכט ניט חוזק!
ס׳איז אַ בלעטל לאָקשן, איך אין אים עוסק.

לויט בראַקן לאָקשן האָט דאָס פאַלקסמויל בראַקן תורה, דאָס מעסער שניידט און איז אַ פּוסק, אָבער פּונקט ווי חתוך מיינט שניידן אַזוי מיינט עס פּסקענען און דאָס לשון גייט: חיתוך הדין, ווייטער דער שורש פסק הייסט גרונטיק אָפּהאַקן („פסיק רישיה ולא ימות״) און פון אונטער דעם בלעטל לאָקשן קאָקעטירט דאָ דאָס בלעטל גמרא. אָט, אַ חן פון אַ ממשל.

ד

אָבער כדי יוצא צו זיין אין ענין משה—לאָקשן, דאַרף מען געדענקען, אַז דער באַנוץ מיטן נאָמען משה איז נישט תמיד רעספּעקטאַבל. ווער עס האָט קינדווייז געלערנט כללי־דקדוק, האָט זיך נישט געקאָנט אַרויסבאַפרייען פון

אַ געפּיל פון געפּלעפּטקייט, הערנדיק, אַז די מדקדקים האָבן די אותיות השימוש אויסגעסדרט דווקא אין אַ נוטריקון: מ׳ש׳ה א׳י׳ת׳ן ו׳כ׳ל׳ב. און נישט אַ סך געשמאַקער זענען ייִנגערע גימטריות, ווי, אַ שטייגער, אַז מ׳ש׳ה איז גאַר אַ נוטרי־קון פון דריי מיוחסדיקע משפחות: מ׳רגליות, ש׳פּירא, ה׳אָרוויץ. אָבער ווי איך האָב געהערט פון ר׳ מאיר חארטינער האָט זיך דאָס פאָלק אָפּגערעכנט מיט דער דאָזיקער האָפּערדיקייט און געזאָגט, אַז יעדער מרגליות איז אַ לייט, טרעפט זיך אָבער צווישן זיי אַן אומלייט, איז ער מסתמא אַ ממזר, יעדער שפּירא איז אַ קלוגער, טרעפט זיך אָבער צווישן זיי אַ נאַר, איז ער מסתמא אַ ממזר, יעדער האָרוויץ איז אַ נאַר, טרעפט זיך אָבער צווישן זיי אַ חכם, איז ער מסתמא אַ ממזר. און דאָ גייט ווייטער אַ נוטריקון א׳מ׳ת = א׳דם [= אַ לייט], מ׳חוכם [= אַ קלו־גער], ת׳ם [= אַ נאַר].

אודאי לאָזן זיך פאַרצייכענען פּאָזיטיווע, אָדער, לפּחות, נייטראַלע באַנוצן, ווי אַ שטייגער משה טרוד (וואָס הרב י. ל. אבידע האָט זיך דערויף אָפּגעשטעלט און דערקלערט), משה תקיף, משה מחויב, וואָס זאָל גאָר זיין אַ מעטאַאַנאַליטיש שפּיל: כמו שמחויב, און ווערט אָבער אויך געטייטשט מה שמחויב, משהו־מחויב, זע אַ שטייגער ר׳ בנימין: „כותב הטורים האלה הוא משהו־מחויב בזה״ (במישור, כ״ו אלול תש״ו), „אף לא ראה את עצמו משהו־מחויב לדאוג לקורת רוחו של הקורא הבינוני״ (בעיות הזמן, ט״ו אב תש״ח). אָבער דאָס לעצטע ביסל יראת הכבוד וועפּט זיך אויס אין ווערטלעך ווי משה גולם (אַ שטאָט־אפּיקורס האָט אפילו אויסגעקליגלט אַז אַזוי האָט יהושע מכבד געווען משה רבנו, ווען ער האָט אים געזאָגט משה כלאם גלייך ווי די כ״ף וואָלט באַדאַרפט צו זיין נישט מיט אַ שווא נאַר מיט אַ קמץ און די למ״ד נישט מיט אַ קמץ נאַר מיט אַ שווא), משה קאַפּויער (אין די בריוו פון ר׳ נתן דעם בראַסלאַווערס סופר רעדט זיך וועגן משה מהופך); אָדער משה מאַך דיך גרויס, אָדער בקיצור: משה גרויס, וואָס שייך ווייטער מאַשקע ווי אַ נאָמען פון אַן אונטערלעקער איז מסתמא דער פּאַטענט פון באַנוץ אַ פּויליש־פּריצישער, ווי עס גייט דאָס ווערטל: יעדער פּריץ האָט זיך זיין מאַשקע, און אין גאַליציע האָט מען די ייִדיש־אסימילאַטאָרישע פּאַרטיי אין אירע אָנהעגנער גערופן: די מאַשקעס; זע, אַ שטייגער ד״ר משולם שמחה: „אָבער צום ערשטן מאָל האָבן די קאָסעווער ייִדן, אַ חוץ אַ ביסל „מאַשקעס״, נאָכלויפערס אַרויסגעוויזן פּאָליטישן מוט און זיך נישט געשראָקן פאַרן באַצירקס־הויפּטמאַן מיט זיינע באַוואָפנעטע זשאַנדאַרן, מיטן וואָכמייסטער בייז איז דער שפּיץ״ (ספר קוסוב, תשכ״ד, ז׳ 69), אָדער: „די מאַכט האָט ווידער אָנגעווענדעט אַלע טעראָר־און שטראָף־מיטלען, און דאָס ביסל „מאַשקעס״ אין שטאָט־תקיפים האָבן, ווי זיי

האָבן נאָר געקאָנט, אונטערגעשטעלט אונדז אַ פוס" (דאָרט, ז' 71). שוין אָפּגע־שמועסט פונעם ווערטל, וואָס עס ברענגען בערנשטיין־זעגל, סי' 2767: אַלץ איינס משה פאַרך. נישט איבעריק סימפּאַטיש איז אויך אַן אַנדער ווערטל, דאָרט, סי' 2821: ער האָט אַ פּנים ווי משה גרונים, מיטן באַמערק, אַז אַזוי זאָגט מען אין פּוילן אויף אַ מיאוסן מענטשן. דאָס ווערטל איז מסתמא אַלט, על כל פּנים איז עס אַ מערב־יידישער גראַם: gronem — ponem, ווייל אין ליטע קלינגט דער נאָמען גרעינעם, אין פּוילן ווייטער גרוינעם, אוןביידע גראַמען זיך נישט מיט פּנים, סיי מען לייענט עס פּאָנעם סיי מען לייענט עס פּונעם. און דאָס ווערטל איז דאָך פאַרשפּרייט אין כלערליי קאַנטן, זע דעם ווילנער א. מ. דיק: „ער האָט אויס גזעהן דאַמאָלס זייער שרעקליך, ער האָט דאַן גהאַט אַפּנים ווי ר' משה גרונים" (ר' שמאיע דער גוט יום טוב ביטער, וואַרשע, 1860, ז' 48) און דעם נעמיראָווער ישראל אַקסנפעלד: „די קבצנישע ווייבער האָבן אַטאַקע אַן אַ שטערנטיכל אַ פּנים ווי משה גראָנעם" (דאָס שטערנטיכל, אויסגאַב מאיר ווינער, מאָסקווע, 1938 ז' 55).

ביי אַזאַ דעגראַדאַציע פון נאָמען, איז כמעט קיין חידוש נישט, אַז עס האָט געקאָנט אויפקומען אַ בלאַספעמיע ווי תורת מושב [= קויט, שמוץ] מיט אַ סמי־טשעק פון ניבול־פּה: תורת לאָקוס, אַ מין היפּער־חוזק פון אונדזער זאַג.

ה

און צולעצט צוויי הערות. די ערשטע הערה וועגן משה — לאָקשן — ווילט זיך דערמאָנען דער זאָג: אַז משה וויל לאָקשן גיב אים נישט קיין מזוזות. אין מיין בוך קערת צימוקים, סי' 551, ברענג איך, אַז אַב. קאַהן פּלעג זיך דערמיט באַנוצן, אויף אָפּצוענטפערן די וואָס האָבן געהאַט בעסערע אַספּיראַציעס צום „פאָרווערטס". דער זאָג גייט אָבער פון אַן אַנדערן זאָג: אַז משה וויל לאָקשן, זינג אים נישט קיין זמירות, קאָנסטרויִרט לויט: ער מיינט נישט די זמירות, ער מיינט די לאָקשן, וואָס גייט ווידער אויפן שניט: ער מיינט נישט די הגדה, ער מיינט די קניידלעך.

די אַנדערע הערה: לאָקשן ווייזן זיך ווי אַ נאָכקרום פון קודש, און בעיקר פון קדשו, אַזוי אַז תורת לאָקשן איז גיכער אַ פּאַראָדיע פון תורת קודש, און בעיקר פון תורת קדשו. און אַ חיזוק פאַר אַזאַ השערה האָבן מיר אין ווערטל, וואָס עס ברענגען בערנשטיין־זעגל, סי' 1735: טענו בחטין, והודה לו בקלײסקעס, און באַמערקט אַז עס איז אַ פּאַראָדיע אויף: טענו בחטים והודו לו בשעורין (בבא קמא, ל"ה ע"ב), אָבער עס איז נישט די איינציקע פּאַראָדיע, י. ח. טביוב סי' ברענגט:

טענו בחטים והודו לו בשור הנסקל, ווי אויך: טענו בחטים והודה לו בפריה ורביה, אַלץ אומגעלומפּערטע מאַניפּולאַציעס, אַז מען פאַרגלייכט זיי צו דעם נוסח פון אַ שדכן: טענו בחיתון והודו בזכר קדשו. עס האָט אַ טאָפּלשפּיץ, ערשטנס ווערט חטין [= ווייץ] פאַרביטן אויף חיתון [= שידוך, חתונה], און דאָס וואָרט והודו מלשון מודה זיין ווערט אויסגעטייטשט ווי והודו מלשון דאַנקען, מכוח אַ באַנוץ פון פּסוק: שמחו צדיקים בה׳ והודו לזכר קדשו, וואָס גייט אַריין אין דאַוונען, און דער שינוי פון הודו לזכר [= לויבטס] אויף הודו בזכר [= זיי זענען מודה] איז אַ שפּיצל פאַר זיך. דאָס פאַלקסמויל האָט געהאַט אַן אַנדערן נוסח: טענו בחיטים [=אויך: בפיטום) והודו [לו] בלאָקשן, אַזוי אַז דער גראַם: קדשו און לאָקשן איז קלאָרער ווי קלאָר, און מעגלעך אַז דאָ האָבן מיר דעם שליסל צו אונדזער גאַנצן שפּיל.

אגב, וועגן ענין לאָקש האָב איך מיך שוין פּרטימדיק אָפּגעשטעלט אין מיין בוך („יריד השעשועים״, 1964, ז׳ 84—85), און וויל איצט בלויז צוגעבן אַ דוגמה צו דער דעפיניציע פון וואָרט אין זינען פון אַ לאַנגער און שמאָלער זאַך — י. ל. פרץ: „האָט זיך אַמאָל באַוויזן אַ המן הרשע, אַ צורר היהודים, איז געווען אַ רפואה צו דער מכה: אַ לייב שרה׳ס מיטן קניפּיקל, וואָס האָט פון אים לאָקשן געשניטן״ (ליטעראַטור און לעבן, אַלע ווערק, 1947, באַנד 7, ז׳ 73).

26. צווישן מומע און שטיין

א.

מען מעג אים געטרויען די מומע — איז געווען אַ מין שבח פֿאַר איינעם, וואָס איז געווען אַ בטוח, אַ מהימן, סיי געשעפֿטלעך, סיי מאָראַליש, אָבער דער זאָג איז לרוב געווען אַן איראָנישער, אַזוי אַז מען האָט אים שוין באַנוצט מיט אַ היפּוכדיקן מיין. ער האָט אויך געהאַט אַ לאָקאַלן, כּמעט רעגיאָנאַלן ניואַנס: מען מעג אים געטרויען די פּיטשאַיעווער מומע, ווו עס איז ממילא בולטער, ווי אין קירצערן נוסח, אַז דאָס מיינט מען נישט אַ מומע סתם, נאָר די הייליקע יונגפֿרוי מאַריע, די באָזשי מאַטיער, די מאַטקע באָסקע, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף אַ באַרג אין וואַלין און איבערגעלאָזט אַ סליאַד פֿון איר פֿוס אויף אַ סקאַלע, און צוליב דעם איז דאָס וואַסער, וואָס פֿליסט פֿון איר אַרויס, מסוגל געוואָרן צו היילן קראַנקע, און ממילא איז דאָ אויפֿגעבויט געוואָרן אַ מאָנאַסטיר, און אַרום אים איז אויפֿגעשטאַנען דאָס שטעטל פּיטשאַיעוו. אין דער פּראַוואָסלאַוונער וועלט איז דאָס אָרט פֿאַרהייליקט („די הייליקע לאַווורע״) און האָט געצויגן יאָר־יערלעך מאַסן פּילגרימס, פֿון די נאָענטע און ווייטע גובערניעס, און דאָס שטעטל, כּמעט כּולו יידן, האָט געהאַט דערפֿון פּרנסה. ווער עס וויל פּרטים דאַריבער, קען זיי לייענען אין פּיטשאַיעווער יזכור־בוך, וואָס איז אַרויס אין פֿילאַדעלפֿיע (1960), בעיקר אין די אַרבעטן פֿון פֿיליפּ קראַנץ, יעקב שאַצקי, חנא זאַלץ, ח. געלערנט, און עקיבא אָרזשעך — עס איז אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל.

ב.

אָבער מיר קערן צוריק צו אונדזער ווערטל, כּדי צו באַמערקן, אַז פּונקט, ווי עס האָט אין ערנצטן באַנוץ געמיינט אַן ערלעכן, קראַנטנעם, באַגלויבטן

מענטשן, און אין איראָנישן באַנוץ אַ שווינדלער, אַן אָפּנאַרער, אַזוי האָט זיין קאָנקורענט, וואָס איז אפשר פון אים אַרויסגעוואַקסן: מען מעג אים געבן צו טראָגן די מומע, זיך גאָר מתכוון געווען צו אַ שלימזלניק, אַ גולם, וואָס נישט ער האָט צו עפּעס געטויגט און נישט ער האָט געהאַט שכל צו טויגן. דאָס איז בעיקר געווען דער סטערעאָטיפּער ענטפער פון אַ סוחר וועגן אַ ייִנגל, וואָס האָט אומזיסט געפּרוווט זיין אַ משרת („אַ קאָמי״). אויך דאָ איז געווען אַ לאָקאַלער, כמעט רעגיאָנאַלער, ניואַנס: מען מעג אים געבן צו טראָגן די פּידקאַמיניער מומע. דאָ מיינט מען ווידער די הייליקע מאַריע, די מאַטקע באָסקע אין אַלטן פּידקאַמיענער דאָמיניקאַנער קלויסטער — דאָס בילד אירס דאָ האָט מען געקרוינט אין יאָר 1727 — און זי איז געווען אַ שם־דבר פאַר היילן קראַנקע, אַ שטייגער זעעוודיק מאַכן בלינדע, אַזוי אַז דער קאַטוילישער אָדפּוסט אין פּידקאַמין, וואָס איז געווען פון דער זייט גרענעץ, און דער פּראַוואָסלאַווער אָדפּוסט אין פּיטשאַיעוו, וואָס איז געווען פון יענער זייט גרענעץ, זענען געווען צוויי געאָגראַפיש גאָר באַענטע קאָנקורענטן.

אָבער וואָס שייך פּידקאַמין און איר מומע, האָט זי אויך פיגורירט אין אַן אַנדער ווערטל: די פּידקאַמיניער מומע מאַכט געלט פון דער ברונע — דאָס מיינט מען דעם ברונעם, וואָס מען האָט דאָרט געגראָבן, אין אַ הייל אונטער דער ערד, אויפן אָרט, ווו אַ בושל האָט דריי מאָל מיטן שנאָבל אַ פּיק געטאָן, ביז זי האָט זיך, נאָך אַכצן יאָר אַרבעט, אַנטפּלעקט מיט גרויסע נסים, אין טאָג פון הייליקן קלעמענס אין 1690 און איז באַרימט אַלס studnia dominikańska, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין כמה וכמה פּוילישע ווערטלעך. (זע דאַריבער יוליאַן קזשיזשאַנאָווסקיס בוך איבער פּוילישע ווערטלעך Mądrej głowie, etc. וואַרשע, 1960, באַנד 2, ז' 236—237) ווייטער אין ווערטערבוך פון פּוילישן פאָלקלאָר ברענגט ער: Dobrze mu jak psu w dominikańskiej studni [= עס איז אים גוט ווי אַ הונט אינעם דאָמיניקאַנישן ברונעם], און ענלעכע ווערטלעך, און קווענקלט זיך אויב אַלע לאָזן זיך דערקלערן מיט יענעם פּידקאַמיניער נס).

ג

וואָס שייך צום וואָרט מומע, ווי אַ באַצייכן פאַר דער הייליקער מאַריע, איז זי אין יידיש אַלגעמיין, און איז גריילעך נישט פּאָרטראַכט לשבח. כאָטש גרונטיק הייסט עס דעם טאַטנס אָדער דער מאַמעס שוועסטער; דייטשיש ווייטער הייסט Muhme סיי דעם טאַטנס אָדער דער מאַמעס שוועסטער, סיי זייער שוועסטערס

אָדער ברודערס טאָכטער; און כדי צו פאַרמיידן אַ פאַרבײַט, רופֿט זיך בדרך כלל די ערשטע Tante און די אַנדערע Base. אָבער Muhme האָט אויך אַנדערע, נישט איבעריק סימפּאַטישע באַטײַטן, אַזוי ווערט די שלאַנג, וואָס האָט איבערגערעדט חוה׳ן אָנגערופֿן: די מומע פֿונעם שטן, און פּונקט ווי מאַרטין לוטער רעדט וועגן דעם פֿאַרפֿירערישן קול פֿון דער גלאַטער שטנס־מומע, אַזוי רעדט גאָטע וועגן מעפֿיסטאָפֿעלס מומע, דער שלאַנג. אגב, בנימין גאַלאַי אין אַ סאַטיריש לידל איבערן איבערזעצער („המתורגמן״, מעריב ח׳ טבת תשכ״ו), וואָס זאָגט, אַז ער קען אַלע שבעים לשון: „ואין צריך לומר שומע גלית / פּרובנסית, קלטית, וולשית — כפשוטן — / ואף את לשון הבסקים המגלגלת / בפי אמו זקנתו של השטן״. טײַטש: שוין אָפּגערעדט דערפֿון, אַז ער קען גאַליש, פּראָוואַנסיש, וועלשיש ממש, און אויך באַסקיש וואָס אין איר שמועסט די באָבע פֿונעם שטן. Muhme איז אויך געווען איינס פֿון די דעק־ווערטער פֿון אַ נפֿקא, און אַ נפֿקא־הײַזל האָט אויך געהייסן Muhmenhaus און אין ייִדיש הייסט, כמעט עד היום, די בעל־ביתטע פֿון אַזאַ הײַזל [= בייזל] די מומע, פּויליש ciocia, און אַזוי דערציילט אונדז לייבל ראָכמאַן וועגן דער פֿרוי, וואָס האָט אים אָפּגעראַטעוועט, אַז זי איז געווען אַ הפקרניצע און די פּויערים האָבן זי גערופֿן ciotka (און ער רופֿט אויך אַזוי אָן דעם הספּד איבער איר „הדודה״, דבר, כ״ד שבט תשכ״ב). אגב, די פּוילישע פּויערים ווייטער האָבן גערופֿן ciotka = אַ ראָב, ciotucha = קדחת; ciota אָדער czota = טײַוועל־ניצע, אַ שדיכע וואָס פֿאַרפּלעכט אַ קאָלטן וכדומה.

אין דעם קאָלעמוטנעם ייחוס־בריוו געהער אויך אַרײַן דער באַהאַנדלטער ענין, כּיבֿאַי מיר זאָלן זיך אָווועקלאָזן זוכן עפּעס אַ שײַכות מיטן וואָרט Mumme, וואָס הייסט אַ מאַשקאַרע, ווי אויך איינער וואָס טראָגט אַ מאַשקאַרע, אַ פֿאַר־שטעלטער. אַזוי ווי דאָס איז אָבער גאָר מסופּקדיק, וועלן מיר גיכער אָנווײַזן וואָס איז אפֿשר זיכערער, אַז עס האָט אַ שײַכות צום ווערטל: ער גייט נאָך ווי אַ גלח דער מומען, וואָס האָט אַ טאָפּל־באַטײַט, איינעם אַז דער גלח גייט נאָך דעם בילד פֿון דער הייליקער מאַריע; אָן אַנדערן, אַז ער, און די כּוונה איז צום קאַטוילישן גלח, איז צו אינטים מיט דער ווערטין זײַנער, וואָס ייִדן רופֿן זי מומע (פֿאַראַן דאַריבער ביי ש״י עגנון). אגב, קאַרל עמיל פֿראַנצאָז ברענגט אין זײַן בוך פֿון דער נסיעה זײַנער איבער אַנהאַלט און טירינגען (1903, ז׳ 306) דאָס ווערטל וואָס ער האָט געהערט אין שוואַרצוואַלד: wie der Mönch hinter der Nonne [= ווי דער מאָנאַך נאָך דער מאָנאַשקע], און באַמערקט, אַז אַזוי זאָגן די סלאַוון, אָבער עס איז משונהדיק, אַזוינס צו הערן אין אַ סבֿיבֿה, וווּ עס זענען שוין פֿיר הונדערט יאָר קיין מאָנאַסטירן נישטאָ. עס דאַכט זיך, אַז אַהער געהער אויך דאָס

ווערטל: אַ מומע אָן אַ נאָז איז אויך אַ מומע, אַזוי אַז די כוונה איז צו אַ הילצער־נער, שטיינערנער (אָדער גיפּסענער) מאַריע־פיגור, ביי וועלכער עס איז געשעדיקט די נאָז. דאָס וויל נישט הייסן, אַז דאָס ווערטל פאַרמאָגט נישט דעם אַלגעמיינערן, אַנגענומענעם באַטייט, ווי מיר האָבן אים אויך אין אַ פּאָזיטיוון נוסח — זע, אַ שטייגער, שלום עליכם וועגן איינעם, וואָס דערציילט בנוגע די יידן פון יענער זייט סמבטיון, און גיט סימנים: „אַ סימן, די מוהמע איז מיט אַ נאָז״ (די רויטע אידלעך, כתבים, ניו־יאָרק 1944, ז׳ 73).

על כל פנים געהערן אין דעם רייסטער אַריין שטיפערישע באַנוצן ווי: פאַרוואָס הייסט אַ מומר מומר, ווייל ער גייט נאָך דער מומע, אָדער: ער מאַכט זיך מומעוואַטע, וואָס איז אפשר אַ חוזק אויף דער אָרדן פון מאַריאַוויטן און מאַריאַוויטקעס (הייסן אַזוי לויטן Mariae vita = מאַריעס לעבן), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן, כדי אָפּצושמדן יידן, און האָט טאַקע פיל הונדערטער אָפּגעשמדט.

ד

דער זאָג: מען מעג אים לאָזן [= אָדער: געבן] טראָגן די מומע — האָט אויך געהאַט אַן אַנדערן נוסח: מען מעג אים לאָזן היטן די מומע, און דאָ איז נאָך געווען אַ בייסיקער צולאָג: וועט מען זי אויך צוגנבענען. דער נוסח איז אַ פּראָבלעמאַטישער — די מאַריע־בילדער אין די קלויסטערס זענען געווען טייער, און אויך באַפּוצט מיט גאָלד און ווערטיקע שטיינער, אַזוי אַז זיי האָבן באמת באַדאַרפט צו האָבן און געהאַט אַ לייטישע שמירה. אָבער ווי עס ווייזט אויס, איז דער נוסח געקומען פון אַ פאַרמיש מיט אַן אַנדערן זאָג: מעגסט אים לאָזן היטן א מת, וואָס האָט געהאַט אַן איראָנישן צולאָג: וועט מען אים אויך צוגנבענען, און אַפילו אַן איראָנישערן: וועט מען זיי ביידע צוגנבענען, וועסטו פאַרשפּאָרן אי שמירה־געלט אי קבורה־געלט. און וועגן ענין פון אַ פרנסה פון היטן מתים דערציילט ראובן בריינין, אין זיינע זכרונות וועגן אַ באַגעגעניש מיטן נאַאיוון רעליגיע־שווערמער משה שווערדשאַרף פון קאַלאַמיי (אויך שלמה ביקל האָט אים באַשריבן), וואָס האָט זיך געבעטן אַ שטיקל פרנסה אין בערלין, און אַז מען האָט געפרעגט, וואָס אַ שטייגער, האָט ער געענטפערט („אחד הגואלים״, התורן י״ז חשון תרע״ח): „הן לא משרה בין החיים אני מבקש, כי אם בין המתים, ואת המתים אוכל לשמור, מסוגל אנכי לזה... אילו היו מפקידים אותי לשמור את אוצר הכסף, אז היה מקום לחשוש, שמא יגנבו מידי, וגם אני בעצמי הייתי ירא... ובכלל לא הייתי מקבל עלי משרה כזו בעד כל הון שבעולם — — — הן המתים גם לא יברחו ממני.

שומר לראש אנשים חיים לא הייתי יכול להיות, יען כי חלש אני, ובכלל לא הייתי רוצה לשלול את החופש משום בריה חיה, אבל המתים לא לבד שלא יתפרצו מפני, כי־אם גם לא יבוזו ולא ילעגו לבגדי ולשפתי הנלעגה, כי הלא אין כל צורך לדבר עמהם. לכן היה־נא למליץ ביני ובין גבאי „החברה קדישא" בברלין... בבתי־הקברות של ווינה כבר ישנם שומרים למדי, ואני לא אסיג, חלילה, גבול אחרים". טייטש: איך פאַרלאַנג דאָך נישט קיין פּאָסטן צווישן די לעבעדיקע, נאָר צווישן די טויטע, און די מתים וועל איך קאָנען היטן, איך בין פּעאיק דערצו. מען זאָל מיר איבערגעבן צו היטן דעם געלט־אוצר, וואָלט מען געקאָנט מורא האָבן, אפשר וועט מען אים ביי מיר אַוועקגנבֿענען, איך אַליין וואָלט מורא געהאַט. און בכלל, וואָלט איך אַזאַ פּאָסטן פאַר כל הגעלט פון דער וועלט נישט אָנגענומען. און די מתים וועלן דאָך פון מיר נישט אַנטלויפן. היטן לעבעדיקע וואָלט איך נישט בכוח געווען, ווייל איך בין שוואַך, און בכלל גלוסט זיך מיר נישט ביי קיין שום לעבעדיק באַשעפעניש צוצונעמען זיין פרייקייט, אָבער די מתים נישט בלויז וואָס זיי וועלן זיך מיר נישט אַנטקעגנשטעלן, נאָר זיי וועלן אויך נישט אָפּחוזקן פון מיין סטראָי און מיין צוקאַליטשעטער שפּראַך, ווייל מען דאַרף דאָך מיט זיי נישט צו רעדן. זייַ־זשע־מיר אַ מליץ־יושר פאַר די גבאים פון דער בערלינער חברה־קדישא. די ווינער בית־החיים׳ס האָבן שוין גענוג היטערס, וויל איך זיי, חלילה, נישט אויסקאַרבען.

אין דעם רייסטער גייט אויך אַריין: מעגסט אים לאָזן היטן דעם שטיין (= די מצבה), און אויך דאָ איז געווען אַ לאָקאַלער ניואַנס: מעגסט אים לאָזן היטן דעם פּידקאַמינער שטיין. די כוונה איז צו יענעם גרויסן שטיין וואָס, לויט אַ פאַרשפּרייטער לעגענדע, האָט אים דער שטן אַ וואָרף געטאָן, און אויף זיין פּלאַץ שטייט דאָס שטעטל פּידקאַמין [= אונטערן שטיין] און דאַרף, פאַרשטייט זיך, קיין שמירה נישט. יוליאַן קזשיזשאַנאָווסקי, אין זיין בוך איבער דער פּוילישער פאָלקס־מעשה, ברענגט, סי׳ 5011, דעם מאָטיוו פונעם שד, וואָס וויל חרוב מאַכן אַ פּאַלאַץ אָדער אַ קלויסטער, הייבט ער אַ גוואַלדאָוונע שטיין, און לאָזט אים, מיטן הינער־קריי, אַראָפּ. עס איז אַ זייער פאַרשפּרייטער מאָטיוו און איז, צומייסט, פאַרבונדן מיט חורבות אָדער עלנטע שטיינער. ער דערמאָנט אויך דעם פּידקאַמינער שטיין, וואָס לוציאַן שעמיענסקי האָט געבראַכט זיינע מסורות אין זיין בוך איבער פּוילישע, רוטענישע און ליטווישע לעגענדעס (פּויזן, 1845, ז׳ 81).

אָבער עס קען גאָר מעגלעך זיין, אַז די כוונה פונעם יידישן לאָקאַלן זאָג איז אַ היימישערע — ר׳ ישראל בן מרדכי בערנשטיין, אַ גרויסער בראָדער עושר (אַן אייניקל פון ר׳ אריה לייב בערנשטיין, וואָס איז געווען רב־מדינה), האָט

צושטייער געגעבן צום אויפבוי פון דער שול אין פּידקאַמין, און געלאָזט אויף אַ שטיין אויסקריצן זיינע מעשים טובים, כדי אים אַריינצומויערן אין דער דאָזיקער שול. האָט דעריבער דערציילט די יידיש־דייטשישע צייטשריפט Orient (1840, ז' 93) אין אַ קאָרעספּאָנדענציע, דערמאָנענדיק, אַז די פּידקאַמינער קהילה האָט אַ ליטאָגראַפישן אָפּדרוק פון דעם געדענק־שטיין צוגעשיקט דעם עדלען פאָן לעמעל אין ווין (אויף זיין נאָמען די באַקאַנטע שולע אין ירושלים). האָט זיך דער פּידקאַמינער ראש הקהל, ר' חיים לייבוש אַפּפעלבוים דערויף אָפּגערופן, לאמור, אַזוי צו זאָגן: די קאָרעספּאָדענציע איז ווייט פונעם אמת, — ר' ישראל בערנשטיין האָט טאַקע באַצאָלט פאַר דעם שטיין, אָבער די קהילה וויל אים נישט איינמויערן, ווייל די 150 פלאָרין וואָס ער האָט געגעבן, זענען נישט קיין נדבה, נאָר אַ התחייבות. און מעשה שהיה כך היה — אין יאָר 1835 איז בערנשטיין געווען דער פּלייש־ און ליכט־פּאַכטער פון קרייז זלאָטשיוו, האָט ער זיך מתחייב געווען צו געבן 200 פלאָרין פאַרן בנין פון דער פּידקאַמינער שול; האָט אָבער בלויז געגעבן 150 פלאָרין, האָט מען דעם שטיין נישט געלאָזט איינמויערן, נאָר ער ליגט אויפן בוידעם, ביז ער וועט בכבודו קומען און זיך אים אָפּנעמען. און נאָך עפּעס, אויב מען וועל שוין דערציילן איבער נדבנות — איז ישראל בערנשטיין נישט דער ריכטיקער קאַנדידאַט דערצו, גיכער וואָלט מען באַדאַרפט צו דערמאָנען מרת שרה נאַטאַנזאָן, וואָס האָט מנדב געווען מזומנים, און אַ פּרוכת און אַ מפּה, געשטיקט אין גאָלד און זילבער, בסך הכל 1000 פלאָרין. (דאָרט, ז' 375).

27. צווישן וואַנט און ווינט

א

נישט דיך מיין איך, די וואַנט מיין איך — איז אַ באַקאַנטער זאָג און געהער צו די אָפּשווער־פֿאָרמלען, וואָס קומען אָפּוועגדן אַ בייזן גורל, אַ שלימזל, אַ קללה, פֿון מענטשן אויף אַ דומם, בעיקר אויף אַ שטיין. דיזעלבע ראָל האָט אַמאָל דערפֿילט דער אויסדרוק: משטיינסגעזאָגט, וואָס זיין עיקרדיקער באַטייט איז: דעם שטיין געזאָגט (אָדער: געקלאָגט), אָבער ער האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעריבן, און באַטייט היינט, בערך: נעבעך, לא עלינו וכדומה (איבערן אַנטוויקל זע מיין העפֿט „עצים ואבנים״, לשוננו לעם, ניסן תשי״ד). אָבער אַ סך ווייניקער איז באַקאַנט אַן אַנדערער נוסח: נישט אייך מיין איך, דעם ווינט מיין איך, וואָס האָט אַ גאָר אַנדערן מיין, נישט קיין אָפּוועגדערישן נאָר אַ צוּוועגדערישן, מען איז זיך נישט מתכוון צו ראובן אָדער צו שמעון, נאָר דווקא צו לוי. דער זאָג איז גריילעך אַ תמצית פֿון אַ זייער פֿאַרשפּרייטן פֿאָלק־מאָטיוו וואָס איז שוין געווען געדרוקט אין כמה וכמה נוסחאות, און מיר ברענגען אים איצט אין אַן אוקראַיִנישן, ווי סאָפּיאַ טערעטשענקאָוואַ האָט אים פֿאַרשריבן אין אַ דאָרף און געבראַכט אין איר אַרבעט איבער די זון־גלויבענשן (עטנאָהראַפֿיטשעסקי וויסטניק, קיעוו, 1928, באַנד 7, ז' 137):

פֿאַרצייטנס, ווען די מענטשן זענען נאָך נישט געווען אַזוי זינדיק, ווי היינט, האָט די זון אַרומגעשפּאַצירט אויף דער ערד. דערציילן אַלטע לייט, אַז איינמאָל זענען געגאַנגען אויפֿן שטראָז די זון, דער ווינט און דער פֿראָסט, און דאָ גייט אַ מיידל נאָך וואַסער, און זעט עפּעס מענטשן גיין אויפֿן שטראָז. איינער אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער און אַזאַ שיינער, וואָנסעס ביז צו די קני, וואָס בלאָזן זיך אַזוי; דער צווייטער אַ מגוהער, אַ דאַרער, אַזש גרינער, און דער דריטער אַ קליינינקער, אַ הוילינקער און בלייבט תמיד הינטערשטעליק און שקראַבעט אַזוי מיט די פּיסעלעך. דאָס מיידל טוט זיך סתם אַזוי אַ זאָג: גאָט העלף — און איז אַוועק,

און זיי האָבן זיך צעוווערטלט. די זון טענה׳ט, אַז דאָס מיידל האָט איר געזאָגט „גאָט העלף!״, און דער ווינט טענה׳ט, אַז גאָר אים, און דער פראָסט האָפקעט אַזש אונטער און זאָגט, אַז טאַקע אים. שפּעטער האָבן זיי זיך מיישב געווען, אַז עס איז גלייכער זי דערפֿאַגן און אַ פרעג טאָן. האָבן זיי זי דעריאָגט און געפרעגט: ווּעמען, מיידל, האָסטו געזאָגט גאָט־העלף? זאָגט זי: אָט דעם — און טייטלט מיטן פינגער אויפן ווינט, און איז אַוועק. די זון האָט זיך צעבייזערט, אַז עס האָט זיך איר געזעצט אַ פלאַם, און זאָגט: וואַרט, מויד, איך וועל דיך לעבע־דיקערהייט אָפּפרעגלען. מאַכט דער ווינט: ווּעסט נישט אָפּפרעגלען, איך וועל מיטן ווינט אַ וויי טאָן, וועט איר נישט פאַרשאַטן, ווּעסטו גאָרנישט פועלן. און דער פראָסט איז אָנגעברוגזט, פאַרקריצט אַזש די ציין און זאָגט: זי וועט ביי מיר פאַרפרוירן ווערן. ענטפערט אָבער־אַמאָל דער ווינט: עס וועט איר גאָרנישט געשען, איך וועל קיין פּיצל בלאָז נישט לאָזן, און אָן מיר ווּעסטו גאָרנישט אויפטאָן, באַרים דיך נישט.

דעם דאָזיקן מאָטיוו (אַרנע־טאָמפּסאָן סי׳ 298) באַהאַנדלט יוליאַן קזשיזשאַ־נאָווסקי אין זיין בוך Polska bajka ludowa [= די פוילישע פאָלקס־מעשה] באַנד 1, סי׳ 276: זון און ווינט, און ברענגט צווייערליי גירסאות: א) די זון און דער ווינט וועטן זיך, ווער עס איז שטאַרקער פון זיי, דער ווינט קען נישט אַראָפּשלעפּן דעם וואַנדראָווניקס מאַנטל, קומט די זון און וואַרעמט, טוט דער וואַנדראָווניק אַליין אויס דעם מאַנטל; ב) דער ווינט זאָגט דעם מענטשן צו, אים צו העלפן קעגן זון און פראָסט.

ב

וואָס שייך וואָנט האָבן מיר עס אין די רעכן־שפּילן ווי עס הייסט: די העלפט (אָדער: אַ פערטל וכדומה) גיב דער וואָנט, אָבער דער שותף דערצו איז נישט דער ווינט נאָר דאָס וואַסער: די העלפט (אָדער: אַ פערטל וכדומה) וואַרף אַריין אין וואַסער אַריין, און דערפון שטאַמט דער זאָג, וואָס רעאַגירט אויף עמעצנס רייד: האַלב מעגסטו וואַרפן אין וואַסער אַריין, און דער מיין איז, אַז די העלפט פון די רייד איז נישט אמת. איז אַריין אויך אין העברעיש, סיי אין ערשטן מיין — זע, אַ שטייגער, בת־שבע פעלדשטיין־שריף (דבר, י״ג תמוז תשכ״ג) „מה שתתנו / ובלבד שתתנו / לקירות — את שלקירות / לעצים — את שלעצים / מים רבים לא יכבו / את האהבה״. טייטש: וואָס איר זאָלט נישט געבן, דער עיקר איז איר זאָלט געבן, די וואָנט וואָס עס געהער צו די וואָנט, די ביימער וואָס עס געהער צו

די ביימער, אַ סך וואַסערן וועלן נישט אויסלעשן די ליבשאַפט. סיי אין אַנדערן מיין — זע, אַ שטייגער, חנוך ברטוב (אין זיין ראָמאַן „שש כנפים לאחד", ז. 65): „חצי דבריהם — טול והטביעם במים, כמות שהם, והמחצית האחרת — דינה דין גוזמה". טייטש: איין העלפט פון זייערע רייד, נעם און דערטרענק זיי אין וואַסער, ווי זיי גייען, און די אַנדערע העלפט איז אַ גוזמא.

אודאי איז די שייכות צווישן ווינט און וואַסער באַטירלעכער ווי צווישן ווינט און וואַנט. באַגעגנען מיר טאַקע דאָס ערשטע פּאָרל אין זאָג און אין זינג — זע, אַ שטייגער, יהואש (איבערזעץ פון אָמאַר־כאַיאַם): „איך קום פון וואַסער און ווי ווינד פערגעה" (נייע שריפטן, באַנד 2, ז' 124), אָדער ראָזע גוטמאַן: „ס'איז ניט נעפּל, ס'זיינען נעצן נאַסע / וואָס עס וועבט דער ווינט זיין וואַסער־ווייב" (לידער, ניו־יאָרק, 1964—1965, ז' 15); און ענלעך אויך אַלטער עסעלין: „דעם ים גיב די טרערן, די שלוכצן — דעם ווינט" (ווידוי, אידישער קעמפער, 21 אויגוסט 1958), אָבער ל. קוסמאַן שרייבט איבער איינעם, וואָס האָט זיך איבערגעשראָקן פאַרן ווינט ביינאַכט און איז גרייט זיינע זינד צו פאַרריכטן („בלעטער רוישן", תשכ"ה, ז' 50): „נאָר זאָל דער ווינט ניט רייסן ווענט"; און וואָס איז אַ סך וויכטיקער — דער נסתר האָט אויסגעפורעמט אַ ממש סימבאָליש פּאָרל: „און די ווינט־וואַנט האָט געפינסטערט ווינטלדיק, געבלאָזן און געפּרייכט־געשטורעמט" („געדאַכט", 1922, באַנד 2, ז' 96), ווי אויך: „און אַלע האָבן — — מיטן געדראַנג געריקט, מיט שטורעמנדיגן און מיט ווינט־וואַנט און אַלץ נעהענטער און נעהנטער צו דער מדבר מיט — — אָנגעקומען" (דאָרט, ז' 97). ענלעך זע ירמיה העשעלעס: „מיט ווינט פאַר ווענט און וואָלקנס פאַר אַ דאַך / פאַרגייט מיין טרוים אין שטויב פון לאַנגן שליאַך" („סאָנעטן פון תוהו ובוהו", 1957, ז' 75).

און צולעצט זע יוסף פּאַפּירניקאָוו אין זיין ליד „מיין מוזע וויל אַ גט" (לעצטע נייעס, כ"ה ניסן תשכ"ו) ווו עס הייסט: „הער איך אויס מיין ווייבס גערעכטע טענות / ווי עס הערט זיי אַ פאַרשולדיקט קינד / און כ'טראַכט: וואָס טו איך טאַקע / ווען זי נעמט און ווערט אַ האָז אין ווינט / אַנטלויפט צוזאַמען מיט די קינדער: / מיינע לידער און פּאָעמעס / און זי לאָזט מיך מיט די ווענט די נאַקעטע / און מיט דער נאַקעטקייט / פון מיינע נישט־באַלעבטע טעמעס?". ווי פון זיך אַליין שיילט זיך ארויס דאָס פּאָרל: אַ האָז אין ווינט — (= אַ הויז) מיט ווענט, אין זיין ווידעראַנאַנד: ווינט־וואַנט.

לוח השמות

אאוערבאַך בערטאָלד 49
אאוערבאַך (סאַפּיר) פייגע 144
אבודרהם (ר׳ דוד בן יוסף) 89
אבידע (זלאָטניק) יהודה לייב 186
אביטוב (בירנבוים) אברהם יצחק 20
אבן־עזרא אברהם (ראב״ע) 89, 137
אברבנאל יצחק 89
אברהם בן הרמב״ם 137
אַהלדען טאַגע 31
אוהלאַנד לודוויג 64
אָווידיוס נאזאָ 45
אָוועז ראָבערט 57
אויזערקעס (עוזרקים) מרדכי מענדל 161
אויערבאַך אפרים 161
אונגער מנשה 163
אונגער טעאָדאָר 177
אורי סטרעליסקער (רבי) 53
אַחד העם (גינצבערג אשר צבי) 163
איבסען העגריק 39
איזאַק אהרן 32
איזאַקאָוויטש אפרים 121
אייז גערהאַרד [148]
אייזיק כהן (דער שרייבער) 78
איינשפרוך חיים 18
איש האָרוויץ ישעיהו הלוי 127, 130, 136
איש הורוויץ אברהם הלוי 15
אלחריזי יהודה 155
אלחרירי 155
אַלטבויער משה 107, 108, 109, 111, 112, 113, 114
אליהו בחור הלוי 147
אליהו, (דער ווילנער גאון) 76
אליהו (פון גאַנציאַנאַ) 56
אָליצקי לייב 48, 152
אלפס בן־ציון 120, 123
אַלפּער רבקה 24
אָמאַר כאיאַם 197
אַמעלהאַר מרת 106
אָנאַצקי יעווגען 83
אַננאַ אמאליאַ (דוכסה) 43
אָסטרער (אוסטרא) משה 147
אָפּאַטאָשו יוסף 16, 19, 29, 128
אַפּפּעלבוים לייבוש 194
אֶפרת ישראל 86
אַקסענפעלד ישראל 35, 65, 187
אָקרוטני (טורקאָ) יוסף 24
אָרזשעך עקיבא 189
אַרנע־טאָמפּסאָן 60, 176, 196
אָרנשטיין (אורן) מרדכי 160

באַטאָרי סטעפאַן (מלך) 51
באָדנשאַץ 131
באָי (זשעלענסקי טאַדעאוש) 13, 114
באָכנער זאב 132
באַכראַך חיים יאיר 166
באַכשטיין י. 122
באָסאָ (בישאָף) 72
באַסטאָמסקי שלמה 182
באָראָכאָוו בער 133
באַראַק מאַקס 143
באַראַש אשר 8, 131
באָרקאָווסקי יאַן 150
באַשעוויס (זינגער) יצחק 16, 21, 36, 57, 79, 81, 91, [120], 122, 125, 133, 154, 161, 176
בודזאָן יהושע [י. בן] 14, 36
בויטיען אַנגעלוס 111, 168
בונין זוסמאַן 33
ביאַליק חיים נחמן 24, 38, 39, 90, 172, 175
ביאַליק־ראַווניצקי 140
ביכמאַן געאָרג 18
בינאָוויטש ל. 28

ביק עמיל [123]
ביק יעקב שמואל 61, 128
ביקל שלמה 8, 192
בישאָף מ. 28
בלאָך יוסף שמואל [121]
בלאָך שמשון הלוי 61
בלאָשטיין עוזר 102, 151
בלומענטאַל נחמן 25, 115
בליך יקותיאל 17, 18, 55, 137, 144
במוהרי״ם ישראל 32
בן־יחזקאל (האַלפּערן) מרדכי 128
בניהו (נסים) מאיר 158
בנימין מוספיא 89
בעננאָ (דער הייליקער) 55
בעקערמאַן שמעון 36
בער באַלעכאָווער (בירקענטאַל) 56, 74
בערדיטשעווסקי (בן־גריון) מיכה יוסף 57, 96, 151
בער־האָפמאַן ריכאַרד 159
בערל בראָדער (מרגליות בערל) 91
בערנשטיין איגנאַץ 15
בערנשטיין־זעגל 23, 65, 71, 74, 94, 95, 104, 106, 119, 123, 149, 155, 162, 174, 182, 183, 184, 187
בערנשטיין אריה לייב 193
בערנשטיין ישראל מרדכי 193, 194
בערקאָוויטש יצחק דב 24
בראָדזשינסקי קאזשימיעזש 112
בראַווער אברהם יעקב 56, 74
בראַונע ווילהעלם 124
ברטוב חנוך 197
בריינין ראובן 58, 156, 192
בריקנער אלעקסאַנדער 41, 97, 114, 115

גאָטפריד מרדכי 62
גאַלאַי בנימין 191
גאָלד (עטינגערס שוואָגער) 169
גאָלד (לעצטער) בריינדל 147
גאָלדפאַדען אברהם 69, 151, [162]
גאַליה אריה 78, 137, 139
גאַראַודי ראָגער [40]
גאָרדאָן יהודה לייב (יל״ג) 17, 18, 90
גאָרדאָן מיכל 29, 121, 138
גאָרדין יעקב 59, 67
גאַרפונקל מאָטיע 141, 142
גבירול שלמה 140

גוטמאַן ראָזע 197
גזשעגאָזש פּאָוועל פון בזשעזשין 70, 97
גינסבורג דוד 30, 135
גלאָגער זיגמונט 91
גלאָזמאַן ברוך 58
גלאַטשטיין יעקב 12, 151
גנאָנאָוויטש (גניזי) יצחק 100
געטע וואָלפגאַנג 47, 48, 191
געטע (וואָלפגאַנגס מוטער) 43
געלערנט ח. 189
גערטנער לוי 78
גערטנער מאיר 64, 78
גראָס נפתלי 57, 103, 146, 171
גרונוואַלד מאיר (מאַקס) 121
גרימעלהאוזן האַנס יאַקאָב קריסטאָפל 104
גרינבאום מאַקס 143
גרינבוים שלמה 133
גרינבערג אורי צבי 20
גרינוואַלד יקותיאל יהודה 163

דאָבאָש אַלעקסאַ 57
דאָמאַרעצקי אפרים 152
דאָמבראָווסקי מאַריאַ 154
דוד משה פון פּידאַיעץ 161
דוקעס לייבוש (לעאָפּאָלד) 158
דיאַמאַנט מאַשע 105
דייטשער שלמה 88
דינעזאָן יעקב 130
דיק אייזיק מאיר 14, 25, 32, 33, 35, 36, 47, 51, 59, 60, 100, 116, 123, 130, 145, 146, 154, 163, 165, 166, 169, 187
דיר־דורסקי יאַן 79, 97
דעליטש פראַנץ 18
דער נסתר (כהנאָװיטש פּינחס) 24, 36, 57, 58, 59, 63, 67, 84, 85, 116, 120, 123, 147, 154, 177, 197
דרויאַנאָװ (דרוינוב) אלטער 181
דרייזען יוסף 145

האַבדאַנק (סקאַרבעק) 77
האַבערמאַן אברהם מאיר 136, 140
האַגער ברוך 133
האוף ווילהעלם 110, 150
האַמבורגער חיים 51
האַמבורגער מאיר 51

האָמער 45
האָפּמאַנסטאַל הוגאָ 159
האָפּנער זלמן 147
האָפּנער מאיר 147
האָק טעאָדאָר 150
האָרוויץ ישראל 24, 57
האָרוויץ מאיר 105
האָרקאָווי (הרכבי) אלכסנדר [164]
הזז חיים 100, 101, 138, 147
הייזלער קלמן 114
היינע היינריך 47, 178
הכהן (כהן) צדוק 135
המאירי (פייערשטיין) אביגדור 53
העזיאָדוס 74
העניס אורי 82
הערוועג געאָרג 40
הערץ יוסף 144
הערשענזאָן י. 16
העשעלעס ירמיה 197

וואַכשטיין דב־בער [155]
וואַלערי פּאָל 47
וואָלף זיגפריד 22, 118
וואָלף לייזער 48
וואַסערטרילינג צבי 35
וואַסערמאַן משה שמשון 113
וויינבערג מ. [164]
וויינבערג צבי זבולון 24
וויינגאַרטן שמואל 136
וויינרייך מאַקס [22], 69, 75, 98, [101], 136, 139, 154, 169
וייסבראָד אברהם 115
ווינער מאיר 35, 65, 108, 129, 187
וויעטשאַרקיעוויטש 98
וויצענהויזן יוסף 17, 18, 55, 137, 144
ווירשובסקי חיים 161
וועלוול זבאַראַזשער (עהרנקראַנץ בנימין זאב) 37
וועגנער שלמה 116
ווערגיליוס 44

זאָילוס 45
זאַלץ חנא 189
זאַלקינסאָן־גינצבורג 18
זאַרעמבאַ אלפרעד 111
זיגלבוים לייב 88
זייפּערט משה 92
זילבערשלאַג יצחק [40]
זכריה מפּלונגיאַן 81
זעגל בנימין וואָלף 160
זעגאַדלאָוויטש עמיל 112
זשיטלאָווסקי חיים 133

חאַרטינער מאיר 27, 186
חנוך גרשון 134
חת"ם סופר (ר' משה סופר) 169

טאַוויאָוו (טביוב) ישראל חיים 187
טהיללע א. 177
טוביה הרופא 158
טובים יוליאַן 48, 112, 150
טייך משה 64
טנא עמי 56
טענדלאוי אברהם 22, 36, 74, 75, 119, 144
טערעשטשענקאָוואַ סאָפיאַ 195
טרונק יחיאל ישעיה 21, 57, 184
טשובעק י. 45
טשעמערינסקי חיים (ר' מרדכלי) 27
טשערניאַק יוסף 62, 182
טשערניכאָווסקי שאול 39, 175

יאַבלאָנאָווסקי לודוויק 102, 109
יאַנאַסאָוויטש יצחק 120
יאַסנאָגורסקי נ. מ. 27, 71, 93
יהואש (בלומגארטן שלמה) 14, 17, 18, 39, 50, 52, 53, 63, 167, 197
יונין וואָלף 46, 172
יוסף בכור שור 137
יעקל (יאנקעל) לעהרער (קאטשקאָ) 27, 54
יצחק יצחק 65, 66

כהן יהודה לייב 33
כהן ישראל 8, 12, 152, 165
כהן [רעווערענד] 162
כמיעלאָווסקי בענעדיקט 49
כמיעלניצקי באָהדאַן 83, 84, 86
כנעני (קויפמאַן) יעקב 175
כץ חיים 161
כץ טוביה 161

לאַבענצקי אַדאַם 152

לאַודין [גענעראַל] 115
לאַורעמבורג יאָהאַן 124
לאַנדוי אלפרעד 69
לאַנדוי י. 163
לאַנדע אברהם יצחק 91
לאַנדעסבערג שלמה 108
לאַפּאַנטיין זשאַן 17
לאַפּין בער 176
לב יגאל 73
לוטער מאַרטין 31, 32, 55, 61, 96, 104, 191
לוצאַטאָ שמואל דוד (שד״ל) 175
לוקס 147
לוקרעציוס 165
ליבאַוויטש נחמיה שמואל 139
ליבערמאַן חיים 108, 113
ליטווין א. (הורוויץ שמואל) 94, 104
לייב פון פראַסטיץ 163
לייבל דניאל 37
לייוויק (האַלפּערן) ה. 39, 171
ליינער גרשון העניך [ראַדזין] 131
לינדא ברוך 89
לינדנער [משפחה] 43
לינדע סאַמועל באַגומיל 79
לינעצקי יצחק יואל 23, 60
ליס אברהם 9
ליפשיץ מרדכי יהושע 145
לנדא שמואל יצחק 25
לעווטשענקאָ מ. 60
לעוויזאָן יהודה לייב לודוויג 90
לעווין י. מ. 64
לעווינזאָן יצחק בער (ריב״ל) 136
לעווינסקי יום־טוב 182
לעיעלעס (גלאַנץ) אהרן 132, 171
לענאַו ניקאָלאַוס 47
לענין 171
לעסינג גאָטהאָלד אפרים 47
לעפין (לעווין) מענדל 128
לעשמיאַן (לעסמאַן) באָלעסלאַוו 28
ל״ש (ליכטענשטיין) הלל 169

מאָדענאַ אריה יהודה 139, 140, 158
מאַלאַדאָווסקי קאַדיע 183
מאַלטינסקי חיים 176
מאַן טאָמאַס 47
מאַנגער איציק 63
מאַנדעלקערן שלמה 53
מאַני לייב (בראַהינסקי) 67
מאַריע טערעזע 115
מאַרלאָו קריסטאָפער 47
מאַפּו אברהם 90
מאַרק יודל 183
מאַשקאָווסקי אלכסנדר 166
מגיד פון מעזעריטש (ר' דב־בער) 181
מדן מאיר 8
מהרי״ל (ר' יעקב בן משה מולין) 143
מו״ח (ווייסמאַן־חיות מרדכי) 169
מוקדוני (קאַפּעל) אלכסנדר 93
מינדען יהודה לייב 17
מיימון שלמה 181
מיצמאַכער דוד 29
מיצקיעוויטש אַדאַם [101], 102
מעלצער שמשון 17, 21
מענדעלסאָן משה 22, [22]
מענדעלע (אַבראַמאָוויטש שלום יעקב) 10, 58, 68, 75, 81, 123, 124, 167, 182
מרגליות אפרים זלמן 76
מרגליות מרדכי 140
מרגליות ראובן 113

נאַדיר משה (רייז יצחק) 63, 112, 133
נאַטאַנזאָן שרה 194
נאַכאַלניק אורקע 179
נאַשקעס שכנא 33
נווה פנינה 158
נחמן בראַצלאַווער 18
נחשון ד״ר 43
ניגער (טשאַרנע) שמואל 39, 77
ניטשע פרידריך 39
נייבאַוער אברהם 135
נעפּפּליין יאָהאַנעס 143
נתן (שטערנהאַרץ) 18, 186
נתנאלי־ראַטמאַן יעקב 106

סאַלאַנטער ישראל 170
סאַלטען פעליקס 159
סאַמאָ יהודה (לעאָ) 98
סאַנדערס דניאל 21
סאַפּיר איציק 144
סדן (וויטמאַן) אסתר 156
סוכאָוואָלסקי (דאַגין) יחזקאל 52
סוצקעווער אברהם 48
סטאַלין יאָסיף 171

סטוטשקאָו (סטוטשקאָ) נחום 18, 21, 22, 24, 34, 114, 130, 145
סיגאַל יעקב יצחק 29
סיטנער בונעם 63
סימאָנסאָן שלמה 31
סעדיה גאון 89, 137
סערוואַנטעס מיגועל 162
ספעקטאָר מרדכי 15, 16, 36, 65, 184
עמיחי (פפויפער) יהודה 40

עגנון (טשאַטשקעס) שמואל יוסף 22, [22], 36, 52, 56, 162, 175, 191
עטינגער שלמה [22], 40, 75, 98, [101], 117, 119, 132, 153, 169
עטלינגער קאַרל 32
עסעלין אַלטער 197
עפשטיין יחיאל מיכל 132
ערבען קאַרעל יאַראָמיר 11
ערטער איציק 128
עריק (מערקין) מאַקס 124

פאולוס (אַפּאָסטל) 18
פּאָלאַק ראָמאַן 115
פאַלק פעליקס 132
פּאַפּיערניקאָוו יוסף 197
פוקס אברהם משה 28
פוקס לעאָ (לייב) 30, 78, 121, 132, 143
פּיגאָן סטאַניסלאַוו 72
פּיפּירנאָ אברהם ברוך 89
פלעסנער אליהו [22]
פעלדשטיין־שריף בת שבע 196
פערל חאָלטער ה. 159
פראַנטשעסקאָ (גלח) 56
פראַנסיש יעקב 158
פראַנצאָז קאַרל עמיל 40, 138, 191
פראַנק סעבאַסטיאַן 149
פרויד זיגמונד 153
פרידלאַנד ש. 56
פריימאַן אהרן 22, [22], 55, 153, 167
פרילוצקי נח 41
פרילוצקי־לעהמאַן 160
פרעדראָ אַלעקסאַנדער 115
פרץ (פּערציקאָוויטש) יצחק 156
פרץ יצחק לייבוש 19, 23, 32, 38, 49, 58, 61, 93, 118, 131, 133, 178, 179, 188

ציוני אַרטור 143
צייטלין אהרן 38
צמח שלמה 19, 151
צפנת אהרן 168

קאַדער באָריס 151
קאַהן אב (אברהם) 187
קאַטש (כץ) קורט 161
קאָך מאַקס 150
קאָכאָווסקי וועספּאַזיאַן 44
קאָכאַנאָווסקי יאַן 71
קאָלאַך פעליקס 141, 142
קאָלבערג אָסקאַר [102], 103, 125
קאַלווין יאָהאַן 97
קאָנסטאַנטינאָווסקי (קושטאי) משה 100
קאָסאָווער מרדכי 184
קאָסל דוד 165
קאצנעלסאָן יצחק 120, 124
קאָרדאָוועראָ משה 139
קאַרטשעווסקי (אַ פּאָפּ) 60
קאָרטום קאַרל אַרנאָלד 150
קאָרמאַן עזרא 121
קאַרפּינאָוויטש אברהם 29
קוסמאַן לעאָן 17, 197
קוק שאול חנא 131
קזשיזשאַנאָווסקי יוליאַן 51, 60, 72, 91, 99, 101, 162, 177, 190, 193, 196
קיטאָוויטש יענדזשעי 115
קיריק (אַ פויער) 60
קלאָנאָוויטש סעבאַסטיאַן פאַביאַן 79, 99, 155
קלוגער שלמה 76
קליגער אבא 172
קלייסט היינריך 110
קמחי יוסף 137
קמחי דוד (רד״ק) 137
קעלערמאַן בערנהאַרד 28
קעניג עוזר 74
קערלער יוסף 176
קראַוס קאַרל 107, 109
קראַנץ פיליפּ 189
קרעבס מיכאל 43
קריסטיאַמפּאָלער שמואל 77
קרעסל געצל 109

ראַבענער גאָטליב חילהעלם 150
ראַדזשיחיל מיקאָלאַי קושישטאָף 71

ראַדיצקי לואי 170
ראַוויטש מלך (בערגנער זכריה חנא) 184
ראָזענטאַל יהודה 56
ראָזענפּאַרב חוה 63
ראָזענפעלד מאָריס 14, 80
ראָזענצווייג גרשון 12
ראָכמאַן לייבל 191
ראָלאַן ראָמען 170
ראָלניק יוסף 96
רא״ש (ר׳ אשר בן יחיאל) 89
רבנו תם 184
ר׳ בנימין (ראַדלער־פעלדמאַן יהושע) 186
רובינשטיין שמואל 24
רויזנבלאַט הארשל 120
רויטמאַן שלמה 176
ריבקינד יצחק 145
רידעל לוציאַן 103
רייזן זלמן [155]
רמב״ם (ר׳ משה בן מימון) 89, 90
רמב״ן (ר׳ משה בן נחמן) 89
רמז (דראַבקין) דוד 170
רעהרער יאָזעף 180
רעזניק שלמה 99
רשב״ם (ר׳ שמואל בן מאיר) 137
רש״י (ר׳ שלמה יצחקי) 12, 55, 89, 90, 134, 137

שאַפּיר מ. מ. 67, 162
שאַצקי יעקב 189
שאַרגעל יעקב צבי 8, 146
שאַרגעל פּירא 8
שבתאי ק. (קלוגמאַן) 170
שוואַדראָן שלום מרדכי 131, 158
שוואַרץ ישראל יעקב 24
שוואַרץ קאָפּל 13
שווערדשאַרף משה 192
שוחט עזריאל 134
שטאַדטמאַוער (שלמי) משה 88
שטאָק פראַדל 154
שטיינבאַרג אליעזר 39, 117, 126, 152, 170, 185
שטיינגאַרט משה 168
שטיינמאַן אליעזר 65 1
שטיף נחום 128, 129
שטיקער מאיר 115
שילער פרידריך 47, 62
שיף הערמאַן 117
שיפּער יצחק 43
שירמאַן חיים 98
שלו יצחק 25
שלום עליכם (ראַבינאָוויטש שלום) 23, 24, 81, 101, 106, 119, 120, 132, [164], 192
שלמה בן־ווירגא 134
שמואל י. (יאַראָסלאַווסקי) 90
שמערוק חנא 135, 178
שמ״ר (שאַיקעוויטש נחום מאיר) 14, 23, 59, 78, 95, 119, [120], 146, 154, 161, 182
שניאור זלמן (זאַלקינד) 39, 70, 90, 100, 175, 180
שנייד יחיאל 114
שניצלער אַרטור 159
שעווטשענקאָ טאַראַס 83
שעמיענסקי לוציאַן 103
שפּאַן שלמה 74
שפּיגל ישעיהו 29, 58
שפּירא נח 89
שפּירא מאַליע 118
שפּירא משה 118
שרעדער ווילהעלם 121

תלמי (פּטאָלאמעאוס) אויערגעטעס 96